STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01855

DI HOYPT SHTREMUNGEN IN DER LITERATUR FUN NAYNTSENTEN YORHUNDERT

Georg Morris Cohen Brandes

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געארג בראַנדעס

די הויפּט שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון ניינצענטען יאָרהונדערט

באַנד 6

דער נאַטוראַליזם אין ענגלאַנד

איבערזעצט פון
דר. יעקב גרינפעלד

מאַקס נ. מייזעל
אידישער פארלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט
424 גרענד סטריט, ניו יארק
1920

Copyright by
MAX N. MAISEL
New York, 1920.

אינהאַלט-פאַרצייכניס.

אײנלײטונג — — — — — — — — — — — — — — — 9

1. געמײנשאַפטליכע שטריכען פון דער צייט פעריאָדע — — — 11

2. געמײנשאַפטליכע שטריכען פון׳ם פאָלקס-כאַראַקטער — — 17

3. דער פּאָליטישער הינטערגרונד — — — — — — — — — 29

4. די געבורט פון׳ם נאַטוראַליזם — — — — — — — — — 52

5. די טיפקייט און דער אמת פון׳ם נאַטור-געפיהל. — וואָרדסוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — 60

6. דאָס דאָרפס-לעבען און זיין פּאָעזיע. — וואָרדסוואָרט — — — 76

7. נאַטוראַליסטישע ראָמאַנטיק. — קאָלדרידזש — — — — — 102

8. דער פריוהייטס-באַגריף פון דער זעע-שול — — — — — 119

9. די אָריענטאַלישע ראָמאַנטיק פון דער זעע-שול — — — — 125

10. דער היסטאָרישער און עטנאָגראַפישער נאַטוראַליזם וואָלטער סקאָט — — — — — — — — — — — — — — 140

11. דער אוניווערסאַלער סענסואַליזם. — קיטס — — — — — — 174

12. דער אירלאַנדישער אויפשטאַנד און די אָפּאָזיציאָנס פּאָעזיע 200

13. עראָטישע ליריק — — — — — — — — — — — — — 244

נאַטוראַליזם אין ענגלאַנד.

איינליימונג.

עס איז מיין אבזיכט, אין דער ענגלישער ליטעראטור פון די ערשטע צעהנער יאָהרען פונ'ם איצטיגען יאָהרהונדערט צו שילדערען די שטארקע, טיעף־באגרינדעטע און פאָלגענרייכע שטרעמונג פונ'ם ענגלישען גייסטיגען לעבען, וואָס, — זייענדיג פריי פון אַלע קלאסישע פאָרמען און טראדיציעס, — ברייננגט ארויס א נאטוראליזם, וועלכער באהערשט די גאנצע ליטעראטור און פיהרט צו ראדיקאליזם, איבערגעהט פונ'ם שטארקען ארויס־טריט קעגען די אַלטע ליטעראַרישע קאָנווענציעס צו'ן א מעכ־טיגער ענטריסטונג קעגען דער רעליגיעזער און פאָליטישער רע־אַקציע און טראָגט אין זיך די קערענדלאך פאר די פרייע אידעען און עמאנציפּאציעס, וועלכע די אייראָפּעאישע קולטור האָט זייט יענער צייט פארווירקליכט.

די ליטעראַרישע פעריאָדע, וואָס איך וויל איצט באשרייבען, איז העכסט פּראָדוצירענד אין פארשידענארטיגע אווטארס און שולען, וואס זיינען זיך אָפט פרעמד און אויך אפילו געגנער איי־נער דעם אנדערען. ווען אפילו דער צוזאמענהאנג פון די פארשיע־דענע אווטארס און שולען איז נישט פאר יעדען גענוג קלאָהר און נאָר פאר'ן קריטישען אויג, דאָך האָט אָט די פעריאָדע איהר איינ־הייט און דאָס בילד, וואס זי שטעלט מיט זיך פאָר, איז — ווי פיעל־פּאַרביג און ניט־איינגעשטעלט דאָס איז — דאָך א וואונ־דערפול שעהן בילד פונ'ם גרויסען מייסטער נאַטור.

1.

געמיינשאַפטליכע שטריכען פון דער צייט פעריאָדע.

אין דער גרופּע פון דער ענגלישער ליטעראַטור באַמערקען מיר באַלד, אַז זי האָט געוויסע כאַראַקטעריסטישע שטריכען געמיינשאַפטליך מיט דער גאַנצער אייראָפּעאישער גייסט־ריכטונג פון יענער צייט. זיי זיינען געמיינשאַפטליך דערפאַר, ווייל זייער ענטשטעהונג איז פון איינער און דערזעלבער אורזאַך. נאַפּאָלעאָן האָט אָנגעשראָקען אייראָפּא מיט אַ וועלט־מאָנאַרכיע. טיילוויז אינסטינקטיוו, טיילוויז באַוואוסטזיניג האָט דער אָנגעשראָקענער פאָלקס־גייסט זיך געזוכט צו ראַטעווען אין זיינע אייגענע נאַציאָנאַלע לעבענס־קוועלען. אין דייטשלאַנד ערוואַכט און פאַרשפּרייט זיך דאָס נאַציאָנאַל־געפיהל אין פאַרלויף פון די פריי־הייטס־מלחמות; אין רוסלאַנד ברעכט דאָס אויס מיט דער שרפה פון איהר אַלטער הויפּט-שטאָדט; אין ענגלאַנד רופט עס אַרויס באַגייסטערונג פאַר וועלינגטאָן און נעלסאָן און בלוטיגע מלחמות פונ'ם ניל ביז וואַטערלאָ, כדי צו דערהאַלטען די אַלטע ענגלישע הערשאַפט אויפ'ן ים; אין דענמאַרק רופט אַרויס די קאַנאָנאַדע אויף קאָפּענהאַגען אַ נייעם פאָלקס־גייסט און אַ נייע ליטעראַטור. עס איז דער נאַציאָנאַלער גייסט, וואָס פיהרט די אַלע פאַרשיעדענע פעלקער זיך צו פאַרטיעפען אין זייער אייגענער געשיכטע, אייגענע זיטען, לעגענדען און פאָלקס־לאָר. די ליעבע צו פאָלקסטימליכקייט פיהרט דערצו, אַז דאָס אַזוי גערופענע „פאָלק”, די נידעריגערע געזעלשאַפטס־שיכטען, זאָלען מעהר שטאַרק אין דער ליטעראַטור רעפּרעזענטירט ווערען, וואָס די ליטעראַטור פון אכצעהנטען יאָהרהונדערט האָט נאָך ניט באַוויזען צו טאָן. די רעאַקציע געגען פראַנצויזיש אלס וועלט־שפּראַך פאַראורזאַכט אפילו אַ הויכע אַכטונג פאַר'ן דיאַלעקט.

אין דייטשלאַנד, ווי מיר האָבען שוין פריהער געזעהען, פיהרט דער פּאַטריאָטיזם צו באַגייסטערונג פאַר דער דייטשער פאַרגאַנגענהייט, מיטעל־אַלטער, גלויבען, אַבערגלויבען און געזעלשאַפטס־אָרדנונג.

אין איטאַליען מערקט מען גאַנץ קלאָר אין מאַנצאָני׳ס רעליגיעזע הימנען דאָס צוריקקערען צום קאַטאָליציזם. די דאָגמאַטישע און אַסקעטישע רעליגיע פאַרוואַנדעלט זיך אין פּאָעזיע און מאָראַל; זי ווערט פון אַ גלויבען אַ קינסטלערישער מאָטיוו. מאַנצאָני׳ס רעליגיעזע באַגייסטערונג איז דיזעלבע, וואָס פיהרט דעם פּאַפּסט צוריק קיין רוים און גיט איין אַלעקסאַנדער דעם ערשטען די אידעע פון אַ הייליגער אַליאַנץ. אפילו פראַנקרייך, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט נאַפּאָלעאָנען, איז פון׳ם צייטגייסט געצוואונגען געוואָרען צו געהן רעמזעלבען וועג ווי דייטשלאַנד. — די נייע פראַנצויזישע ליטעראַטור־באַוועגונג איז געווען געגען דער אַקאַדעמיע, געגען דער אַזויגערופענער קלאַסישער, ד. ה. אַבסטראַקט־קאָסמאָפּאָליטישער ליטעראַטור, — די פּעריאָדע פון לודוויג דעם פערצענטען איז אינגאַנצען פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען און מען האָט זיך גענומען צו די דיכטער פון׳ם זעכצענטען יאָהרהונדערט, דיו־בעלייַ און ראָנסאַר, יאָ, אפילו צו די אָרימע אידעע־פּאָעטען, וועלכע באַלאָ האָט פאַרלאַכט און פאַרשטויסען. (פאַרגלייך וויקטאָר הוגאָ׳ס אַרויסטרעטען געגען דער ליטעראַטור־פּעריאָדע פאַר איהם, סען־בעפּ׳ס ערשטע ליטעראַטור־געשיכטליכע שריפטען, „לע גראָטעסק” פון טעאָפיל קאָויטיע). דענעמאַרק איז אין אָנפאַנג פון יאָהרהונדערט באַהערשט געוואָרען פון דער דייטשער שטרעמונג. דאָס האָט אַרויסגעבראַכט אַ געגנערשאַפט צו דער פראַנצויזישער קולטור. עלשלעגער׳ס ליעד „די סטאַטוע” אין דער „רייזע קיין לאַנגעלאַנד”, דייטעט אָן דעם כאַראַקטער פון דער נייער באַוועגונג. דער דיכטער באַטראַכט צוערשט די אין פרעמדען צימער געפונענע סטאַטוע פאַר וואָלטער׳ס ביוסט און באַמערקט:

מיר זיינען ניט פון דערזעלבער שול

איינער פון אונז מוז געהען.

שפּעטער ענטדעקט ער, אַז דאָס איז רוואַלד׳ס ביוסט און לאָזט זיך אַריין אין ליבגעזאַנגען פאַר׳ן דיכטער. אויך אין הויד׳ס

„האמאריאַדע" פאַנגט די נייע שול אָן איהר קאמף קעגען די פראַנ־צויזישע גייסטעס־ריכטונג, באַזונדערס ווי זי ערשיינט ווען מען קוקט אויף איהר דורך דייטשע ברילען. אויסערדעם האָט סטע־פענס געבראַכט די דייטשע קולטור־שטרעמונג קיין צפון. ערשט אינ'ם צווייטען, גלייך־וויכטיגען, שטאַדיום פון דער באַוועגונג נעמט אָן די פּאָלעמיק קעגען פראַנקרייך א כאַראַקטער פון א פּאָ־לעמיק געגען אַלץ וואָס איז פרעמד, באַזונדערס געגען דייטשלאַנד, וואָס האָט ביי אונז אין דענמארק פון תמיד אָן געשפּיעלט די ראָל פון דעם אונטערדריקער. אַזוי ארום האָט דורך א מאָדנער אבער נאַטירליכער קאָנסעקווענץ דאָס צוריקקעהרען צו פּאָלקסטימליכ־קייט, וואָס מיר האָבען געלערענט פון דייטשלאַנד, אונז אַלץ מעהר און מעהר דערווייטערט פון איהר. (סקאַנדינאַווישע ריכטונג, גרונדטוויג).

אין ענגלאַנד געפינען מיר דיזעלבע גרונד־שטריכען, וואָס באַ־צייכענען די באַוועגונג אין אַלע אַנדערע לענדער. מען האָט אראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם פראַנצויזישען איינפלוס, וואָס האָט אין אכצעהנטען יאָהרהונדערט באַהערשט די העכערע קלאַסען. פּאופּ, דער לעצטער דיכטער פון דער קלאַסישער ריכטונג, איז שוין ניט אַנערקענט געוואָרען פונ'ם אינגערען דור אַלס מייסטער. מען האָט שוין דעם קליינעם מאַן געצופּט זיין שעהנעם פּאַרוק און צוטרעטען די שעהן־געאָרדנעטע שורות פון זיין גאָרטען. און איצט האָט זיך ערשט ארויסגעוויזען, וואָס פאַר א שטאַרקען אינטעלעק־טועלען רעזערוו דער בריטישער פּאָלקס־גייסט באַזיצט אין די פריי־שע, פון דער קולטור ניט אויסגעשעפּטע, מלוכות, וואָס ליגען ווייט פונ'ם מיטעל־פּונקט פונ'ם פּאָליטישען לעבען. אירלאַנד, וואָס האָט אין אכצעהנטען יאָהרהונדערט ארויסגעבראַכט אַזאַ דענקער ווי סוויפט און אַזאַ שריפטשטעלער ווי גאָלדסמיט, האָט פאַרמאָגט א גרויסען אוצר פון וואונדערשעהנע מעלאָדיען, וואָס זיינען גע־זונגען געוואָרען אין גאַנץ אייראָפּאַ אַזוי שנעל ווי א גרויסער לי־רישער דיכטער האָט צו זיי צוגעפּאַסט ווערטער. די וואַליסער האָבען געזאַמעלט און פאַרפּעננטליכט זייערע אַלטע דיכטונגען. און אין שאָטלאַנד, וועמעס נידריגערע געזעלשאַפטס־שיכטען עס זיינען נאָך ניט אָנגעשטעקט געוואָרען פון דער געדריקטער לעבענס־

ארט פון די ענגלישע פאבריק־ארבייטער און וועמעס איינוואוינער
עם האָבען זיך געהאלטען פעסט און געווען שטאָלץ אויף זייער פאר־
גאנגענהייט און זייער לאנד, זייערע פאָלקס־ליעדער, זייער אבער־
גלויבען און זייערע פאָליטישע אייגענטימליכקטען, איז ערשיענען
אינ׳ם לעצטען דריטעל פונ׳ם אכצעהנטען יאהרהונדערט מאקפער־
סאָנ׳ם אסיאן אלס א פראטעסט קעגען די קאלטע פארשטאנד
און רעגעל־דיכטונג. דער איינפלוס פון אסיאן איז געווען גלייך
גרויס אויף אלפיערי און פאסקאלא אין איטאליע, אויף הערדער
און געטע אין דייטשלאנד און אויף שאטא־בריאן אין פראנקרייך.
שפעטער ערשיינט אין ענגלאנד פארסים זאמלונג פון אלטע ענגלי־
שע פאָלקס־ליעדער און אין שאטלאנד — די זאמלונג פון אלט־
שאָטישע באלאדען פון וואָלטער סקאָט.

אָבער, צווישען אָט די צוויי ליטעראַרישע ערשיינונגען קומט
פאָר פון לאנד צו לאנד און צוריק איינע פון יענע שטרעמונגען
וואָס איז מיין איצטיגע הויפט־אויפגאבע נאָכצואווייזען און וואָס
קומט דאָ גאנץ קלאָהר ארויס. א קורצע צייט נאָך דער ערשיינונג
פון פערסי׳ס זאמלונג, איז דאָס בוך אריינגעפאלען אין די הענד
פון א קליינעם אָרימען געריכטס־באאמטען, וואָס האָט געוואוינט
אין א דאָרף ביי געטינגען און געלעבט אין שלעכטע פארהעלטע־
נישען. עס מאכט אויף בירגער׳ן אזא שטארקען איינדרוק, אז
עס רופט ארויס א רעוואָלוציע אין זיין גאנצען געמיטס־צושטאנד
און ווירקט אויף איהם אָנצושרייבען עפעס אזוינס, וואָס איז לאנג
געווען פארבאנט פון דער קונסט־דיכטונג וואָס ער אָבער רופט
עכטע „פאָעזיע” (צו באגעזען, זעה „לאבירינט”) — א באלאדע.
אזוי ארום פאנגט ער אָן זיין בעריהמטע „לענאָרא”, ארבייט
אויף איהר לאנגזאם וואָך איין, וואָך אויס, און איז אזוי פעסט
איבערצייגט פון דער וויכטיגקייט פון זיין אונטערנעמונג, אז ער
הערט זיך ניט אויף צו בעריהמען דערמיט אין די בריעף צו זיינע
פריינד. די באלאדע ערשיינט און צוטראָגט זיך באלד איבער גאנץ
אייראָפא. אין יאָהר 1795 האָט א יונגע דאמע אין עדינבורג
אויף אָט דער באלאדע געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון אָן אנ־
דער געריכטס־באאמטען. דער יונגער יוריסט, וואָלטער סקאט,
וואָס האָט פארשפראָכען צו זיין נאָך א גרעסערער דיכטער, האָט

נעמאַכט זיין ליטעראַרישען דעבוט מיט דער איבערזעצונג פון „לעאָנאַרע“ און פון א צווייטער באַלאַדע „דער ווילדער יעגער“. ווען אַט די איבערזעצונגען זיינען אויפגענומען געוואָרען מיט ביי־פאַל האָט דער איבערזעצער זיך אָנגעפאַנגען צו האַלטען פאַר א גרויסען דיכטער. אויף דער גרונדלאַגע פון אַט די איבערזעצונגען און אויך פון דער איבערזעצונג פון „געץ פון בערליכינגען“ וואָס סקאָט האָט פאַרעפענטליכט אין 1799, איז די נאַציאָנאַל־שאָטישע ראָמאַנטיק געוואַקסען אין איהרע דיכטונגען.

דאָ, אין אַט דער ליטעראַטור באַגעגענען מיר שוין די ערשטע סימפּטאָמען פון דער געמיינשאַפטליכער אייראָפּעאישער רעאַק־ציע קעגען דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט. דאָס לעבעדיגע נאַ־ציאָנאַל־געפיהל, וואָס פאַרטרייבט דעם קאָסמאָפּאָליטיזם, ווייזט זיך אַרויס אין ענגלאַנד ביי וואָרדסוואָרט אין דער פאָרם פון פּאָ־עטישער באַשרייבונג פון׳ם פּאַטריאָטיזם; ביי סאָוטיי — אַלס גאַנץ אָדער האַלב־אָפּיציעלע פאַרהערליכונג פון׳ם קעניגליכען הויז און די נאַציאָנאַלע העלדענטאַטען; ביים שאָטלענדער קעמפּ־בעל — אין דער פאָרם פון ליידענשאַפטליכע קריגס־און פריי־הייטס־ליעדער אין דער צייט, ווען סקאָט און מור זיינען די פּאָ־עטישע פאַרקערפּערונג פון שאָטלאַנד און אירלאַנד. דאָס אַלגע־מיינע צוריקשטרעבען צו פאָלקסטימליכקייט האָט זיין הויפּט־פאַר־טרעטער אין וואָרדסוואָרד, וואָס גיט זיך באַזונדערס אָפּ מיט שיל־דערונגען פון די נידעריגערע פאָלקס־שיכטען; די פאָרליעבע צום מיטעל־אַלטער ווערט אַם בולט׳סטען אַרויסגעבראַכט דורך וואַל־טער סקאָט, וואָס פאַראייניגט אין זיך די ליעבע פון׳ם אַנטיקוואַר פאַר דענקמאַלען פון דער פאַרגאַנגענהייט מיט דעם שטאַרקען חשק פון׳ם טאַריי־פּאָליטיקער צו שילדערן דאָס אַלטע אין אַן אַנ־ציהענדער באַלייכטונג. די ראָמאַנטיק פון׳ם אַבערגלויבען גע־פינט איהר דיכטער אין קאָלרידזש, וועמעס אַבזיכטליכע נאַאי־וויטעט און איינפאַכקייט עס האָט א גרויסע ענליכקייט צו טיק׳ם; קאָלרידזש איז אויך דער, וואָס האָט, אליין זייענדיג דער רעפּרע־זענטאַנט פון דער דייטשער פילאָזאָפיע פון יענער צייט, אויפגעהוי־בען א ווויסענשאַפטליכען פּראָטעסט קעגען דער אויפקלערונגס־פּע־ריאָדע. זיין פילאָזאָפיע איז דורכאויס ניט ענגליש, ריין אַפּריאָ־

ריסטיש, קאָנסערוואטיוו, רעליגיעז און היסטאָריש, דער היפוך פונ׳ם עקספערימענטאלען כאראקטער פון דער ענגלישער וויסענשאפט, וואָס איז ראדיקאל, אונגלויביג און מעטאפיזיש; עס איז א „שעלינגיאניזם״, וואס זוכט פון אָנהויב אָן זיך ניצליך מאַכען אזוי פיעל רעזולטאטען פונ׳ם פאָריגען יאָהרהונדערט ווי עס איז איהם נאָר מעגליך, וואָס האלט זיך אָבער צו דערזעלבער צייט עקשנות׳דיג פעסט אינ׳ם אָנטקעגענגעזעצטען עקסטרעם, דורך וועלכען די פריהערדיגע צייט איז אזוי געשטרויכעלט געוואָרען. דער פארטרעטער פון דער אונקלאָהרער, פאנטאסטישער ריכטונג איז סאוטיי מיט זיינע אָריענטאלישע עפאפעען. וואס אנבאלאנגט די ליידענדע און ליידענשאפטליכע העלדען פון שאטאָבריאן און פונ׳ם ראָמאנטיזם אין אלגעמיין, קומען זיי ארויס ביי בייראָן אין א מעהר ליידענשאפטליכער און מענשליכער געשטאלט אין דער צייט, ווען שעלי׳ס ספירטואליזם און זיין אויפלעזען פון אלע פעסטע פאָרמען אין עטער־מוזיק דערמאָנט אונז אינ׳ם אייפער און דער אונקלאָהרקייט פון נאוואליס.

2

געמיינשאַפטליכע שטריכען פונ׳ם פאָלקס־כאַראַקטער.

אַט די געמיינשאַפטליכע און הויפּט־גרונד־שטריכען פון דער פּעריאָדע ווערען אויף אַ זעהר בולט׳ן אופן מאָדיפיצירט דורך געוויסע ספּעציעל ענגלישע כאַראַקטער־שטריכען, וואָס, כאָטש מען מערקט זיי נישט ערגעץ אַנדערש, קומען זיי אָבער גאַנץ קלאָהר אַרויס ביי די פאַרשידען־אַרטיגע גייסטער, וואָס טרעטען אַרויס אין דער ענגלישער ליטעראַטור פון יענער צייט.

אַט די שטריכען שטאַמען אַלע אָפּ פון איין איינציגען שורש: דער שטאַרקער נאַטוראַליזם. ווי מיר האָבען שוין געזעהן, איז דער ערשטער שריט פון דער נייער ליטעראַרישער באַוועגונג באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַלע שריפטשטעלער זיינען געוועזען נאַציאָנאַל אינספּירירט. אָבער נאַציאָנאַליזם אין ענגלאַנד מיינט נאַטוראַליזם, אַזוי גוט ווי אין דייטשלאַנד מיינט דאָס דאָמאַנטיזם און אין דענמאַרק אַ פאַנאַטישע איבערגעבענקייט צום אַלט־סקאַנדינאַווישען. די ענגלישע שריפטשטעלער האָבען אַלע אָהן אויסנאַהם מיט אַנדאַכט שטודירט, פאַרעהרט און פאַרגעטערט די נאַטור. וואָרדסוואָרט, וואָס האָט ליעב צו געבען זיינע נייגונגען דעם כאַראַקטער פון אידעען, שרייבט אויף דאָס וואָרט „נאַטור" אויף זיין פאָהן און שטעלט פאָר אין גראַנדיעזע בילדער בערג, ימים, טייכען, פּויערען און אַרבייטער פון צפון־ענגלאַנד מיט דער קליינליכסטער פּינקטליכקייט. סקאָט׳ס נאַטור־שילדערונגען זיינען, ווי באַקאַנט, געמאַכט נאָך אָרט־נאָטיצען און אַזוי געטריי, אַז אַ באָטאַניקער וואָלט דורך זיי געקענט שטודירען די דאָרטיגע פלאַנצען־וועלט. קיטס מיט זיין גאַנצער פאַרהערליכונג פאַר דאָס אַלטע און פאַר גריכישער מיטאָלאָגיע, איז אַ סענזואַליסט, איז באַ־

נאַבט מיט די שאַרפסטע חושים און מיט דער פיינסטער פיעלזייטיגער עמפּפינדליכקייט, וואָס זעהט, הערט, פיהלט, שמעקט און אטעמט איין אַלע שאַטירונגען פון פאַרבען־פּראַכט, פויגעל־געזאַנג, זיידען־ווייכקייט, טרויבען־זאַפט, און בלומען־גערוך, וואָס נעמט אַרום די נאַטור. מאָר איז די פאַרקערפּערונג פון גייסטיגע עמפּפינדליכקייט. דער פאַרצערטעלטער דיכטער, וואָס פאַרצערטעלט אויך אַנדערע, לעבט, ווייזט אויס, אין די שענסטע און אויסגעקליבענסטע אייגענטימליכקייטען פון דער נאַטור; ער פאַרבלענדעט אונזער גייסט מיט זון־שיין, פאַרשלעפּערט איהם מיט נאַכטיגאַל־מעלאָדיען און פאַר'שכור'ט איהם מיט זיסקייט. מיר לעבען מיט איהם אין אַן ענדלאָזען חלום פון פליהען, בלומען, רעגענבויגען, שמייכעל, חן, בליהונג, שעמעוודיגקייט, טרערען, קושען און נאַכאַמאָל קושען. די שטאַרקסטע טענדענץ אין בייראָן'ס „דאָן זשואַן” און שעלי'ס „די סענסי” איז אין גרונד נאַטוראַליזם. מיט אַנדערע ווערטער, דער נאַטוראַליזם אין ענגלאַנד איז אַזוי שטאַרק, אַז ער דרינגט דורך קאָלרידזש'ס ראָמאַנטישען איבער־נאַטוראַליזם, וואָרדסוואָרט'ס טיעף־קירכליכען טעאיזם, שעלי'ס אטעאיסטישען ספּיריטיזם, בייראָן'ס רעוואָלוציאָנערען ליבעראַליזם און סקאָט'ס אינטערעסירען זיך פאַר דער פאַרגאַנגענהייט; ער באַהערשט ביי אַלע דיכטער זייער פּערזענליכען גלויבען און זייער פּאָעטישע ריכטונג.

אָט דער שטאַרקער, זאַפטיגער רעאַליזם איז אַ פּראָדוקט פון פאַרשידענע שטאַרק בולט'ע ענגלישע כאַראַקטער־שטריכען — צו אַלער ערשט ביי דער ליעבע צום לאַנד און צום ים. כמעט אַלע ענגלישע פּאָעטען פון יענער צייט וואוינען אָדער אין דאָרף אָדער ביים ים. די ענגלישע מוזע איז פון תמיד אָן געוועזן אַ פריינדין פון דאָרף־הויפען און פאַרמערייען. וואָרדסוואָרט'ס עכט ענגלישע פּאָעזיע האַרמאָנירט פאָלשטענדיג מיט די באַקאַנטע בילדער און גראַווירען פון'ם ענגלישען דאָרף־לעבען, וואָס טראָגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פון געזונדקייט און גלייכמעסיגער רוהיגקייט. אָפט איז דאָס בילד אָנגעהויכט מיט אַ מין עוואַנגעלישער הייליגקייט, וואָס איבערגיט די פּאָעטישע אַנדאַכט פון'ם דאָרף־פּריסט, אָדער פון די תפלות אין הויז. בערנס, דער פּאָעט הינטערן פלוג און

גרעסטער פּאַטעטישער זשעניע אין שאָטלאַנד, האָט גאַנץ פריה געווידמעט די שאָטישע דיכטונג דעם דאָרף־לעבען. עס ליגט אויך אמת אינ׳ם בייסענדיגען אויסדרוק פון עמערסאָן, אז סקאט האָט אין אלע זיינע עפּאָפּעען מעהר ניט געגעבען ווי איין רייזע־בוך איבער שאָטלאנד אין ריטמען. אז שוין זיינע צייט־גענאָסען האָבען פון איהם געהאט דעמזעלבען איינדרוק, זעהט מען פון מאָר׳ס סאַטירישע וויצען איבער דעם ווי סקאט „ווערט פאַרטיג" מיט איין פריצ׳ישען הויף נאָכ׳ן אנדערען. און וואָס פאר א ראָל שפּיעלען אָט די פריצי׳ישע הויפען ביי אָט די צוויי גאַנץ ענגעגענגעזעצטע דיכטער־נאַטורען ווי בייראָן און סקאט! דער נאָמען ניו־סטעד איז אזוי שטארק פארבונדען מיט בייראָן ווי דער נאָמען אבאטספאָרד מיט וואלטער סקאט. דאָס אַלטע פריסטערטום מיט דער מיטעל־אַלטערליכער און פאַנטאַזיע־פולער ארכיטעקטור איז פאר בייראָן די נויטיגע באגלייטונג צו זיין פער־טיטול און א מין ערבות צו האָבען אן אייגענע היים אין ענגלאַנד. ער פארקויפט דאָס ערשט, ווען ער פארלאָזט אינגאנצען זיין פאָטערלאנד. וואלטער סקאט׳ס נחלה איז אמת נישט אזוי אַלט און בכבודיג; אבער ער קויפט אבאטספארד דאמאלס, ווען ער קען שוין זיין שטענדיגען שטארקען וואונש נאָך א נחלה ניט מעהר באזינגען, און אָרדענט זיך אזוי איין אין דער צייט פון זיין דארטיגען גליקליכען אויפענטהאלט, ווי ער וואלט פון תמיד אן געלעבט נאָר מיט דעם איינציגען צוועק ארויסצואווייזען די קעניגליכע גאסט־פריינדליכקייט פון א שאָטלענדישען פריץ און פיהרען אן אומגעצוואונגענעם ארט לעבען אויף דער פרייער לופט. ער האָט באזונדערס חשק צו געפאהר־פולע פארגעניגען, איבערצובראדזשען א שטורעמדיגען טייך וואו ער וואלט מיט פופציג טריט ווייטער געקענט טרעפען א בריק, אדער רייטען אויף א משונה׳דיג ווילד פערד, אויף וועלכען אן אנדערער וואלט ניט געוואגט זיך צו זעצען, און ביי פאקעל־באלייכטונג כאפּען לאקסען מיט׳ן שפּיז, ווערענדיג אָט דורכגענעצט פונ׳ם רעגען אָט דורכגעפראָרען פון דער נאכט־קעלט. וועלכער קענער פון בייראָן׳ס לעבען דערמאָנט זיך ניט דערביי אָן בייראָן׳ס פארליעבע פאר ווילדע פערד און זיינע וואגענדיגע שווים־טאַרזוריַזן!

פון דעסטוועגן ליגט אינ׳ם פאַרהעלטניש פון אַט די צוויי דיכטער צו איהרע גרונד־באַזיצונגען אַ מין היפוך, וואָס כאַראַקטעריזירט די פאַרשידענקייט פון אַט די נאַטורען. בייראָן׳ס פאַר־ליעבע פאַר ניו־סטעד ליגט אין זיינע אריסטאָקראַטישע נייגונגען, סקאָט׳ס פאַרליעבע פאַר אבאטספארד — אין זיינע היסטאָרישע אינסטינקטען. פונקט ווי וואַלטער סקאָט׳ס נחלה האָט געהאַט אַלס הינטערגרונד דעם עטריקער־וואַלד, אזוי האָט אויך ניו־סטעד געהאַט אַלס הינטערגרונד דעם שערוואוד־וואַלד, וואָס איז אזוי באַריהמט געוואָרען דורך ראָבין הוד און זיינע לוסטיגע חברים. ניט קוקענדיג אויף דעם אַלעמען האָבען אַט די עראינערונגען אויף בייראָנ׳ען ניט געהאַט קיין באַזונדערען איינפלוס, כאָטש אינ׳ם דרייצעהנטען געזאַנג פון זיין „דאָן זשואַן" באַזינגט ער אזוי שעהן דעם פריסטער־אַמט. דערפאַר אָבער קלינגען די עראינערונגען פונ׳ם עטריקער וואַלד ווי אַ רעפרעין אין די דיכטונגען פון וואַל־טער סקאָט: ער און ניט בייראָן איז עס, וואָס וועקט אויף פון קבר דאָס לעבען, די פּאָעזיע פון שערוואוד־וואַלד. (אין „איוואַנ־האָ.")

אַ צווייטע אייגענטימליכקייט פונ׳ם נאַטוראַליזם איז די ליעַ־בע פון די דיכטער פאַר דעם העכערען מין חיות און זייער שטענ־דיג פאַרהעלטניש צו דער חיות־וועלט. זיי האָבען אַ פאַרליעבע צו אַלע הויז־חיות — די קאָנסעקווענץ פון זייער ענגלישען היימאַט־געפיהל. ווען זיי פאָהרען ערגעץ פיהרען זיי מיט זיך די היים מיט די הויז־חיות. כמעט אַט די אַלע שריפטשטעלער זיינען ספּאָרט־מענער און, ראשית כל, ליידענשאַפטליכע רייטער. מען מוז אַט דעם שטריך באַטאָנען, כדי מען זאָל ניט — ווי עס קומט אָפט פאָר — באַטראַכטען פאַר אָריגינעל אדער אינדיווידועל אַ שטריך, וואָס איז פון אַ ריין פאָלקס־פּסיכאָלאָגישען כאַראַקטער. ניט אומזיסט שטאַמט אַט די ראַסע אָפּ פון צוויי מיסטישע העלדען מיט פאַרשידענע נעמען: הענגיסט און האָרזאַ. אַט די ליעבע פון בייראָן צו פערד, הינט און אַלערליי אַנדערע ווילדע חיות, וואָס איז אזוי אָפט באַצייכענט געוואָרען אַלס אייגענטימליכקייט פון בייראָן׳ס צוריקגעצויגענקייט פון מענשען, טרעפען מיר פונקט אזוי שאַרף און בולט ביי וואַלטער סקאָט, וואָס האָט געלעבט אין בליהענ־

דיגען הויזליכען גליק. אינ'ם באקאנטען בריעף פון מעטיו איבערן לעבען אין ניו־סטעד דערזעהען מיר בייראן אלס יונגען מאן ארומגערינגעלט מיט א גאנצער מענאזשעריע אפילו מיט א בער און א וואָלף; מעדווין דערצעהלט אונז אויך אין זיינע באשרייבונגען איבער בייראָנ'ס לעבען אין איטאליען, אז אין 1821 איז ער ארויסגעפאָהרען פון ראווענא „מיט זיבען דינער, פינף עקיפאזשען, ניין פערד, איין מאלפּא, א יאגד־הונד, א „בולדאָג", צוויי קעץ, דריי גווינא־היהנער און נאָך אנדערע פויגעל." דאָס וואָלט זיך געקענט אויסווייזען, אז עס איז א ריין פערזענליכע אייגענטימליכקייט. אָבער מען זאָל נאָר לייענען, צוליעב דעם פארגלייך, אין וואלטער סקאט'ס ביאגראפיע די באשרייבונג פון זיין ציהען זיך קיין אבאטספארד. דער איינציגער אונטערשיד איז נאר, וואס דא טרעפען זיך אין א קאָמישער צוזאמענשטעלונג די טרעדלער־בודע מיט דער מענאזשעריע צוזאמען. דער צוג האָט אויסגעזעהן ווי א קאראוואן, די עקיפאזשען זיינען געוועזן פול מיט שווערטען, בויגען, שויס־בלעכען און שפּיזען. די היהנער האָט מען איינקווארטירט אין אלטע העלמען און אפילו די בהמות האָבען ביי דער פּראָצעסיע געמוזט טראגען אלטע פאָהנען, סטאנדארטען און מושקעטען. לעבען דעם צוג איז געגאנגען ביי א טוץ פויערען־קענדער אָנגעלאָדען מיט פישער־אינסטרומענטען, נעצען, לאקס־שפּיזען און האָבען געפיהרט אויפ'ן שטריק אלערליי סארטען הינט. מען געפינט געוועהנליך א שטריך פון שווערמיטיגער מעלאנכאָליע ביי בייראן אין זיין ליעבע צום הונד באטסוויין און אין דער פייערליכער אויפשריפט וואָס ער האָט געמאכט אויפ'ן הונד'ס מצבה. אָבער כדי צו פארשטעהן אָט דעם שטריך מוז מען דענקען וועגען דעם, אז דער לעבענסלוסטיגער סקאט האָט פייערליך מקבר געוועזן זיין ליעבלינגס הונד קאמפּ ביי זיך אין גאָרטען און די גאנצע פאמיליע איז געשטאנען וויינענדיג ארום קבר.

נאָך מעהר כאראקטעריסטיש פון דער ליעבע צו גרונד־באזיץ און צו פערד און הינט, וואס האָט זיך אזוי שטארק ארויסגעוויזען אין דער ענגלישער פּאָעזיע, איז די פּאָרליעבע פון די ענגלענדער צום ים. דער ענגלענדער איז אן אמת'ער אמפיביום. א גאנצע גרופּע פון די נאַטור־שילדערונגען פון אָט דער פּעריאָדע איז אן

אמת'ע ים־מאַלעריי. עס האָט עקזיסטירט אַ אַלטע און אין יענער צייט נאָך פאַרשטאַרקטע מסורה, אַז ענגלאַנד איז די קעניגין פונ'ם ים; די ענגלישע דיכטונג איז דערפאַר געווען און פאַרבליבען די בעסטע שילדערונג און אויסטייטשונג פונ'ם ים. עס פיהלט זיך אַ הויך פון דער פרישקייט און פרייקייט פונ'ם ים אין דער בעסטער פּאָעזיע פונ'ם לאַנד. דער ים אליין איז פאַר די דיכטער געווען דער פרייהייטס־סימבאָל ווי פאַר די שווייצער די אַלפּען. מיט פּאַל־קאָמענעם רעכט רופט אויס וואָרדסוואָרט אין זיינע סאָנעטען צו דער פרייהייט. (1. 12.):

צוויי שטימען זיינען דאָרט; איינע פון דעם ים,
די צווייטע פון די בערג; ביידע שטאַרק גענוג:
פון ביידע זייטען פון דער אייביגקייט,
אַ פרייהייט, דיין מוזיק דאָרט קלינגט.

דערפאַר דערוואַכט אויך ווידער ביי די בעסטע דיכטער פונ'ם לאַנד אין דער גלאַנצענדסטער פּעריאָדע פון דער ענגלישער פּאָעזיע פון אָט דעם יאָהרהונדערט דער שוין לאַנג באַגראָבענער גייסט פון דער ביקעננער צייט. קאָלרידזש'ם ליד „דער אַלטער מאַטראָס" ענט־האַלט אין זיך די גאַנצע מורא'דיגקייט און שרעקליכקייט פון'ם ים; קעמפּבעל'ס אָדע „דאָס שיפס־פאָלק פון אַלט־ענגלאַנד" שטעלט פאַר אַ באַגייסטערטע, מעלאָדישע און מוטיגע פאַרהערלי־כונג פונ'ם העלדענמוט פונ'ם ענגלישען ים־פאָלק און ענגלישער הערשער־מאַכט, בייראָנס ביקעננער־רייזען שפּיגלען זיך דירעקט אָפּ אין „טשאַילד העראָלד" און אין „דאָן זשואַן", שעלי'ס לייר־דענשאַפט פאַר'ן ים און ים־רייזען לעבט און אָטעמט דורך זיין כוואַליע־אַרטיג־באַוועגליכען ריטם פון אַלע זיינע לידער, וואָס באַזינגען ווינד און כוואַליעס און באַזונדערס פון זיין מייסטער־ווערק „די אָדע צום מערב־ווינד".

אַריבערגעטראָגען אין דער געזעלשאַפט, ווערט דער נאַטור־ראַליזם רעוואָלוציאָנער, ווי דאָס איז שוין געווען מיט רוסאָ דער פאַל. הינטער דער ליעבע צום גרונד־באַזיס און דער לוסט זיך איי־בערצוגעבען צו קאַפּריזען פונ'ם ים, וואָס דאָס איז די טיפערע

אורזאַך פונ'ם נאַטוראַליזם, ליגט ביים ענגלענדער דאָס נאָך טיפע־
רע נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייטס־געפיהל, וואָס האָט געמוזט
אונטער אַט די באַשטימטע היסטאָרישע פאַרהעלטנישען פיהרען
די ערעלסטע גייסטער צום ראַדיקאַליזם. קיין נאַציע איז אזוי
דורכגעדרונגען מיט'ן נאַציאָנאַלען זעלבסט־געפיהל ווי די ענג־
לישע; מען זעהט דאָס אם בעסטען, ווען מען טרעפט דעם ענג־
לענדער אין אויסלאַנד; ווי מיט טראָמפּעטען לאָזט ער פאַר זיך
געהען די ידיעה, אַז ער איז אַן ענגלענדער. אָט די זעלבסטשטענ־
דיגקייט, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען אין דער ענגלישער ליטעראַ־
טור, האָט אין ענטשיידענדע מאָמענטען געמאַכט די ענגלישע
קונסט פאַר אַ כאַראַקטער־קונסט און אויך געגעבען דעם
שטויס און פאַראורזאַכט די גאַנצע איבערקערעניש אין דער אייר־
ראָפּעאישער ליטעראַטור פון דער פעריאָדע מיט וועלכער מיר באַ־
שעפטיגען זיך איצט.

עס האָט זיך געפאָדערט אַן ענגלענדער, ער זאָל קענען, ווי בייר־
ראָן, אָפּשטעלען דעם שטראָם, וואָס איז אויסגעגאַנגען פון דער
הייליגער אַליאַנץ — אַן ענגלענדער ראשית כל דערפאַר, ווייל נאָר
אַן ענגלישער דיכטער וואָלט געהאַט דעם כאַראַקטער דערצו און
נאָך דערפאַר, ווייל אין יענער צייט האָבען נאָר די ענגלישע דיכ־
טער געהאַט אָט דעם אויסגעפּרעגטען פּאָליטישען האַנג און דעם
שאַרפען פּאָליטישען זין, מיט וואָס עס האָט זיך פון תמיד אָן אויס־
געצייכענט אָט די ערשטע אפשר טאַקי די איינציגע פּאַרלאַמענטאַ־
רישע נאַציע. עס האָט זיך אפילו געפאָדערט אַן ענגלענדער, אום
צו קענען מיט אַזאַ ווילדער ענערגיע אַ וואָרף טאָן די הענטשקע אין
פּנים דעם אייגענעם פאָלק. נאָר אינ'ם נאַציאָנאַל־שטאָלצעסטען
פאָלק האָבען זיך געקענט געפינען אַזעלכע גרויסע גייסטער, וואָס
זאָלען זיין גענוג שטאָלץ, צו געהען קעגען דער אייגענער נאַציע.

אָט די פּערזענליכע זעלבסטשטענדיגקייט ביי די אָנגעזעהענע
דיכטער־גייסטער פונ'ם פאָלק איז צו פאַרדאַנקען דער עכט־ענג־
לישער אייגענטימליכקייט. אָט די דיכטער האָבען אזוי גוט ווי
גאָר קיין טעאָריע ניט, זעלטען גענוג האָבען זיי אַן עסטעטישע טע־
אָריע אָבער קיינמאָל ניט קיין פילאָזאָפישע. אין דער צייט, ווען,
למשל, די דייטשען: לעסינג, הערדער, געטע און שילער האָבען זיך

ערוואָרבען באַדייטונגספולע פּאָרדינסטען פאַר דער וויסענשאַפט, איז צווישען דער ענגלישער דיכטער־גרופּע קיין איין וויסענשאַפטס־מאַן ניט פאַראַן. יאָ, דאָס מערקווירדיגסטע איז, וואָס אַט די שריפטשטעלער דיסקוטירען אפילו ניט איבער זייערע אייגענע שאַפונגען איינער מיט'ן אַנדערען. געטע און שילער קאָרעספּאָנ־דירען אָהן אַן אויפהער איבער דער נאַטור און דער רעכטער באַ־האַנדלונג פון פאַרשידענע סוזשעטען, יאָ, זיי פיהרען אָפט גאַנץ לאַנגע דיסקוסיעס וועגען דער נויטיגקייט פון א שורה מעהר אָדער וועניגער. הייבערג און זיין שול געהען נאָך באַשטימטע עסטעטי־שע פּרינציפּען, איבער וועלכע זיי האָבען זיך געאייניגט, און זייי־נען ניט וועניגער קריטיקער ווי פּאָעטען. אָבער סקאָט, בייראָן און מאַן, וואס זיינען הארציליך באפריינדעט איינער מיט'ן אַנדע־רען, געהען אַן יעדער פאַלשטענדיג איזאָלירט מיט זייערע פּאָ־עטישע שאַפונגען און קיינער פון זיי נויטיגט זיך ניט אין א וואונק, אַן עצה, אָדער א געשפּרעך פון זיין ברודער־דיכטער. אפילו ווען עס טרעפט זיך אַן אויסנאַם־פאַל, אז איינער באַאיינפלוסט דעם צווייטען, ווי למשל, בייראָן, וואָרדסוואָרט'ן אדער שעללי'ן, קומט דאָס אָבער פאַר, אַזוי צו זאָגען, בסוד, פאָלשטענדיג אומבאַוואוסט, און אויף אַזאַ'ן אופן, אַז דער באַאיינפלוסטער דערמאָהנט קיינ־מאָל ניט וועגען דעם און איז דאָס ניט מודה. אַן אמעריקאַנער שריפטשטעלער האָט אַט דעם ראַסען־מערקמאָל גוט כאַראַקטערי־זירט, ווען ער זאָגט: „יעדער פון אַט די אינזעל־באַוואוינער איז אליין אַן אינזעל".

איך האָב פריהער אָנגעדייט וועגען פּאָליטישען זין און פּאָלי־טישען אינטערעס. אַזוי ווי קיין איינציגער פון אַט די דיכטער איז ניט קיין וויסענשאַפטס־מאַן, אַזוי איז כמעט ניטאָ איינער פון זיי ער זאָל ניט זיין קיין פּאָליטיקער. די פּאָליטישע טענדענץ איז א דירעקטער פועל־יוצא פונ'ם נאַציאָנאַלען רעאַליזם. די פּאָלי־טישע איבערציינונגען פון די דיכטער קענען זיך זיין פאַרשיעדען, אבער אַלע באַטייליגען זיך: סקאָט אַלס טאָרי, וואָרדסוואָרט —אַלס ראָמאַליסט, סאָוטיי און קאָלרידזש — פריהער פאַר און נאָכדעם קעגען די פּריציפּען פון דער נייער צייט, מאָר — פאַר די אירלענדער, לאַנדאָר, קעמפּבעל, בייראָן און שעלי אַלס ראַדיקאַ־

לען — פאַר די אונטערדריקטע ביי די פעלקער און פאַר די אונ־טערדריקטע פעלקער אליין. אלס אויסנאַם קען באַטראַכט ווערן דער פּאָעט קיטס, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבען מיט דער קונסט נאָר צוליעב דער קונסט, אָבער מען מוז ניט פאַרגעסען, אַז ער איז שוין צו פינף און צוואַנציג יאָהר געשטאָרבען.

אַט דער אינטערעס פאַר דער ווירקליכקייט איז אויך די סבה, פאַר וואָס די ריין ליטעראַרישע שטרייטפראַגען (למשל, קלאַסי־ציזם אָדער ראָמאַנטיק), וואָס באַריהרען מיט זייער אבסטראַקט־קייט ניט דאָס לעבען, האָבען דאָ קיינמאָל ניט געקענט דערגרייכען צו'ן אַזאַ איבערטריבענער באַדייטונג, וואָסערע מען האָט צוגעגע־בען אין דערזעלבער צייט ריין ליטעראַרישע קאָנטראָווערזען אין דער דייטשער, דענישער און אפילו אין דער פראַנצויזישער ליטע־ראַטור. עס איז אָבער באַזונדערס אינטערעסאַנט צו זעהען ווי עס פאַרבינדען זיך ביים ענגלענדער דער פראַקטישער זין מיט דער פאַנטאַזיע. סקאָט דערפיהרט זיין אומווילען קעגען רעוואָלוציע צו ריינער דאָן־קיכאָטעריע. ער רעדט זיך, למשל, דורך מיט איי־נעם פון זיינע פריינד, אַ הערצאָג, וועגען דעם, אַז אויב די פראַנ־צויזען זאָלען לאַנדען אין ענגלאַנד, זאָל ער זיך צוריקציהען אין די וועלדער און דאָרט לעבען ווי ראָבין הוד און זיינע פריינד. כמעט אין דערזעלבער צייט ערקלערען סאוטיי און קאָלרידזש אין דער ערשטער יאַקאָבינישער ליידענשאַפט פון זייער יוגענד צו זיי־ערע באַקאַנטע, אַז זיי ווילען אויסוואַנדערען קיין אמעריקאַ ערגיץ אין אַן איינזאַמער געגענד. זיי האָבען זיך אויסגעקליבען די ברעג־גען פון סוסקעהאַנע, ווייל דער נאָמען פון אַט דעם טייך האָט פאַר אַט די יונגע לייט געקלונגען „שעהן און מעלאָדיש". זיי האָבען אין זין געהאַט דאָרט צו גרינדען אַ פאַנטיסאָקראַטישע קאָמונע, וואו דאָס אייגענטום זאָל זיין שותפות'דיג און אַלע מענשען זאָלען לעבען אין נאַטור־צושטאַנד. לענדאָר, וואָס האָט אַלס שפּאַנישער סאָלדאַט געקענט פאַר זיינע אידעען שטעלען זיין לעבען אין גע־פאַהר, האָט אין דער יוגענד אין זיין היים וואַרוויקשיר געוואָלט באַנייען די עפּאָכע פון די אַרקאַדישע אידיליען; ער איז אַלס דיכ־טער זעהר ענהליך צום סאָציאַליסט אָווען. שעלי, וואָס האָט אַזאַ פיינעם חוש פאַר פּאָליטיק, אַז ער דערמאָנט כסדר אין זיינעם אַן

אויסדרוק אין „יוליאן און מאדאלא״: „איך בין ווי אַ נערוו, וואָס דערפיהלט אפילו דעם אומבאַדייטענדען דרוק אויף דער ערד״; שעלי, וואָס האָט פאראויסגעפיהלט געוויסע פּאָליטישע רעוואָלוציעס, וואָס האָט מיט פופציג יאָהר פאר דער דורכפיהרונג פון דער פארלאַמענטס־רעפאָרם ענטוואָרפען אין אַ בראָשורע אַ פּלאַן פאר איהר דורכפיהרונג; שעלי, וואָס האָט פּראָפעצייעט אין דער דראַמא „העלאַס״ דעם גליקליכען אויסגאַנג פון׳ם גריכישען אויפשטאַנד אין אַ צייט, ווען אַלע שטאַאַטסמענער האָבען איהם געהאַלטען פאר האָפנונגס־לאָז — אַט דער שעלי איז אַ ריינער פאַנטאַסט ווען עס קומט איהם אויס צו רעדען וועגען דעם אַנקומענדען גאָלדענעם צייט־אַלטער פונ׳ם מענשען־געשלעכט. מען זאָל נאָר לייענען ווי ער שילדערט דאָס נאָך אַלס יונגער מאן אין „דער קעניגען מאב״; דאָס אייז פונ׳ם נאָרדפּאָל צוגעהט, די מדבריות באַדעקען זיך מיט קאָרנפעלדער און שאָטענדיגע לאָנקעס, די יאַשטשערקע לעקט די פיסלאַך פון׳ם קינד, וואָס עסט מיט איהם צוזאַמען אַנבייסען, די ווינטען ווערען מעלאָדיש, די פירות האַלטען אין איין צייטיג ווערען, די בלומען אין איין שעהן ווערען. דער לייב שפּיעלט מיט׳ן ציגעלע, דער מענש הרג׳עט ניט און עסט ניט מעהר קיין חיות, די פויגעל האָבען מעהר ניט מורא פאר די מענשען. שרעק עקזיסטירט ניט מעהר.״ דערמאָנט דאָס ניט אונווילקירליך אין עטליכע פון די געוואָגטעסטע אוטאָפּיען פונ׳ם דאמאַלדיגען סאָציאַליזם? די איינפיהרונג פון באַלאַנסטעריען וואָלט, נאָך פוריעס פּלאַן, אזא הויכען גראַד געווירקט אויף דער עקאָנאָמיע פון דער גאַנצער ערד, אז סוף כל סוף וואָלטען זיך אויך די נאַטור־פארהעלטנישען ראַדיקאַל געענדערט. אַ קרוין פון צפון־ליכט, באַפעסטיגט ביים נאָרד־פּאָל, וואָלט געגעבען סיביר די וואַרעמקייט פון אנדאַלוזיע, דער מענש וואָלט געמאַכט דעם ים אומגעזאַלצען און איהם געגעבען דערפאר דעם געשמאַק פון לימאָנאַד, די ים־חיות וואָלטען זיך געלאָזט איינשפּאַנען אַלס פערד ביי אונזערע שיפען. צום גליק האָט די ערפינדונג פון דער דאַמפּף־מאַשין איבעריג געמאַכט דעם גאַנצען געשפּאַן. אפילו בייראַן, וואָס איז אָהן צווייפעל דער פּראַקטישסטער פון אַלע דיכטער, איז אויך דיכטער אין זיין פּאָליטיק. עס איז כמעט קיין ספק ניט, אז אין זיינע באַמי־

הונגען האָט איהם די גריכישע קעניגליכע קרוין געשוועבט פאַר די אויגען.

איך האָב, ווי מען זעהט, ניט די אבזיכט צו פאַרדעקען דעם פאַקט, אז די ענגלישע דיכטער האָט אין פּראַקטישער באַציהונג אַניך נים געפעהלט קיין פאַנטאַסטעריי. דאָך ציהט זיך דורך זייער מאָראַל און לעבענס-אנשויאונג א מין רעאַליסטישער צוג, וואס אזוי בולט געפינט מען איהם ניט ביים פאלק. אין זייער פאַ־עזיע איז אריינגעטאָן מעהר גראַן געזונטער מענשען-פאַרשטאַנד ווי אין דער פּאָעזיע פון אנדערע דיכטער. אלע צייכענען זיך אויס מיט א גערעכטיגקייטס-טריעב. וואָרדסוואָרט ירשנ׳ט איהם פון מילטאָן; קעמפּבעל, בייראָן און שעלי פיהלען איהם אזוי איני־סטינקטיוו, אז זיי וואלטען איהם געקענט פאַרטיידיגען קעגען א גאַנצער וועלט. ער שפּיעלט אָבער קיין ראָל ניט ביי בייראָנס דייטשען גרויסען פאַרגענגער געטע און ביי זיין טאַלאַנט-פולען פראַנצויזישען נאָכפאָלגער מיוסע. קיינער פוןביידע האָט ניט, ווי בייראָן, געשטעלט פירסטען און רעגירונגען פאַר׳ן ריכטער־שטול פון גערעכטיגקייט. אייגענטימליך ענגליש איז אָבער דאָס, וואָס אָט די גערעכטיגקייט פון וועלכער די ענגלענדער חלומ׳ען, איז ניט ווי די, וואָס, למשל, שילער פאַרעהרט, אן אַפּריאַריסטישע אידעע, ניין, זי איז א קינד פון דער פּראַקטישקייט. אום דאָס קלאָר צו זעהן, קען מען זיך אויסקלייבען אזא פּרעהליכען, אזא אי־דעאַליסטישען דיכטער ווי שעלי, און מען קען דערביי זעהן, אז זיין מאָראַל איז פונקט אזא בולט׳ע ניצליכקייטס-פילאָזאָפיע ווי בענטאַמ׳ס און סטוארט מיל׳ס. א כאַראַקטעריסטישער אויס־דרוק בנוגע צו׳ן אָט דעם שטריך אין שעלי געפינט זיך אין איינער פון זיינע אָפּהאַנדלונגען. ער זאָגט אין צווייטען קאַפּיטעל פון זיין „מאָראַל-ספּעקולאַציע”: „ווען אימיצער פאַר׳עקשנ׳ט זיך מיט דער פראַגע, פאַר וואָס ער זאָל העלפען צום מענשליכען גליק, פאַר־לאַנגט ער דערמיט א מאַטעמאַטישען אָדער מעטאַפיזישען גרונד פאַר א מאָראַלישער האַנדלונג. דער אבסורד פון אָט דעם סקעפּ־טיציזם איז ניט אזוי קלאָר, ער איז אָבער ניט קלענער, ווי דער אבסורד פון די, וואָס פאַרלאַנגען א מאָראַלישען גרונד פאַר מאַ־טעמאַטישע אָדער מעטאַפיזישע אויספיהרונגען.” אין דער טע־

אָריע „דאָס העכסטעס גליק פאַר דער גרעסטער צאָהל” און אינ׳ם טיפען פּראַקטישען גערעכטיגקייטס־טריעב, וואָס איז דער פּסי־כאָלאָגישער קוואַל פון אָט דער טעאָריע, ליגט אין ווירקליכקייט דער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר׳ן ראַדיקאַליזם פון דער ענגלישער פּאָ־עזיע אין דער צייט פון דער גרויסער אייראָפּעאישער רעאַקציע.

3

דער פּאָליטישער הינטערגרונד.

אזוי ווי די ענגלענדער זיינען דאָס איינגעהאַלטענסטע און אין דערזועלבער צייט דאָס אונטערנעמונגס־לוסטיגסטע פאָלק, היות ווי די ענגלענדער זיינען די געטרייעסטע צו זייער היים און אין דערזעלבער צייט די רייזע־לוסטיגסטע, היות ווי זיי פּאַסען זיך ניט לייכט צו צו ענדערונגען און אין דערזעלבער צייט באַזיצען זיי דעם בולט׳סטען פּאָליטישען פרייהייטס־חוש, דערפאַר איז עס נאַטירליך, אז אין זייער לאַנד שפּאַלטען זיך די גייסטער אין צוויי גרויסע פּאָליטישע גרופּען, פון וועלכע איינע פאַרקערפּערט דאָס קאָנסערוואַטיווע און די צווייטע —דעם פרייזין. די פּאַרטיי־שייי־דונג דאָ איז ניט ענליך צו דער פון פראַנקרייך. ווען מען איבער־טרייבט אפילו מיט זיין באַהויפּטונג, אַז אין פראַנקרייך זיינען פּאַ־ראַן נאָר צוויי פּאַרטייען: איינע פון די צוואַנציג־יאָהריגע און די צווייטע פון די פערציג־יאָהריגע, איז דאָך אָט די איינטיילונג די וויכטיגסטע און ווערט נאָר מאָדיפיצירט מיט דעם אָדער יענעם היסטאָרישען פּאַרטיי־נאָמען. אין ענגלאַנד און אין אָט דער לעב־האַפטער פעריאָדע פון דער ענגלישער פּאָעזיע געפינען מיר וואָרדס־וואָרט אַלס דעם רעפּרעזענטאַנט פון איין גרופּע אייגענשאַפטען און בייראָן — אַלס דעם טיפּוס פון דער אַנדערער גרופּע.

נאָך טיעפער איז אָט די שפּאַלטונג געוואָרען אין די ערשטע יאָהרען פון׳ם יאָהרהונדערט דורך דעם צווייזייטיגען כאַראַקטער פון דער הויפּט־פּאַסירונג פון יענער צייט. דאָס איז געווען דער קריג קעגען פראַנקרייך. שוין וועגען דעם דייטשען קריג האָב איך מיך אויסגעדריקט, אַז ער איז אמת געווען אַן אויפשטאַנד קעגען אַ מורא׳דיגער טיראַניי, אָבער קעגען אַזעלכער וואָס האָט פּאַרטראַ־

טען די רעוואָלוציאָנערע אידעען, און אַז ער איז אמת געוועזן אַ קאמף פאר הויז און ערד אבער אונטער דער קאמאנדע פון דער אלטער רעאקציאָנערער דינאסטיע. אויב מען האָט דאָס געקענט מיט רעכט זאָגן וועגן דייטשלאנד, קאָן דאָס אָבער נאָך מיט מעהר רעכט געזאָגט ווערען וועגן ענגלאנד. די אונאפהענגיגקייט פון ענגלאנד איז פון קיינעם ניט אָנגעגריפען געוואָרען, אָבער איבער זייערע אינטערעסען האָט געשוועבט אַ געפאהר; און אינ'ם משך פון'ם לאנגען קריג און אויך לאנג נאָכדעם זיינען געשטאנען ווי אין דייטשלאנד, די פרייהייטס־ליעבענדע ביים רודער פון דער באוועגונג, נאָר די העכסטע געוואלט איז געלעגען אין די הענט פון א טארי־רעגירונג, וואָס איז געוועזן די הארטסעטע און עקשנותדיגסטע אין דער ענגלישער געשיכטע.

דערפאר איז דער הינטערגרונד פון אָט דער גאנצער ליטעראטור פעריאָדע אַזוי פינסטער. די וואלקען, וואָס בילדען אָט דעם הינטערגרונד זיינען אַזוי שווער און שווארץ — געדיכט פאר זון־שיין — וואָלט זיי שעלי גערופען. אין דעם בילד, וואָס איך געה איצט מאָהלען, ערשיינט ענגלאנד אַלס דער הינטער־גרונד ווי אַ לאנדשאפט ביי נאכט־באלייכטונג. די בעסטע מעלות פונ'ם פאָלק זיינען מיסגבערויכט געוואָרען: זיין זעלטענע שטאנדהאפטיגקייט איז אויסגענוצט געוואָרען פאר דער באַקעמפונג פון'ם פרייהייטס־דראנג ביי אן אנדער פאָלק; זיין עדעלע פרייהייטס־ליעבע, וואָס איז צוערשט באנוצט געוואָרען אום די נאפאָלעאָנישע דעספאָטיע צו שטירצען, איז מיסגעברויכט געוואָרען אום אויפצושטעלען די אַלטע, פוילע טראָנען, וואָס מען האָט אונטער'ן שוץ פון'ם פולווער־דאמפף אין וואטערלא מיט אַזאַ אימפעט אויפגעשטעלט ווי מען מאכט עס אין אַנדערע צייטען מיט עשאפאָטען. די נייטראלע איינגענשאפטען פון'ם פאָלק זיינען פארוואנדעלט געוואָרען אין שלעכטיגקייטען; די זעלבסט־ליעבע און די פעסטיגקייט האָבען זיך פארוואנדעלט אין אן אדעל־הארט־הארציגקייט און סוחר'ישען עגאָאיזם, וואָס ענטוויקעלט זיך געוועהנליך אין רעאקציאָנס־צייטען; די לאָיאליטעט צום קעניג־הויז איז געטריבען געוואָרען ביז צו שקלאפעריי און דאָס זעלבסטגעפיהל פון'ם פאָלק איז אויפגערייצט געוואָרען צו א נאציאָנאל־האס, וואָס וואקסט

געוועהנליך אין מלחמה־צייטען. סוף־כל־סוף זיינען די שלעכטע אייגענשאַפטען פון׳ם פאָלק ענטוויקעלט געוואָרען איבער אלע מאָסען. די ליעבע צו אויסערליכען פוץ אום יעדען פרייז, וואָס דאָס איז ניט מעהר ווי די שאטען־זייטען פון׳ם מאָראַלישען אינסטינקט, איז ענטוויקעלט געווארען צו א מאָראַלישען היפּאָקריטיזם און דאס פעסטהאלטען אָן דער אלטער שטאאטס־רעגירונג, וואס איז דער פאַטלאַסטער באַגלייטער פון א פּראַקטישער און ניט ספּעקולאַטיווער גייסט־ריכטונג, האָט זיך ענטוויקעלט פון איין זייט צו א רעליגיעזער היפּאקריטיזם און פון דער אנדערער זייט צו אן אונטאָלעראַנטען פאַרפאָלגונגס־וואהן. קיין צייט איז ניט געוועזן אזוי גינסטיג פאר היפּאָקריטסטווא און פאנאטיזם, ווי די, אין וועלכער די פיהרער פון׳ם פאָלק האָבען זיי דירעקט דערמונטערט צו שטאָלצירען מיט זייער רעליגיע קעגען דאָס פריידענקערישע פראַנקרייך.

מעהר פון אלע האָבען דערביי געליטען די דיכטער פון׳ם פאָלק. עס איז שוין צו טריוויאל זיך איצט צו פארשפּרייטען איבער דער צבועטסטווע וואס האָט פארטריבען בייראָנ׳ען פון זיין היים, און עס זיינען פאראן פיינערע גייסטער, וואָס זיינען גענייגט צו דערקלערען פאר אן עהרליכער, אמת, אויך באַשרענקטער, איבערצייגונג דאָס, וואָס זיי וואָלטען פריהער באטראכט אלס היפּאָקריטסטווא. מיר איז אונמעגליך צוצושטימען צו אט דער אויפפאַסונג. א רעליגיאָזיטעט, וואָס באַנעמט זיך אזוי ווי די ענגלישע האָט זיך באַנומען קעגען בייראָן און שעלי, איז ניט נאָר נאַרישקייט אליין, זי איז היפּאָקריטסטווא אין העכסטען גראד אונטערשטיצט פון באַשרענקטקייט. איך וועל דאָ איבער אָט דעם פונקט ציטירען די אנזיכטען פון׳ם אויסגעצייכענטען אמעריקאַנער באַאָבאַכטער ראלף וואלדא עמערסאן, ווייל עמערסאָן אלס דער ערשטער אמעריקאַנער קריטיקער, אלס דער גרעסטער באַוואונדערער פון די ענגלענדער און אלס ריכטער פון זיין אייגענער ראַסע פארדיענט מעהר פון אלע מען זאל איהם גלויבען. ער זאָגט: „די פאַרשלאָפענקייט פון׳ם ענגלישען פאַרשטאַנד בנוגע צו דער רעליגיע באַווייזט, ווי פיעל נארישקייט און חכמה עס קענען וואוינען אין איין און דעמזעלבעניגן געהירן צוזאמען. די רעליגיע פון די ענגלענדער איז פראַזע, זייער קירך א קוקלע און יעדע קריטיק

ווערט צוריקגעוויזען מיט שרעק. איהר ערוואַרטעט, אַז אין דער בעסערער געזעלשאַפט זאָל מען לאַכען פון'ם פאַנאַטיזם ביים מאַב, אָבער זיי טוען אַזוינס ניט, זיי זיינען אַליין דער מאַב... די ענג־לענדער, וואָס האָבען אין יעדער באַציהונג מורא פאַר ענדערונ־גען, האַלטען זיך פעסט אינ'ם לעצטען שמאַטקעלע פון דער קירכע און באַווייזען צבועטסטוואַ אויפ'ן עקעלהאַפטעסטען אופן. די ענג־לענדער — און איך וואָלט געוואָלט דאָס זאָל זיך באַשרענקען נאָר אויף זיי, אָבער עס איז אַ שאַנד־טריעב, וואָס ליגט אינ'ם אנגלאָ־זאַקסישען בלוט אויף ביידע זייטען פון'ם ערד־קוגעל — זיינען היפּאָקריטיש מעהר ווי אַלע אַנדערע פעלקער. די פראַנצויזען האָ־בען זיי אינגאַנצען אָפּגעטרעטען אָט דעם אינדוסטריע־צווייג. איז דען דאָ נאָך עפּעס מיאוס'ערס, ווי דאָס בויגען זיך און קניען פאַר גאָט אין די צייטונגען און אין די ביכער! די פּאָפּולערע פּרעסע היט פלייסיג אָפּ איהר פּאָרציע הייליגקייט און די טאָג־רעליגיע איז אַ מין טעאַטער־באַרג־סיני, וואו די דונער־קנאַלען ווערען גע־מאַכט פון די רייכע... אין איצטיגען מאָמענט איז די קירכע זעהר צו באַדויערען. ווען אַ בישאָף טרעפט זיך מיט אַן אינטעליגענטען מענשען קאָן ער זיך נאָר קעגען איהם דורך דעם העלפען, וואָס ער טרינקט מיט איהם ווייַן.״ אָט די שילדערונג באַציהט זיך אין ערך אויפ'ן יאָהר 1830 — מען קען זיך שוין דענקען, ווי דער צושטאַנד איז געווען מיט צוואַנציג יאָהר פריהער.

ראשית כל איז דער באַדויערענס־ווערטער חסרון פון'ם פאָלק, זיין נייגונג צו אונטערדריקונג, געוואָרען אַ סיסטעם. פאַר אָט דער פעריאָדע פּאַסט אַם בעסטען דאָס וואָס מ'האָט אַמאָל באַצייכענט אַלס דעם גרונד־חסרון פון בריטאַניען: ענגלאַנד, שאָטלאַנד און אירלאַנד זיינען פאַראייניגט אין דער אונטערדריקונג פון די ווייטע קאָלאָניעס; ענגלאַנד און שאָטלאַנד מאַכען שותפות, כדי צו אונ־טערדריקטען אירלאַנד, צו דערנידריגען די קירך און שטערען דעם האַנדעל אין דער אינדוסטריע; ענגלאַנד זוכט נאָך איהרע כחות בייצוקומען שאָטלאַנד און אין ענגלאַנד אַליין אונטערדריקט דער רייכער דעם אָרימאַן און די הערשענדע קאַסטע אַלע אַנדערע. פון דרייסיג מיליאָן מענשען זיינען צו יעדער צייט נאָר איין מיליאָן פון זיי פּאָליטיש שטים־באַרעכטיגט. ווער עס לייענט דעם אָנפאַל פון

בייראָן אויף די ענגלישע גוט־באַזיצער אין זיין „בראָנזענעם צייט־אַלטער", דער קען זעהען, ווי חוצפה'דיג און אָהן אַ ברעקעל שאַם־געפיהל זיי האָבען זיך אין דער צייט פון'ם קריעג באַרייכערט אויף די קאָסטען פון אַנדערע קלאַסען און וואָס פאַר אַ ריקזיכטלאָזע פּאָליטיק זיי האָבען געפיהרט אום ווייטער צו קענען אַזוי אומגעהן מיט זייער באַרייכערונג. אַט דער צושטאַנד האָט צום טייל אַ שעדליכען און צום טייל אַ גוטען אינספּירירענדען איינפלוס אויף די שריפטשטעלער פון'ם לאַנד. ביי וועמען דאָס הייליגע פייער ברענט נאָר שוואַך, ווערט דאָס אין איהם שנעל פאַרלאָשען און ער ווערט דער פּאַרטיידיגער פון'ם הערשענדיגען צושטאַנד. די לייכטענדע גייסטער אָבער, וואָס האָבען די פעהיגקייט צו געהן קעגען דעם ווינט, ענטוויקלען אונטער'ן דרוק פון אַזעלכע פאַרהעלטנישען אַזאַ פרייהייטס־פּאַטאָס, וואָס מאַכט ציטערען די גאַנצע פּאָליטישע אַטמאָספערע. אַט די דיכטער זעהען אין ענגלאַנד אַ „גיבּראַלטאַר פון קאָנוועניענצען" און זיי פאַרלאָזען זייער פאַטערלאַנד, כדי צו קענען אַטאַקירען זייער היים מיט די שאַרפסטע שפּאָט־פיילען און זי באָמבאַרדירען מיט שטורם.

אום רעכט צו קענען דאָס לאַנד, אין וועלכען אַט די ליטעראַטור איז אויסגעוואַקסען, און אום צו קענען פאַרשטעהן די ניט־ליטעראַרישע (פּאָליטישע, סאָציאַלע און רעליגיעזע) פּרינציפּען, וואָס שפּאַלטען די דיכטער אין פאַרשידענע פיינדליכע גרופּען, איז עס נויטיג זיך אריינצולאָזען אַביסעל מעהר אין פּאָליטישע פאַרהעלטנישען פון'ם לאַנד.

אויפ'ן ענגלישען טראָן איז אין אָנפאַנג פון'ם יאָהרהונדערט געזעסען (שון פון 1760 אָן) געאָרג דער דריטער. פון זיין קינדהייט אָן האָט זיין מוטער זיך אָנגעשטרענגט אין איהם צו ענטוויקלען אָט די איבערטריבענע און ניט־ענגלישע אידעען, וואָס האָבען געהערשט אויפ'ן קאָנטינענט, פון דער באַדייטונג פון סואווערעניטעט. דאָס האָט זיך איהר אין אַזאַ שטאַרקען גראַד איינגעגעבען, אַז די אַלע הויכע לאָרדען, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרען אלס הויף־מייסטער פון'ם פּרינץ, האָבען איינער נאָך דעם אַנדערען זיך אָפּ־געזאָגט פון'ם אמט, ווייל עס איז געאַרבייט געוואָרען קעגען זייער איינפלוס. איינער פון זיי, לאָרד וואַלדגרעווּ, וואָס איז ניט נאָר

געוועזן אַ שאַרפזיניגער באָאָבאַכטער נאָר אויך אַ געטרייער אַנ־
הענגער פון'ם הויז האַנאָווער, האָט געגעבען פון זיין שילער אַ גאָר
ניט שעהן כאַראַקטער־בילד. ער שילדערט איהם אַלס אַ האַלב־
וועגס פעהיגען, אָבער ניט פלייסיגען; אַלס אַן אַנשטענדיגען.
אָבער אָהן דער אָפענהערציגקייט און אומבעפאַנגענקייט, וואָס
מאַכט די אַנשטענדיגקייט אינטערעסאַנט; אַלס אַן אויפריכטיג
פרומען, וואָס קוקט אָבער מיט אויפמערקזאַמקייט אויף יעדען
פעהל־טריט און יעדע זינד פון אַנדערע; אַלס אַן ענטשלאָסענעם,
אָבער זעהר עקשנות'דיגען און פאָראורטיילס־פולען; ער שיל־
דערט ווייטער ווי אַזוי ערביטערונג און צאָרן האָבען ניט ארויסגע־
רופען ביי איהם קיין פלעצליכען אויסברוך נאָר זיי האָבען געשלאָ־
גען טיפע וואורצלען אין איהם כדי שפּעטער נאָך מיט מעהר העפ־
טיגקייט ארויסצוקומען; ער שילדערט אויך ווי דערזעלבער קעניג,
וואָס האָט אַזאַ שטאַרקען זכרון און פאַרגעסט ניט דאָס קלענסטע
אומרעכט קעגען איהם, האָט נאָך מעהר ווי אַ קעניגליכע פאַרגעס־
ליכקייט פאַר טובות, וואָס מען האָט איהם געטאָן. זיין גרעסטער
פעהלער אַלס עפענטליכער כאַראַקטער און רעגענט איז געוועזן דאָס,
וואָס זיין גייסט איז אינגאַנצען געוועזן ווי פאַרפּלאַנטערט אין פאָר־
אורטיילען. אין זיין פּריוואַט־לעבען איז ער געוועזן איינפאַך,
רעספּעקטאַבעל און צופאַרלעסיג און האָט ארויסגערופען אַכטונג
ביי זיינע אונטערגעגעבענע, ווען אפילו די חסרונות פון זיין ער־
ציהונג זיינען קיינמאָל ניט אויסגעבעסערט געוואָרען. ווען ער
האָט איבערגענומען די רעגירונג האָט ער געהאַט זעהר ווייניג אָדער
אפשר גאָר ניט פון מענשען־קענטעניש און פון ביכער און איז טאַקי
אַזוי זיין גאַנץ לעבען פאַרבליבען אומוויסענד בנוגע צו ליטעראַטור
און קונסט; אָבער זיין אייגענוציגע הויף־סביבה האָט איהם גע־
געבען די געלעגענהייט פון מענשען־קענטניש. דער קעניג, צו וועל־
מען די הענט פון גרויס און קליין זיינען תמיד געוועזן אויסגע־
שטרעקט, האָט באַלד דערקענט דעם פּרייז פון יעדען מענשען און
באַרעכענט דעם נוץ, וואָס ער קען פון איהם האָבען. זיין גוטער
פאַרשטאַנד פון נאַטור איז ניט געשאַרפט געוואָרען ניט דורך שטו־
דירען, ניט דורך רייזען אָדער אונטערהאַלטונג; ער האָט אָבער
פאַרשטאַנען טיכטיג צו באַהאַנדלען אַזעלכע פראַגען, צו וועלכע

מען דאַרף ניט האָבן קיין באַזונדערס קולטיווירטען גייסט און וועלכע זיינען פאַר איהם געווען באַזונדערס וויכטיג ווייל ער האָט זיך ניט געוואָלט באַשרענקען נאָר אויפ'ן נאָמען קעניג. *)

ווען איך זאָל דארפען מיינע דעניש לאַנדסלייט אויף א פאַר־שטענדליכער ארט מיט איין וואָרט פאַרשטעלען געאָרג דעם דריי־טען, וואָלט איך געזאָגט: ער איז געווען ענגלאַנד'ס פרידריך דער זעקסטער. ער איז געווען אן אמת־פּאַטריאַרכאַלישער מלך און האָט זיך אליין געפיהלט אַלס פאָטער פון זיין פאָלק. דאָס לאַנד האָט אונטער זיין הערשאַפט פארלוירען די צפון־אַמעריקאַנער קאָלאָ־ניעס, ווי דענעמאַרק האָט אונטער פרידריך דעם זעקסטען פאַרלאָ־רען נאָרוועגען, ניט ברענגענדיג פונדעסטוועגען דורך אָט דעם פאַר־לוסט קיין שאדען דעם קעניג, וואָס האָט דורך זיין אומקלוגע פּאָ־ליטיק דערצו געפיהרט. די הויז־פיהרונג פון קעניג געאָרג איז גע־ווען א מוסטער פון'ם הויז־לעבען פון'ם ענגלישען „דזשענטעלמען". פריה אויפגעשטאַנען! — דאָס איז געווען דער ערשטער פּרינ־ציפּ. אַלצדינג איז געווען אמת־בירגערליך איינגעאָרדענט: איינ־פאַך, אָרדענטליך און עקאָנאָמיש. די הויז־פיהרונג איז געווען אזוי לאַנגווייליג, אז איהר געשיכטס־שרייבער טעקעריי, שווערט, ווען ער נעמט זיך איהר באַשרייבען.

ווען דער קעניג פלעגט אַמאָל אויפשטעהן זעהר פריה און אליין אויפגעוועקט זיינע פּאַזשען, האָט געפלווידערט מיט יעדען, וועמען ער האָט נאָר באַגעגענט, פלעגט ער זיך אפט פאַרשטעלט אריינכאַ־פּען אין א הויז אָדער אין א קליין דאָרפיש הייזעל, שענקען דאָרט א קינד א זילבערנעם שילינג, אַמאָל אויך אן ארימער פרוי א הוהן. איינמאָל, האָט ער מיט דער קעניגין געטראָפען א קליין אינגעל, מיט וועלכען זיי האָבען פאַרקניפּט א געשפּרעך, ביז דער קעניג האָט איהם געזאָגט: „פאַל אויף די קניע, דו רעדסט מיט איהר מאַיעסטעט, דער קעניגין!" דער אינגעל אָבער האָט זיך עקשנות'־דיג אָפּגעזאָגט צו קניען, מיט ריקזיכט אויף זיינע הויזען, וואָס ער האָט ניט געוואָלט פאַרשמירען, און אָט דער פריהצייטיגער עקאָ־נאָמישער חוש, האָט אזוי גערירט דעם קעניג, אז ער האָט צוגע־

*) מעסיי, די געשיכטע פון ענגלאַנד, 1טער באַנד, 59טע זייט.

דריקט דעם אינגעל צום הארץ. דאָס לעבען ביים הויף האָט זיך מאָנאָטאָן פויל געצויגען און דאָס האָט אוועקגעטריבען די יונגע פרינצען פון דער היים און איז אויך געווען צום טייל די סבה פאַר וואָס זיי זיינען אזוי אויסגעלאסען געווען. אין אבענד פלעגט דער קעניג שפּיעלען אויף זיין „טאקאדיליע", אָדער ער האָט בייגע־וואוינט זיין אבענד־קאָנצערט, ביי וועלכען ער האָט די גאנצע צייט נאָכ'ן טאַקט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אין צייט ווען די פּאַ־זשען האָבען זיך אין פאָר־חדר געלאנגוויילגט צום טויט.

יעדען טאָג פלעגט די קעניגליכע פאמיליע נעמען איהר שפּאַ־ציר אין ווינדזאָר־פּאַרק, דאָס פאָלק פלעגט זיי ארומרינגלען און צוקוקען און די שול־קינדער פון עטאן פלעגען ארויסשטעקען זייע־רע רויטע פּנים'לאך פון אונטער עלענבויגענס פון די פארזאמעלטע. די מוזיק האָט געשפּיעלט, און דער קעניג האָט קיינמאָל ניט אויס־געלאָזט די געלעגענהייט צו הויבען זיין דריי־עקיגען הוט און צו זאָ־גען די מוזיקאנטען, נאָכדעם ווי דער קאָנצערט האָט זיך געענדיגט: איך דאנק אייך, מיינע הערען!

וועלכער דענעמארקער דערמאָהנט זיך ניט אומווילקירליך ביי אָט די סצענען אן די שפּאצירען פון פרידריך דעם זעקסטען און זיי־נע שיף־רייזען אלס גרויס־אדמיראל אינ'ם גאָרטען פון פרעדעריקס בארג! פונקט ווי ער, האָט אויך געאָרג דער דריטער, געוואונען פאַר זיך די געמיטער פון זיין פאָלק דורך זיין בירגערליך אויפטרע־טען און זיין אָפּגעטראָגענעם ראָק; פון געאָרג דעם דריטען לאָזט זיך דאָסזעלבע זאָגען, וואָס ארלא לעמאן האָט געזאָגט וועגען פריד־ריך דעם זעקסטען, אז „אין דער איינפאכקייט (הן אין פארשטאנד הן אין באנעמען זיך) פונ'ם קעניג און אין זיין גוטמוטיגען באַ־טייליגען זיך אינ'ם וואוילזיין פון די יחידים געפינט מען ערזאַץ פאַר די פעהלער אינ'ם שטאאטסמאן און רעגענט." און ווי ווע־ניגע האָבען איבערהויפּט באַמערקט אָט די פעהלער! פאַר דער גרויסער מאַסע פון ענגלאנד'ס איינוואוינער איז דער אלטער געאָרג געווען א גוואלטיג שארפזיניגער שטאאטסמאן און א מעכטיגער הערשער. איך דערמאָן דאָ נאָר אָן איינעם אין זיין צייט באריהמ־טען, קופּערשטיך פון זשילריי, אויף וועלכען געאָרג דער דריטער איז, אין זיין פּאַרק, אין זיין אלטער, אָפּגעטראָגענער העסליכער

ווינדזאָר־אוניפאָרם, געווען פאַרשטעלט אַלס קעניג פון בראָבדינגנעג: ער האַלט אין איין האַנט אַ קליינעם גוליווער און אין דער צווייטער — אַ בינאָקל און באַטראַכט דורך איהם דאָס קליינע מענשעלע. נו, ווי מיינט איהר! ווער איז דער קליינער גוליווער? ער טראָגט אַ דריי־עקיגען הוט און אַ גרויסן אָפּגעטראָגענעם סור־טוק.

דער רוב פון מיינע דענישע לאַנדסלייט וועלען זיך דערביי דערמהנען אין אַ בילדעל, וואָס איז עטליכע יאָהר געווען זעהר אַ פּאָפּולערע פאָטאָגראַפישע קאָפּיע. עס האָט געהאַט אויף זיך די אונטערשריפט: „די געליבטע הויכע פאַמיליע", און האָט פאָרגעשטעלט פרידריך דעם זעקסטען מיט זיין גאַנצער פאַמיליע פון קליין ביז גרויס אויף אַ שפּאַצירגאַנג. איז ניט דאָס נאָכפאָלגענדע קליינע פאַמיליען־בילד, פון פרייליין בוירניי געמאַלען, וואָס שילדערט איינעם פון די נאָכמיטאָג שפּאַצירען אין ווינדזאָר, ווי אַ צווייטע קאָפּיע דערפון? „די קליינע פּרינצעסין אַמאַליאַ, וואָס איז נאָר וואָס אַלט געוואָרען דריי יאָהר, איז געגאַנגען פאָראויס אין אַ ניי קלייד פון פיינעם מוסלין און מיט שעהנעם געשלאָסענעם הוט, ווייסע הענטשקעס און פאָכער. זי איז געווען העכסט ענטציקט איבער'ן פאַראַד און האָט די גאַנצע צייט געדרעהט דעם קאָפּ, כדי אַלע צו באַטראַכטען, ווייל אַלע האָבען זיך אויסגעשטעלט פאַזע די הייזער, אַזוי שנעל ווי די קעניגליכע פאַמיליע האָט זיך באַוויזען, כדי זי זאָל האָבען אַ פרייען וועג. נאָך איהר זיינען געגאַנגען דער קעניג מיט דער קעניגין, קלייבענדיג נחת פון זייער ליעבען טעכטער'ל; נאָך זיי זיינען געגאַנגען: די קרוינפּרינצעסין געפיהרט אונטער'ן אָרעם פון מאַדאַם וואַלדעגראַוו, פּרינצעסין אוגוסטאַ געאָרעמט מיט דער הערצאָגין פון אַנקאַסטער, גענעראַל בודע, דער הערצאָג מאָנטאַג און מאַיאָר פּריים, וואָס האָט אַלס שטאַלמייסטער געשלאָסען די פּראָצעסיע". „וואָס פאַר אַ שעהן בילד!" רופט אויס טעקערײ: „אין דער צייט ווען די פּראָצעסיע האָט זיך לאַנגזאַם געצויגען, האָט דער מוזיק־קאָרפּוס געשפּיעלט זיינע אַלטע מעלאָדיען און דאָס זון־ליכט איז גראַד דאַמאָלס געפאַלען אויף די אַלטע פעסטונגען און האָט באַלייכט די קעניגליכע פאָהנען, וואָס זיינען אַראָפּגעהאַנגען פון'ם גרויסען טורם און דאָס

לאַיאַלע צושויער־פּובליקום, וואָס דאָס קינד האָט מיט אַן אומ־שולדיגען שמייכעל געגריסט.״

אָט די הויזליכע אידיליע איז פון איין זייט און פון דער אַנ־דערער זייט שטעהט דאָס ליידענשאַפטליכע באַשטרעבען פון׳ם קעניג צו אונטערדריקען צפון־אַמעריקא, צו באַקעמפען די פראַנ־צויזישע רעוואָלוציע, צו פאַרניכטען די אירלענדישע קירך און לאָזען באַשטעהן דעם נעגער־האַנדעל מיט אַלע זיינע שרעקען. אָבער אפילו די הויזליכע אידיליע האָט ניט אָנגעהאַלטען אפילו ביז צום סוף פון׳ם יאָהרהונדערט.

אין 1737 האָט דער קעניג געהאַט דעם ערשטען אַנפאַל פון משוגעת און שוין דאַמאָלס האָט מען אין פּאַרלאַמענט מיט אונגע־הערטע לייד־ענשאַפט באַהאַנדעלט די פראַגע וועגען דער רעגענט־שאַפט פון׳ם פּרינץ פון וועלס און 1810 איז דאָס דעפיניטיוו באַ־שלאָסען געוואָרען. די אָפּאָזיציע האָט דאַמאָלס גערעכענט, אַז מיט דער באַשטימונג פון׳ם וועלס אַלס רעגענט, וועלען זיי קענען פאַר אַ לענגערע צייט אונטערדריקען די טאָרי־מאַכט. דער כאַראַק־טער און די אויפפיהרונג פון׳ם פּרינץ זיינען אָבער ביים פאָלק געווען אַזוי פאַררופען, אַז מען האָט געקוקט מיט שרעק אויף זיין טראָן־באַשטייגונג. דערווייל האָט זיך פּיט׳ן איינגעגעבען גראָד דאַמאָלס, ווען עס האָט געזאָלט פאַרהאַנדעלט ווערען אַ געזעץ וועגען פּרינץ, פאַרצולעגען פאַר׳ן פּאַרלאַמענט אַ צייגניש פון די דאָקטוירים, וואָס האָבען פאָראויסגעזאָגט אַז דער קעניג וועט אין קורצען געהיילט ווערען, און די געפאַהר איז אַזוי אַרום אַריבער. די ענטווישונג פון׳ם פּרינץ איז געווען זעהר אַ שטאַרקע, באַזונדערס, ווייל ער האָט אין דער צייט פון זיין פאַטער׳ס קראַנקהייט אַרויס־געוויזען ווייט ניט קיין געפיהלען פון אַ זוהן. ער האָט געהאַט אַ געוויסען טאַלאַנט נאָכצומאַכען מאַנערען און שטימען און עס איז ביי איהם געווען אַ הויפּט־שפּאַס אין דער צייט פון דער קראַנקהייט פון זיין פאַטער צו קאָפּירען די האַנדלונגען און דאָס אויסזעהן פון די אויסגעלאַסענע מענער און פרויען פון זיין קרייז. עס איז גע־נוג אָט דער שטריך אום צו האָבען אַ פאָרשטעלונג פון זיין כאַראַק־טער — דעם כאַראַקטער פון אַ מאַן, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט, אַ

דאַנק אויסערער העפליכקייט, געטראַגען דעם נאָמען „דער ערשטער דזשענטעלמאַן פון אייראָפּאַ."

עס איז צו באַוואונדערען מיט וואסער אַ געשיקטקייט אָט דער מאַן האָט פאַרשטאַנען צו געווינען פאַר זיך די פיינסטע גייסטער ר׳ין זיין צייט, ווען דאָס איז אויך געווען נאָר פאר א גאַנץ קורצער צייט. באַרק, פאָקס און שערידאַן זיינען געווען זיינע אומגאַנגס־פריינד. עס פאַרשטעהט זיך, ווי טעקעריי באַמערקט, אז זיי האָבען זיך ניט אינטערעסירט צו הערען זיינע מיינונגען וועגען קאָנסטיטוציאָנעלע פראַגען אָדער וועגען די פאַרהעלטנישען אין אירלאַנד — ער האָט שוין א י נ מ אָ ל געהאט מיינונגען וועגען אַזעלכע זאַכען! — נאָר ער האָט גערעדט מיט פאָקס׳ען וועגען ביינדעל־שפּיעל און מיט שערידאַן — וועגען וויין. דאָס זיינען פראַגען אין וועלכע עס באַגעגענען די אינטערעסען פון׳ם נאָר מיט די אינטערעסען פון זשעניע און ברומעלס פריינד איז געווען ביי די מאָדע־מענשען פון יענער צייט, אַן אויטאָריטעט בנוגע צו די פראַגען וועלכע קנעפּ עס פּאַסען אַם בעסטען פאַר א געוויסער וועסט און וואָסער א סאָוס מען דאַרף האָבען צו אַ געקאָכטער פעלדהוהן. אינטערעסאַנט איז, אז ס׳האָט זיך איהם איינגעגעבען פאַר א וויל צו געווינען מאָר׳ן! אין מאָר׳ס בריעף פון יוני 1811, צו זיין מוטער (מעמואַרען באַנד 1, זייט 225) זעהט מען גאַנץ קלאָר, אַז ער פיהלט זיך געשמייכעלט פון דער „הארצליכער פאַמיליאַריטעט" פון׳ם פּרינץ. דאָסזעלבע טרעפט זיך פאַר א מאָמענט אויך מיט בייראָן. זיין באַציהונג — צו סקאָט, ווייזט קלאָר ווי ווייניג אומעמפּפינדליך ער איז געווען פאַר די שמייכעלייען פון׳ם רעגענט בנוגע צו „טשיילד האראלד". סוף כל סוף אויך סקאָט! ווי עדעל און פיין סקאָט איז ניט געווען, איז ער דאָך, אין זיין אייגענשאַפט אַלס עקשנות׳דיגער טאָרי, פאַרבליבען דער כסדר׳דיגער געטרייער אנהענגער פון׳ם פּרינץ־רעגענט. ווען געאָרג דער פערטער איז שוין אַלס קעניג געקומען קיין שאָטלאַנד, וואו ער האָט זיך באַוויזען פאַר׳ן עולם, אין דער טראַכט פון א קלאַן־הויפּטמאַן מיט זיינע נאַקעטע, פעטע פולקעס און א שאָטלענדישען פאַרטוך איבער זיין פאַרמלאָז־גרויסען בויך — בייראָן לאַכט זיך אויס וועגען דעם אינ׳ם שלוח פון זיין „בראָנזענעם צייט־אַלטער" — איז סקאָט

איהם ארויסגעקומען אנטקעגען צום בארטען פון דער קעניגליכער יאכט, כדי איהם צו באגריסען. ער האָט געפּאקט א גלאָז פון וועל־כער זיין מאיעסטעט האָט נאָר וואָס געהאט געטרונקען, האָט געבע־טען מען זאָל איהם טון דעם גנאד און איהם ערלויבען דאָס מיט־צונעמען, האָט פארשפּראָכען, אַז עס וועט פּערבלייבען אין זיין פאמיליע אלס טייערער ירושה־חפץ, איז געקומען אהיים און טרע־פענדיג דאָרט אומדערוואַרטעטען באזוך, האָט ער זיך א ווארף גע־טאָן אויף א שטוהל — ער האָט זיך ארויפגעזעצט אויף דער ראָק־טאַש, און עס האָט איהם זעהר פריה און זעהר שמערצליך דער־מאָהנט אינ׳ם קעניגליכען אנדענקען. ער איז געבליבען געאָרג דעם פערטען געטריי אויך דאמאלס, ווען מאָר האָט שוין אין איהם גע־שאָסען זיינע וויציג־שטעכיגע פיילען, ווען ביירען האָט איהם שוין אין זיינע עפּיגראמען געהאט לאנג אויסגעלאכט און אפילו דאמאלס ווען ברומעל האָט אויף א שפּאציר־גאנג אין הייד־פּארק באטראכט דורך א לארענט דעם פּרינץ ווי א פרעמדען און געפרעגט זיין בא־גלייטער „ווער איז אייער דיקער פריינד?"

אונזער דיקער פריינד איז פון טאָג צו טאָג דיקער געוואָרען. זיין לעבען וואָס ער האָט געפיהרט, שטענדיג סעודות און ארגיען, האָט זיין קערפּער אזוי פאראומגעשטאלט, אז ער האָט קוים געקענט געהן. ווען ער האָט באדארפט אויספאהרען, האָט מען אריבער־געלעגט א ברעט פון׳ם פענסטער צום עקיפּאַזש און אזוי ארום האָט ער זיך גלייך אהין אריינגעגליטשט. אין דער צייט ווען די וועבער אין גלאזגאָו און אין לאנקאשיר האָבען מיט זייערע קולות אי־בער׳ן הונגער געשפּאלטען הימלען, האָט ער פאראנשטאלט ריעזיגע סעודות און האָט מיט אן אונגעהערטער פּראכט אויפגענומען דעם פון פראנקרייך אנטלאָפענעם בורבאן אלס לודוויג דעם זעכצעהנ־טען. „דאָס קינד איז דער פאטער פון׳ם מאן", זאָגט ווארדסוואָרט. געאָרג דער פערטער האָט אָנגעפאנגען זיין אריינטריט אין׳ם הויף־לעבען מיט א העלדען־טאַט, וואָס האָט זיך געפּאסט פאר זיין שפּע־טערדיגען לעבען. ער האָט ערפונדען א נייעם שוה־שנירער פון אן אינטש די לענג און פינף אינטשעס די ברייט. דאָס האָט פאר־דעקט, אזוי דערצעהלען זיינע צייט־גענאָסען, דעם גאנצען שפּאן און האָט דערגרייכט ביז צוביידע זייטען פון׳ם פוס. מיר לייענען,

אַז ביי זיין ערשטען אויפטריט אויף אַ הויף־באַל, איז ער געווען אָנ־
געטאָן אין אַ ראָזע־רויטען ראָק מיט ווייסע לאַצען, און אַ זיידע־
נער ווייסער וועסט פאַרפוצט מיט פאַרשידענע גלאַנציגע שטאָפען
און פאַרצירט מיט אַ מאַסע נאָכגעמאַכטע עדעלשטיינער. זיין הוט
איז געווען באַפוצט מיט צוויי רייהען שטאָהל־פּערל, אַ צוויי־טוי־
זענד אין צאָהל, מיט אַ קנאָפּ און אַ שנור פון'ם זעלבען מעטאַל און
געפאָרמט נאָך אַ קריעגערישען שניט.

אַ קריעגערישער שניט! דער האָט זיך באמת געפּאַסט פאַר'ן
קאָפּ, וואָס האָט איהם געטראָגען. אָט דער קאָפּ איז געווען, דאַ־
מאָלס ווען זיין באַזיצער האָט זיך נאָר וואָס געהאַט איבערגעצוי־
גען אינ'ם פּרעכטיגען פּאַלאַץ קאַרלטאָן־הויז, אָט דער קאָפּ איז
געווען פול מיט אויבערפלעכליכע פלענער צו דערמונטערען ליטע־
ראַטור, וויסענשאַפט און קונסט. מען האָט עס אויך פאַר אַן אוי־
גענבליק געקענט אָננעמען פאַר ערנסט, ווען מען האָט באַמערקט
ביים פּרינץ'ס טיש דעם בעסטען דערצעהלער פון יענער צייט, וואָל־
טער סקאָט, ווי ער דערצעהלט אַזוי ליעבענסווירדיג זיינע זעהר
שעהנע געשיכטעס; אָדער ווען מען האָט געהערט דאָרט מאַר'ן
זינגען עטליכע פון זיינע וואוילקלינגענדע לידער, אָדער ווי דער
שטאָלצער אירלענדישער פיהרער האָט אונטערהאַלטען דעם עולם
מיט זיין פאַנטאַזיע־רייכער און געפיהלפולער בארעדזאַמקייט. אָבער
באַלד האָבען אָט די מענער פּלאַץ געמאַכט פאַר אַ געזעלשאַפט,
וואָס האָט זיך גאַנץ אַנדערש געפּאַסט פאַר'ן פּרינץ: פראַנצוי־
זישער קאָכערס, פראַנצויזישע טענצער, שטאַל־מייסטער, הויף־נאַ־
רען, קופּלער, שניידער באָקסער, גאָלדשמידען און פּעכטמייסטער.
מיט אַזעלכע לייט האָט ער פאַרבראַכט די צייט, וואָס איז איהם
געבליבען נאָך זיינע משתּרעסען און סעודות. ער האָט באַוויזען
זיין קינסטלערישען חוש און געשמאַק דערמיט וואָס ער האָט זיך
אָנגעקויפט אַ גאַנצע מאַסע בינעזישע נאַרישקייטען. ווי נאָר אָט
דער שעהן־גייסט איז געוואָרען רעגענט, האָט ער באַלד אָפּגעבראָ־
כען די באַציהונגען מיט גוטע קעפּ פון די וויגס, וועמעס געזעלשאַפט
ער האָט פריהער געזוכט. ער איז פּלוצלונג געוואָרען אַ טאָרי.

עס קומט מיר פאָר ווי פיער אייראָפּעאישע רעגענטען פין דער
ערשטער העלפט פון'ם איצטיגען יאָהרהונדערט וואָלטען געהאַט

אַן אויפפאַלענדע פאַמיליען־עהנליכקייט. לודוויג דער ערשטער פון באיערען, פרידריך ווילהעלם דער זעקסטער פון פּרייסען, כריסטיאַן דער אַכטער פון דענעמארק און אָט דער ענגלישער פּרינץ־רעגענט. דאָס זיינען פיער רעאַקציאָנערע שעהן־גייסטער אויפ'ן טראָן. דאָ, אַזוי ווי אין דענעמארק, געהט דער ליטעראַרישער דעליטאַנטיזם מיט דער פּאַטריאַרכאַלישער איינפאַכקייט האַנט אין האַנט אין דער קעניגליכער פאַמיליע. עס איז אמת, אין ענגלאַנד איז דאָס נאָך געווען פארבונדען מיט שוידערהאַפטע זיטען און אומבאַגרייפליכער פוילקייט. אין יאָהר 1816 זיינען אין יוגענט געזעסען אַכט און פופציג פאַר'משפט'ע צום טויט, וואָס האָבען געוואַרט דאַרויף, אַז די פאַרגעניגונגען און צושטרייאונגען פונ'ם רעגענט וועלען איהם דאָך איבערלאָזען אביסעל צייט, צו חתמ'ענען זייער באַגנאַדיגונגס־אַקט אָדער זייער טויט־אורטייל. עטליכע פון זיי זיינען געזעסען פון דעצעמבער ביז מאַרץ. אומזיסט איז ברום שטאַרק אָנגעפאַלען אין פאַרלאַמענט אויף „אָט די, וואָס ווען די געפענגענישען זיינען איבערפילט מיט אומגליקליכע, קענען זיי דאָך ניט אָפּרייסען אַ מאָ־מענט פון זייערע געדאַנקענלאָזע פאַרגעניגונגען אום צו מאַכען אַ סוף צו'ן אָט דעם שוועבען צווישען לעבען און טויט." עס איז כדאי איבערצוליינען וועגען דעם ענין די סאַטירען פון מאָר אין „טו־פּעני־פּאָסט־בעג". דאָרט ווייזט זיך אַרויס, אַז דער לי־בענסווירדיגער אירלענדישער זינג־פויגעל האָט אַ שנאָבעל און נע־געל, מען זעהט פון דער „ביאָגראַפיע" פון סקאָט (באַנד 3, זייט 24) מיט וואָסער אַ רוהיגען שמייכעל דער רעגענט וויצעלט זיך איבער מאָר'ס פּערזאָן, וואָס שילדערען דעם רעגענט'ס טיש מיט מאַ־דע־זשורנאַלען אין איין זייט און מיט אונטערגעשריבענע טויט־אורטיילען אין דער אַנדערער. די פּערזען זיינען געוועזען צו פיעל גערעכט און האָבען צו ווייניג גענוצט. אין אַ פּאַרלאַמענט־רעדע, וואָס קעסטלרי האָט געהאַלטען אין אַפּריל 1812, זאָגט ער: „עס איז זיין קעניגליכער הויכקייט ניט מעגילך זיך צו באַפרייען פון דעם פּאַפּיער־הויפען, וואָס איז אָנגעוואָרפען אויף זיין טיש."

און נאָך אַלעמען לאָזט דער קעניג מיט פיער יאָהר שפּעטער זיך אָנזאַמלען אַכט און פופציג טויט־אורטיילען אויף זיין טיש.

עס איז שוין פריהער דערמאָנט געוואָרען, אַז ווי באַלד דער

פרינץ האָט אָנגעהויבען באַקומען די מאַכט, האָט ער באַלד אָפּ־
געבראָכען מיט זיינע פריהערדיגע פריינד און איז געוואָרען אַ
טאָרי. עס איז אויפגעשטעלט געוואָרען די גרויסע און לאַנג־אָנ־
האַלטענדיגע טאָרי־רעגיערונג. אָן דער שפּיץ איז אוועקגעשטעלט
געוואָרען לאָרד ליווערפּול, איין איינגעשפּאַרטער אָבער גוטמוטיג־
פוילער רעאַקציאָנער. די פאַרביטערונג געגען דער רעגירונג איז
דערפאַר תמיד געווען קעגען זיינע קאָלעגען. ער איז אַלס פרע־
מיער־מיניסטער געווען אַ מין קאָנסטיטוציאָנעלער קעניג מיט עהר־
ליבע אבזיכטען און באַשיידענע פעהיגקייטען. ער און זיין קאָלעגע
לאָרד סירמוט האָבעןביידע געהאַט די פּריווילעגיע, וואָס זיי האָבען
ניט אַרויסגערופען קיין מורא דורך כאַראַקטער־פעסטקייט און קיין
קנאה דורך באַזונדערע פעהיגקייטען. דער אָנגעזעהענסטער און
אויסגעצייכענטסטער פון אַלע מיניסטאָרען איז געווען לאָרד
קעסטלרי, אַ מיטעלמעסיג באַגאַבטער אָבער ענערגישער מאַן, וואָס
איז געווען, נאָך דער כאַראַקטעריסטיק פון ווילבערפאָרס, אַזוי
קאַלט־בלוטיג ווי אַ פיש. ער האָט געהאַט שעהנע געזיכטס־שטרי־
כען און אַ באַפעהלערישע שטים און זיין אויסערע ערשיינונג האָט
אַרויסגערופען מעהר רעספּעקט ווי אַלע אונטער־הויז מיטגליעדער
זייט דער צייט פון ראָבערט וואַלפּאָל. ער איז געווען „דער עדלער
לאָרד מיט'ן בלויען באַנד.״ ער איז פון תמיד אָן געזינט געווען אַב־
סאָלוטיסטיש און זיין פאַרקעהר מיט די אומפאַראַנטוואָרטליכע
פירסטען פון'ם קאָנטינענט האָבען אין איהם נאָך מעהר ענטוויי־
קעלט אָט די גרונדזאַצען, וואָס זיינען אַזוי ניט פּאַסיג פאַר אַ קאָנ־
סטיטוציאָנעלען מיניסטער. דאָס באַוואוסטזיין פון דער באַ־
שרענקטקייט פון זיין אינטעליגענץ און מאַנגעלהאַפטער בילדונג,
האָט איהם דאָך ניט אָפּגעהאַלטען פון אַרויספּלאַצען מיט אַ גאַנצער
מאַסע פון שלעכט־געבויטע זאַצען און שוואַכע אַרגומענטען. זיין
שול־בילדונג איז געווען אַזאַ באַשרענקטע, אַז ער האָט ניט געקענט
ריכטיג צוזאַמענבינדען צוויי זאַצען, און זעהר אָפט האָט זיין פּלאַט־
לעריי אַרויסגערופען געלעכטער ביים גאַנצען הויז. אָבער ער האָט
מיט אונטערשיטערליכער עקשנות אויסגעהאַלטען יעדען אנגריף אין
קיין קריטישע באַמערקונג אָדער ביטערע אויסערונג האָט איהם
ניט אָפּגעשראָקען פון זיין וועג. אין פּאַרלאַמענט פלעגט ער זיך

באַנוצען מיט'ן אבסאָלוטיסטישען טאָן: „מיר אַליין פאַרשטעהן דאָס”. בייראָן, שעלי און מאר האָבען איהם אַלע גלייך אָנגעגריפען אין זייערע דיכטונגען.

עס בלייבט אונז נאָך צו דערמאָנען דעם קאַנצלער לאָרד על־דאָן, די פאַרקערפּערונג פון די טאָרי־דאָקטרינען, וועמעס געדאַנקען עס זיינען טאָג און נאַכט געווען נאָר דערמיט באַשעפטיגט, ווי אַזוי, ווי ער פלעגט עס רופען, „אויפצוהאַלטען די קאָנסטיטוציע”. ווער עס האָט געוואָלט אָפּשאַפען עפּעס אַן אַלטען מאָנאָפּאָל, אָדער עפּעס אַן אַלטע פּריוויהייטס־באַשרענקונג, אָדער גאָר אַן אַלט גרוזאַם שטראָף־געזעצבוך, דער האָט, נאָך דער מיינונג פון קאַנצלער, גע־לעגט אַ האַנט אויף דער קאָנסטיטוציע. פון דעסטוועגען איז ער אַליין יעדעס מאָל געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך ניט געזע־בענט מיט'ן געזעץ אַזוי שנעל ווי עס איז איהם געשטאַנען אין וועג. אויפהויבען פאַר אַ באַשטימטער צייט די האבעאס־קאָרפּוס־געזעצען, אונטערדריקען די פּרעסע און נאָך אַזעלכע אימפּוטאַציעס האָט ער באַטראַכט אַלס לעבען פאַר דער קאָנסטיטוציע, אָבער אריינגיסען אין איהר פריש בלוט — דאָס האָט ער באַטראַכט פאַר אַ טויט פאַר איהר.

עס איז געווען דאָס מיניסטעריום, אויף וועלכען אַלעקסאַנדער דער ערשטער פון רוסלאַנד האָט, אין 1814, געקוקט מיט ערשטוי־נען פאַר'ן פליים מיט וועלכען עס האָט זיך גענומען ווידער אויפ־צושטעלען די פּרינציפּען, וואָס זיינען דערשיטערט געוואָרען דורך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער רוסישער קייזער האָט פאַר־שפּאָט דאָס ענגלישע מיניסטעריום און זיך באַקלאָגט אויף די רע־אַקציאָנערע טענדענצען אין דעם — ער האָט אָנגעקניפּט באַציהונ־גען מיט די פיהרער פון דער אָפּאָזיציע אין לאָנדאָן. דער ערשטער איינדרוק פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אויף די ענגלישע רע־גירונג און פאָלק איז געווען אַ סימפּאַטישער. די געגנער פיט און פאָקס האָבען ביידע מסכים געווען, אַז די רעוואָלוציע איז איינע פון די גרעסטע און בעסטע אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט. אָבער ווי נאָר עס איז פון יענער זייט קאַנאַל פאַרגאָסען געוואָרען בלוט, אַזוי באַלד האָבען די באַפעלקערונג און אפילו דער רוב פון דער אָפּאָזיציע דערזעהן אין איהר אַ געפאַהר פאַר די טראַדיציעס:

פאַר דער מאַכט פון קעניג, פאַר דער רעליגיע, פאַר'ן אייגענטום־רעכט און עס האָט זיך באַלד געגרינדעט אַן אָרדנונגס־פּאַרטיי. פון די וויג'ס איז בורק געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיט געוואַלט־זאַמער העפטיגקייט פאַראורטיילט די רעוואָלוציע און וואָס האָט באַזונדערס פאַרדאַמט זיין פריינד און פּאַרטיי־גענאָסע פאָקס דערפאַר וואָס ער האָט פאַרטיידיגט איהר גייסט. די אַלטע וויגס האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן בורק'ן. פּיט, וואָס האָט געפּלאַנט אַ גאַנצע רייהע פון נויטיגע רעפאַרמען, האָט אפילו ניט געוואַגט עפּעס צו טאָן קעגען דעם פאַרדאָרבענעם וואַהל־סיסטעם אין ענגלאַנד. אויף אַ באַשטימטער אַנפראַגע האָט ער מודה געווען, אַז ער פאַרשטעהט, אמת, די נויטיגקייט פון אַ פּאַרלאַמענט־רעפאָרם, אָבער ער האַלט די איצטיגע צייט פאַר אומפּאַסענד פאַר אַזעלכע עקספּערימענטען. אין יעדער פרייזיניגער באַוועגונג, אפילו אין דער אומשולדיגסטער און באַרעכטיגסטער, האָט מען געזעהן דעם מורא'דיגען יאַקאָביניזם. ווען ווילבערפאָרס האָט אָנגעפאַנגען זיין אַגיטאַציע קעגען דעם שקלאַפען־האַנדעל איז ער צוערשט אונטערשטיצט געווען פון דער רעגירונג און פון דער אָפּאָזיציע. נאָך דער קעניג, די שיף־בויער און די אַריסטאָקראַטען זיינען געווען קעגען איהם. ווען ער האָט אָבער אין 1791 נאָכאַמאָל פאָרגעבראַכט דעם פאַל, איז געווען אַזאַ'ן ענדערונג אין דער שטימונג, אַז מען האָט ערקלערט די אַבאָלוציאָניסטען פאַר יאַקאָבינער און דאָס געזעץ וועגען אָפּשאַפונג פון שקלאַפען־האַנדעל איז מיט 163 קעגען 88 שטימען פאַרוואָרפען געוואָרען.

אַ באַזונדערען שרעק האָט אָנגעוואָרפען אויף ענגלאַנד דער איינדרוק, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געמאַכט אויף אירלאַנד. דאָרט האָט מען אָט די בשורה באַגריסט מיט אַזאַ פרייד, ווי שקלאַפען און לייב־אייגענע באַגריסען זייער באַפרייאונג. דאָס אירלענדישע פאָלק האָט אפילו אונטער דער פיהרונג פון'ם עדלען הענרי קרייטאַן, וועמען בייראָן האָט אַזוי באַגייסטערט באַזונגען, אין יאָהר 1782 באַקומען די אַנערקענונג פון זייער פּאַרלאַמענט אַלס גלייך־באַרעכטיגט מיט'ן ענגלישען, דאָך זיינען זיי אין קאָמערציעלער און רעליגיעזער באַציהונג געווען פאָלשטענדיג אונטערדריקט. דער מעסיגער טאָמאַס מאָר דריקט זיך אַליין אויס,

אַז אַלס קינד פון קאַטוילישע עלטערען איז ער געקומען אויף דער וועלט מיט'ן יאָך ארום זיין האַלז. ער דערצעהלט ווי זיין פאָטער האָט איהם אין יאָהר 1792, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, מיטגענומען צו אַ סעודה, וואָס איז פאַראַנשטאַלט געוואָרען אין דובּלין אין פאַרבּינדונג מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווי דער פאָרזיצענדער האָט דאַמאָלס אַרויסגעבּראַכט דעם טאָאַסט: „הלואי זאָל דאָס פרישע ווינטעלע פון פראַנקרייך גרין מאַכען די אויסלענדישע ערד!" זיינע שריפטען שילדערען די באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די יוגענד. ער האָט געקענט זייער פיהרער עמעט און איהם באַוואונדערט. עמעט פלעגט אין'ם דובּלינער דיסקוטיאָנס־קלוב, ווען פיהרער און ציערונג ער איז געווען, מיט זיין בּערעדזאַמקייט שילדערען די געשעהענישען פון דער פראַנצויזישער רעפּובּליק. פאַרגלייכענדיג זי איינמאָל מיט צעזאַר, וואָס איז געשוואומען איבּער'ן רוביקאָן, האַלטענדיג אין איין האַנט אַ שווערד, אין דער אַנדערער זיינע קאָמענטאַרען, האָט ער זיך אויסגעדריקט: „אַזוי שווימט איצט פראַנקרייך איבּער שטורעמדיגען ים פון בּלוט, אָבער אין דער צייט ווען עס פאַכעט מיט איין האַנט מיט'ן שווערט איבּער די אונטערדריקער האַלט עס אין דער אַנדערער האַנט די אוצרות פון דער וויסענשאַפט און פון דער ליטעראַטור אומבּאַפלעקט פון'ם בּלוטיגען שטראָם, דורך וועלכען עס מוז זיך איצט דורכרייסען." זיין יונגער לאַנדסמאַן טאָמאַס מאָר פלעגט זיך צוהערען ניט נאָר צום אינהאַלט פון אַזעלכע רעדען, נאָר אויך צו יעדער אַנדייטונג, צו יעדען רמז, וואָס האָט אומדירעקט אַריינגעצויגען אירלאַנד אין דעם טעמאַ. אַזעלכע אַנדייטונגען האָבען אויך ניט געפעהלט. „ווען אַ פאָלק" — האָט עמעט איינמאָל אויסגערופען — „וואָס געהט שנעל פאָרווערטס הן אין קענטניש הן אין מאַכט, בּאַמערקט אַז זיין רעגירונג איז צוריקגעבּליבען, בּלייבּט דען ניט עפּעס אַנדערש צו טאָן ווי אויפצוהויבען די רעגירונג צום צושטאַנד פון'ם פאָלק".

עס האָט ניט לאַנג גענומען און ראָבּערט עמעט האָט געמוזט פאַר זיינע מוטיגע ווערטער טייער בּאַצאָלען. אין 1798 האָט דער אָנגעהויפּטער צינד־מאַטעריאַל עקספּלאָדירט און קעסטלריי האָט, ווי בּייראָן דריקט זיך אויס, געוואַשען זיינע יונגע הענט אין

ערענ׳ס בלוט. די גרויזאַמקייט, מיט וועלכער די רעגירונג האָט אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד, האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַזאַ ווילדקייט, מיט אַזאַ טיראַניי, אַז עס איז שווער צו גלויבען, אַז די אונטערדריקונג פון אַן אויפשטאַנד אין דער איצטיגער צייט וואָלט געקענט זיין באַגלייט מיט אַזעלכע שרעקליכקייטען. איך וועל מיך נאָך, ריידענדיג וועגען מאָר׳ס אירלענדישע מעלאָדיען, אָפּשטעלען דאַרויף. דער האַס קעגען דער רעוואָלוציע איז געווען אַ פאָרטזעצונג פון׳ם האַס קעגען נאַפּאָלעאָנ׳ען. ער האָט איבערגעשטיגען אַלע גרענעצען פון׳ם פאַרשטאַנד. טעקערײ דערצעהלט אַן אנעקדאָט, אין וועלכען עס זעהט זיך ארויס דער גראַד פון אָט דעם האַס. „איך בין געקומען" — זאָגט ער „פון אינדיען אַלס קינד. אונזער שיף האָט אויפ׳ן וועג געלאַנדעט ביי אַן אינזעל־ברעג און מיין שווארצער דינער האָט מיט מיר גענומען אַ שפּאַציר איבער פעלזען און בערג. מיר זיינען געקומען צו אַ גאַרטען, וואו אַ מאַן האָט שפּאַצירט אויף און אָפּ". „דאָס איז ער" — האָט דער שווארצער זיך אָנגערופען — „דאָס איז באָנאַפּאַרט. ער עסט אויף יעדען טאָג דריי שאָף און אַזוי פיעל קליינע קינדער, וויפיעל ער קען נאָר באַקומען." טעקערײ באַמערקט דערצו: „עס זיינען געווען אַ סך מענשען אין ענגלאַנד, אויסער אָט דעם ארימען דינער פון קאַלקוטאַ, וואָס האָבען אויך אַזוי מורא געהאַט פאַר׳ן קאָרסיקאַנישען מענשען־פרעסער. אָט דער האַס קומט בולט ארויס אין וואָרדסוואָרטס׳ סאָנעטען, אין סאַוטיי׳ס דיכטונגען און אין וואַלטער סקאָט׳ס אַזוי שלעכט־פאַר׳שמ׳טער ביאָגראַפיע פון נאַפּאָלעאָן. די מלחמות קעגען פראַנקרייך האָבען אָוועקגעלעגט דעם פונדאַמענט פאַר דער גרויסער בריטישער רעאַקציע: אַלע מאָל זיינען די האַבעאַס־קאָרפּוס־אַקטען סוספּענדירט געוואָרען, דער אַלטער באַפעהל פון עדוואַרד דעם דריטען איבער הויכפאַרראַט איז פאַרשאַרפט געוואָרען, די פרעס־פרייהייט האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ פוסט וואָרט. באַזונדערס זיינען אין שאָטלאַנד ארויסגעזוכט געוואָרען אור־אַלטע גרויזאַמע געזעצען און הויך־געבילדעטע מענער זיינען פאַרשיקט געוואָרען אין אויסטראַלישע שטראָף־קאָלאָניעס ווי געמיינע פאַרברעכער. מען האָט זיך ניט אָפּגעשראָקען צו רעדען קעגען די ענגלישע רעפּובליקאַנער און פאַרטיידיגער פון גלייכקייט פון דער

אומבאַשרענקטער קעניגליכער מאַכט. דעם פּאַרלאַמענט און די געריכטס־געשוואָוירענע האָט מען באַטראַכט פאַר אַן אונטערגע־אָרדענטע מאַכט און אַ נעבענזאַך. עס האָט זיך געגרינדעט אַ פּאַר־טיי, וואָס האָט אַלצדינג באַהערשט, אונטער'ן מלחמה־אויסרוף: קעניג און קירך!

דער קעניג אַליין איז געווען פּשוט משוגע, דער פּרינץ־רעגענט — נאָך ערגער ווי משוגע און די קירך איז געווען דורכגעדרונגען מיט צבוע'טסטווא. 1816 זיינען אָנגעקומען אומגערעטעניש, אי־בערשוועמונגען, הונגער־נויט. דער שרעקליכער הונגער האָט ארומ־געטריבען די נידעריגערע באַפעלקערונג אָהן אַ שום פּלאַן איבער די הייזער און הויפען. שעלי האָט אָט די שטימונג אויסגעדריקט אין זיין „מאַסקע פון דער מאַנאַרכיע". אין מאַנטשעסטער האָ־בען די ארבייטער אויס פאַרצווייפלונג צובראָכען די שפּיצען־וועב־בערייען און אַ תּל געמאַכט פון די וועב־שטוהלען. די ערשטע שעה־נע רעדע פון בייראָן אין פּאַרלאַמענט איז די פאַרטיידיגונג פון די ארבייטער.

מען זעהט פון ראָמילי'ס טאָג־ביכער, ווי אוממעגליך עס איז געווען פאַר אַ פּאָר פרייזיניגע מענער דורכצוזעצען די קלענסטע רע־פאָרם. ראָמילי, וואָס איז אַלגעמיין פאַרעהרט געוואָרען אַלס דער רעפאָרמאַטאָר פון דער גרויזאַמער ענגלישער שטראַף־געזעצגעבונג, (דערזעלבער, וואָס איז אַזוי באַקאַנט געוואָרען אַלס דער יוריסטי־שער בעל־יועץ פון דער פּרינצעסין פון וועלס און פון דער ליידי בייראָן.) זאָגט אין זיין טאָג־בוך פון 1808: „אויב אימיצער וויל האָבען אַ קלאָרען באַגריף פון דער אומגליקליכער ווירקונג, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און איהרע שרעקליכקייטען האָבען פאַראורזאַכט אין אונזער לאַנד, זאָל ער נאָר פאַרזוכען דורכצו־פיהרען אין אַ געזעצליכער פאָרם וואָסערע עס איז רעפאָרם נאָך מענשליכע און ליבעראַלע גרונד־זאַצען. ער וועט דאַמאַלס ענטדע־קען, ניט נאָר, וואָס פאַר אַ נאַרישע מורא עס הערשט קעגען יעדע ענדערונג, נאָר אויך וואָס פאַר אַ גרויזאַמער גייסט עס האָט זיך איינגעבאַפּט אין אַ גרויסען טייל פון זיינע לאַנדסלייט". ווען ראָמילי האָט געמאַכט דעם פאָרשלאַג, אַז מען זאָל אָפּשאַפען דאָס געזעץ פון וויל־

העלם דעם דריטען, וואָס באשטראַפט מיט תליה פאַר באַ'גנב'ענען א קלייט, האָט איהם לאָרד עלענבאַרא געענטפערט מיט באַדויערען פאַר וואָס די מאָדערנע פילאָזאָפיע אונטערשטעהט זיך אָנצוגרייפען אַזעלכע „קלוגע פאַראָרדנונגען, וואָס עקזיסטירען שוין אַזוי פיעל הונדערטער יאָהרען". לאָרד עלענדאַם האָט איהם אין זיין ענטפער אונטערשטיצט. און ניט נאָר די רעגירונג אַליין האָט אַרויסגעוויזען אַזאַ גרויסען חשק צו הענגען, נאָר א סך פאַרלאַמענטס-מיטגלידער זיינען געווען ווי פאַר'כשופ'ט פון דעם. ראָמילי דערצעהלט אַליין, ווי איינער פון זיינע קאָלעגען אין פאַרלאַמענט פלעגט ענטפערען אויף יעדען פאָרשלאַג און יעדע באַמערקונג מיט דער סטערעאָטיפּישער פראַזע: „איך בין דערפאַר מען זאָל אַלע הענגען". דאָך האָט מען געקענט האָבען א פאָרשטעלונג וועגען דעם, אַז דער ניינצעהנטער יאָהרהונדערט איז די צייט, צו מאַכען א סוף צון אַט דער ליידענשאַפט פאַר דער תליה, וואָס דינט אַלס אַן אונאַנגענעמער באַוויז פאַר דער גרויסער מאָס רויקייט, וואָס איז פאַראַן אין דער ענגלישער נאַציע. פאַר היינריך דעם אכטען זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרען צוויי און זיבעציג טויזענד גנבים, פאַר געאָרג דעם דריטען פלעגען אין דורכשניט אויפגעהאַנגען ווערען יעדען יאָהר צוויי טויזענד גנבים, דאָס מאַכט אויס פון 1760 ביז 1810 אַן ערך פון הונדערט-טויזענד. אין יאָהר 1817 איז די פאַרפאָלגונג פון דענק-און שרייב-פרייהייט — אין דער פאָרם פון פּראָצעסען קעגען דעם ביכער-פריינד האָן געוואָרען אַן אמת סיסטעם; האָן האָט אָבער, דורך דער זעלטענער פאַראייניגונג פון חכמה און אמת-ליבע אין איהם, פאַרשטאַנען, פאַר'ן געריכט צו מאַכען צו גאָר ניט דעם פאַרזוך איהם צו באַשטראָפען פאַר גאָט-לעסטערונג. נאָך דעם זיינען געקומען אין 1818 די אונרוהען פון דער אָרימער באַפעלקערונג אין מאַנטשעסטער, וואו די רייטער האָבען אין פאָלק געהאַקט מיט בלויזע שווערדען און די סאָלדאַטען האָבען מיסהאַנדעלט די אומבאַוואָפענטע מאַסע. דעם איינדרוק פון אַט דער ערשיינונג געפינט מען אין שעלי'ס דיכטונג פון 1819.

געוויס איז דער פּאָליטישער הינטערגרונד פון אַט דער ליטעראַטור פעריאָדע א פינסטערער — א פינסטערער דורך דער מורא פון'ם פובליקום פאַר די שרעקען פון דער פרייהייטס-באַוועגונג

גונג אין פראַנקרייך; פינסטער דורך די טיראַנישע אפעטיטען פון
די שטאָלצע טארים און דורך דעם דרוק פון דער הויכער קירך; פינ־
סטער דורך דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון די אירלענדישע קאטאָ־
ליקען און פון די ענגלישע ארבייטער. דערצו נאָך האָט די געזעל־
שאפט אוועקגעשטעלט די נארישקייט אן איהר שפּיץ אין דער פּער־
זאָן פון געאָרג דעם דריטען, אויף וועמעס קאָפּ די קרוין איז געווען
ארויפגעזעצט און דאָס סצעפּטער איז אוועקגעלעגט געוואָרען אין
די הענט פון אויסגעלאַסענקייט, וואָס איז געווען אין דער פּערזאָן
פון׳ם פּרינץ־רעגענט, די שטעלפאַרטרעטונג פון דער פריהערדיגער
נארישקייט. אָט דאָס איז עס דער טראָן, וועלכען לאָרד עלדאָן
שטיצט מיט זיינע זעקס אונטערדריקונגס־געזעצען, צוליעב וועלכע
ער האָט איבערגעמאַכט די אור־אַלטע ענגלישע קאָנסטיטוציע. —
אָט דאָס איז דער טראָן, וואָס ווערט פאַרהערליכט אין די אונגראַ־
מאַטיקאַלישע און פרייהייטס־פיינדליכע פאַרלאַמענטס־רעדען פון
קעסטלרי און אין די אונמעלאָדישע און גוט־באַצאָהלטע שמייכעל־
הימנען פון סאותיי. ערשט דער גט־פּראָצעס צווישען געאָרג דעם
פערטען און קאראלינא, וואָס רופט ארויס אונגעהערטע סקאַנדאַלען
און איבער וועלכע דאָס אויבער־הויז גיסט זיך אויס אין גאנצע
שטראָמען פון רעדען, ערשט אָט דער גט־פּראָצעס רייסט ארונטער די
דעקאָראַציע פון׳ם הויף און דעם גלאַנץ פון דער קרוין און ווארפט
דאָס אריין אין א ים פון שמוץ. דערצו קומען, ווי א קלאַפּ נאָך
א קלאַפּ, די רעוואָלוציעס אין שפּאַניען, גריכענלאַנד און דרום־אמע־
ריקאַ און רייניגען די אַטמאָספערע. קעסטעלדי שניידט זיך איבער
דעם גאָרגעל (שניידט איבער די גאנז־פעדער, ווי בייראָן דריקט
זיך אויס) און ענגלאַנד אנערקענט אונטער קאנינג די דרום־אמע־
ריקאַנישע רעפּובליקען און גרייט זיך צו א מלחמה ביי נאַווארינא.

שעלי׳ס, לענדאר׳ס בייראַנ׳ס און קמעפעל׳ס פּאָעזיע איז א
פּאָליטישער פּאַראַלעל צו די רעגירונגס־האַנדלונגען פון קאנינג.
אָבער די רעדען פון קאנינג אליין זיינען א דערגענצונג צו די יוערק
פון אָט די דיכטער. קעסטעלרי׳ס אונענטשלאָסענע רעדען און זיינע
לאַנגווייליגע, אינהאַלטסלאָזע אָפּיציעלע בריף — דאָפּעל איג־
האַלטסלאָז, ווייל ער, אלס אמת׳ער געשעפטסמאַן פון מעטערניכ׳ס
שול האָט בעסער אַלצדינג אָפּגעמאַכט בעל־פּה — זיינען פּאַרבי־

טען געוואָרען דורך קאַנינג'ס מוטיגע, פלאַמיגע און שעהנע באַרעדזאַמקייט. אנשטאַט דעם וואָס פריהער האָבען קעסטעלרי, ווי אויך זיינע קאָלעגען, וואָס האָבען איהם איבערגעלעבט, אויפ'ן שענדליכען קאָנגרעס פון וועראנא געזוכט מיט אלע מעגליכקייט צו דערהאלטען די פינסטערניש אונטער'ן שיין פון אן עוואַנגעלישען שלום, האָבען איצט קאַנינג'ס רעדען געלויכטען ווי א ברענענדיגער וואַלד אין דער טיפער נאַכט פון דער הייליגער אליאַנץ. זיין גרויסער פּאָליטישער גרונד־געדאַנק איז געוועזן דער געדאַנק וועגען דעם רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג פון די פעלקער. ער איז געשטאָרבען דעם 8טען אויגוסט 1827. דעם 10טען אָקטאָבער פון'ם זעלביגען יאָהר איז פאָרגעקומען די שלאַכט ביי נאַווארינא. דאָס איז געוועזן דער לעצטער ווילען פון'ם פארשטאָרבענעם און איז פאר אונז היינט דער פּאָליטישער סימבאָל פאר דער דערוואַכונג פון'ם נייעם גייסט אין אייראָפּא.

(מיט מאַרטינא: די היסטאָריע פון ענגלאַנד אין פאַרלויף פון די דרייסיג יאָהר פרידען. באַנד 1, 2: מאַסיי: די היסטאָריע פון ענגלאַנד אין פאַרלויף פון דער רעגירונג פון געאָרג דעם דריטען. באַנד 1, 6 טעקערי, די פיער געאָרגס. רייגאַלד פאולי: די געשיכטע פון ענגלאַנד זייט די פרידענס שלוסען פון 1814 און 1815. — עמערסאָן: ענגלישע כאַראַקטערס).

4

די געבורט פונ'ם נאַטוראַליזם.

אינ'ם זומער פון 1797 האָבען די איינוואוינער פון א קליי־נעם דאָרף ביים ברעג פון זאמערסעטשיר געהאט צו רעדען מיט נייגעריגקייט וועגען צוויי יונגעלייט, וואָס האָבען זיך פאר א קורצער צייט באזעצט ביי זיי, זיינען געגאנגען יעדען טאָג שפּאַצירען און האָבען געפיהרט צווישען זיך לאנגע געשפּרעכען אין פראגען און ענטפערס, פון וועלכע עס האָבען זיך ארויסגעהערט אומפאר־שטענדליכע נעמען און ווערטער. איינער פון די צוויי יונגע לייט איז אַלט געווען זיבען און צוואנציג יאָהר, האט אויסגעזעהן צו זיין זעהר ערנסט און אין זיינע געזיכטס־שטריכען איז געווען עפּעס בכבוד'יגעס, עפּעס פייערליכעס וואָס האט איהם געמאכט אויסזעהן ווי א מעטאָדיסטען־פּרעדיגער. ער האט געהאט א מאַנאַטאָנע, דער־מידענדיגע שטים. זיין באגלייטער, מיט א פּאָר יאָהר איינגער פאר איהם, וואָס האט אָהן אן אויפהער גערעדט און אומרוהיג גע־מאכט מיט די הענט, האט געהאט א גרויסען רונדען קאָפּ, פון וועל־כען מען האט געקענט דערקענען זיין אינטעליגענץ; ער האט גע־האט א גלאַט פּנים, טיעפע העל־ברוינע אויגען און א מאָדנעם אויסדרוק פון שוואכער אומבאשטימטקייט און דורכדרינגליכע כאַ־ראַקטער־שוואכקייט פון דעם סאָרט, וואָס שליסט אויך ניט אויס דאָס אויפפלאַקערען ביי פארשיעדענע געלעגענהייטען. זיין שטים איז געווען מוזיק, זיין בארעדזאמקייט האט, ווייזט אויס, אפילו זיין צוריקגעהאַלטענעם צוהערער און פריינד פאר'כשופ'ט. ווער און וואָס זיינען געווען אָט די יונגע לייט, וואָס האָבען אין יענער געגענד זיך גאָר ניט פאראינטערעסירט מיט דער געזעלשאפט? אָט דאָס איז געווען די פראגע, וואָס די דאָרטיגע תושבים האָבען זיך געשטעלט. וועגען וואָס נאָך האָבען זיי געקענט אזוי ליידענ־שאפטליך דיסקוטירען אויב ניט איבער פּאָליטיק! אויב אזוי

איז דאָך ניט אַנדערש, אַז זיי זיינען פאַרשווערער, יאַקאָבינער און טראָגען זיך אַרום מיט פאַררעטערישע פּלענער.

באַלד האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קול, אַז דער עלטערער פון די פריינד וואָרדסוואָרט, האָט זיך אין אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע אויפגעהאַלטען אַ לענגערע צייט אין פראַנקרייך און האָט זיך מיט לייַדענשאַפט מיטבאַטייליגט אין דער סאָציאַלער באַגייסטערונג פון דער צייט, עס איז אויך אַרוים אַ קול, אַז דער אינגערער, קאָלרידזש, האָט זיך גאָר פריה באַקאַנט געמאַכט אַלס אַן ענטוזיאַסטישער דעמאָקראַט און אוניטאַריער, האָט אָנגעשריבען אַ דראַמאַ: „דער פאַל פון ראָבעספּיער", האָט אַרויסגעגעבען צוויי פּאָליטישע בראָשורען: „קאָנסיאָנעס עד פּאָפּולום", יאַ, ער האָט אפילו פאַרטראַכט אַ פּלאַן צו מאַכען אַ סאָציאַליסטישע קאָמונע ערגיץ ווייט אין אַמעריקאַ מיט אַ פּאָר פון זיינע גענאָסען. ווי קען מען נאָך מעהר זיין מסופק? עס האָט זיך געפונען אַ גוטע נשמה אין דער נאַכבאַרשאַפט און האָט דענונצירט די פריינד אין לאָנדאָן ביי דער רעגירונג און זי האָט געשיקט אַ שפּיאָן אויסגעפינען דעם צוועק פון די שפּאַצירען און אויספאָרשען דעם אינהאַלט פון די געשפּרעכען. באַלד האָט זיך אין דער פרידליכער געגענד באַוויזען אַ פּאָליציי־שפּיאָן מיט אַ רויטער נאָז און אַ באַרדאָלף־פיזיאָנאָמיע און האָט אַזוי שטילערהייט נאָכגעפאָלגט די פריינד אויף יעדען טריט. ווען ער האָט זיי געזעהן אַרומגעהן מיט פּאַפּירען, האָט ער ניט מעהר געצווייפעלט אין דעם, אַז זיי „נעמען אַראָפּ אַ קאַרט פון דער געגענד." ער האָט געפּרופט מיט זיי אַ רעד טאָן ביי געלעגענהייט און פּלעגט זיך תמיד באַהאַלטען אין גראָז אונטער דער באַנק ביים ים, וואו זיי זיינען אַם ליעבסטען געזעסען. דאָרט פּלעג ער אָפּט ליערען גאַנצע שטונדען. צוערשט האָט ער גערעכענט, אַז די חברה האָבען עפּעס דערשמעקט פון דער געפאַהר, וואָס שוועבט אַרום זיי: אין זייערע געשפּרעכען האָט ער אָפּט געהערט דאָס וואָרט „ספּיי־נאָזאַ" (דער שפּיאָן מיט דער נאָז) און האָט גערעכענט, אַז דאָס באַציהט זיך אויף איהם. ער האָט זיך אָבער באַלד איבערצייגט, אַז עס האַנדעלט זיך דאָ וועגען אַ נאָמען פון אַ מאַן, וואָס האָט געשריבען אַ בוך און איז שוין לאַנג געשטאָרבען. מען זעהט דערפון, אַז די פריינד האָבען דעם נאָמען אויסגעשפּראָכען מיט'ן

ענגלישען אַקצענט. דאָס געשפּרעך האָט זיך כמעט תמיד באַצויגען אויף ביכער: איינער פאָדערט דעם צווייטען צו לייענען דאָס אָדער אַנ'אַנדער ווערק, זיך מיט דעם אָדער מיט יענעם בוך צו פאַראינטערעסירען. דעם פּאָליציי־מאַן האָט זיך ניט איינגעגעבען צו כאַפּען אפילו א וואָרט פון פּאָליטיק און ער האָט אַן ענטטוישטער אויפגעגעבען זיינע באַמיהנונגען אום וואו אַנדערש אריינצושטעקען זיין נאָז.

אין אמת'ן איז דאָ גאָר ניט געווען קיין געפעהרליכעס צו ענטדעקען; די פריינד האָבען זיך שוין לאַנג אויסגעניכטערט פון'ם פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערען רויש. אפילו אָט דעם שפּינאָזא, וועמען עס איז אויסגעקומען צו שפּיעלען אזא גרויסע ראָלע אין די געשפּרעכען, האָבען זיי נאָר געקענט פון דער צווייטער האַנט און האָבען נאָר דעבאַטירט וועגען איהם, אָבער האָבען זיך ניט נאָר ניט איינגעלעבט מיט איהם נאָר איהם אפילו ניט רעכט פאַרשטאַנען. דער ערשטער איז געווען קאָלרידזש, וואָס האָט זיך דורך שעלינג'ס שריפטען באַקאַנט מיט דער סובסטאַנץ־פילאָזאָפיע און האָט איצט געזוכט איינצופיהרען זיין פריינד, וואָס האָט ווייניג געוואוסט פון פילאָזאָפיע, און די נייע ווייזהייטען. אָבער שפּינאָזא איז אין אָט די געשפּרעכען נאָר געווען דער סימבאָל פון א מיסטישען נאַטוראַליזם; דער נאָמען יאַקאָב בעהמע האָט זיך מיט איהם גאַנץ בשלום פאַרהאַלטען. עס האָט זיך דאָ ניט געהאַנדעלט וועגען וויסענשאַפט, נאָר וועגען פּאָעזיע און אויב ביי די דיסקוסיעס איז געווען א רעד וועגען רעוואָלוציע, האָט דאָס געמיינט א ריין ליטעראַרישע און פּאָעטישע רעוואָלוציע, וועגען וועלכער די איידעען פון די צוויי דאָרף־איינוואוינער האָבען פּאָלקאָמען איינגעשטימט, כאָטש זיי זיינען ארויסגעגאַנגען פון פאַרשיעדענע שטאַנדפּונקטען.

אָט די געשפּרעכען האָבען געפיהרט צום באַוואוסטען ליטעראַרישען ברוך מיט'ן גייסט פון'ם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט, וואָס קומט פאָר אין דערזעלבער צייט אין גאַנץ אייראָפּא אונטער פאַרשיעדענע פאָרמען.

קאָלרידזש מיט זיין פאָרשער־נאַטור האָט זיך באַצויגען מיט

אַנטיפּאַטיע צו דעם פראַנצויזישען קלאַסישען פודער נאָך ווען ער איז געווען אין שול. ער איז געוועזען אונטער'ן איינפלוס פון אַן אָריגינעלען לעהרער, וואָס האָט געוואָרענט זיין אויפמערקזאַמען תלמיד פאַר דער הארף, לאוט און לירע אין פּראָזא און זיי פאַרביי־טען מיט „פעדער און טינט"; ער האָט איהם געוואָרענט פאַר מו־זען, פּעגאַזוס, פּאַצאַס, און היפּאַקרענע אין דער ליריק, באַצייכנענ־דיג דאָס אַלעס אַלס געשמאַקלאָזיגקייט און קאָנוועגציאָנעל. קאָל־רידזש האָט זיך דערפאַר אָפּגעזאָגט צו אַנערקענען פּאָפּע'ן און זיינע נאַכפאָלגער אַלס פּאָעטען און האָט געשוואוירען געטריי־שאַפט צו באָולע'ס סאָנאַטען. ער האָט זיך באַצויגען צו פּאָפּע ווי עלענשלעגערס יונגע פריינד אין דענעמאַרק האָבען זיך שפּעטער באַצויגען צו באַגעזען'ס פּאָעזיע. זיין גערמאַנישע נאַטור האָט איהם געמאַכט פאַר אַ געבוירענעם שונא פון שאַרפזין, עפּיגראַמען און שטעך־ווערטער. ער האָט באַטראַכט די אייגענטימליכקייטען פון דער פראַנצויזישער שול פאַר ניט פּאָעטיש. זיי זיינען באַ־שטאַנען, נאָך זיין מיינונג, אין דער ריכטיגער און שאַרפער באָאַב־אַכטונג פון מענשען און זיטען אין אַ קינסטליכען און אַ פאַרפיי־נערטען געזעלשאַפטס־צושטאַנד און אין דער געשליפענער פאָרם אָט די באָאַבאַכטונג ארויסצוברענגען. אָט די פאָרם איז געווען אַ מין ווייצלען זיך אריינגעקליידעט אין גלאַטען און שטאַרקען עפּי־גראַמישען פאָרמען. אפילו ווען דער סוזשעט איז ניט געווען פּונ'ם ווירקליכען לעבען האָט דער פּאָעט זיך דאָך געווענדט צום שכל, יאַ, אפילו אין אַ צוזאַמענהענגענדיגער פּאָעטישער דערצעהלונג האָט דער דיכטער באַזאָרגט מיט אַן עפּיגראַם יעדע צווייטע שורה און דאָס גאַנצע האָט אויסגעזעהן ווי אַ קייט פון עפּיגראַמען. מען האָט, מיט אַנדערע ווערטער, נאָך קאָלרידזש מיינונג דאָ ניט גע־פונען קיין פּאָעטישע געדאַנקען נאָר אומפּאָעטישע פאַרקליידט אין אַ שפּראַך, וואָס מען רופט אוים געוואוינהייט פּאָעטיש. די ענט־שטעהונג פונ'ם געדיכט האָט גאָר ניט געהאַט צו טאָן מיט קיין פאַנטאַזיע, יאַ, עס האָט אַזוי אָפט דעם דיכטער געפעהלט פאַנטאַ־זיע, אַז עס איז איינפאַך אָפּגעהאַנגען דערפון צי דאָס וואָרט איז געשריבען מיט אַ גרויסען אָדער קליינעם בוכשטאַב אום צו וויסען אויב דאָס איז אַ פּערזאָניפיקאַציע אָדער אַן אַבסטראַקטער באַגריף.

אין צייט ווען די גרויסע אַלטע דיכטער פון ענגלאַנד, ווי ספּענסער, האָבן געקענט אויסדריקן אַ פאַנטאַסטישען איינפאַל אין׳ם רייני־סטען און איינפאַכסטען ענגליש, האָבן די נייערע אַנדערש ניט געקענט אַרויסברענגען די געוועהנליכסטע זאַכען ווי נאָר מיט דער הילף פון אַן אָנגעצויגענעם, קלינגענדיגען און פאַנטאַסטישען ענג־ליש, אַזוי, אַז עס האָט אויסגעזעהן, ווי עכאָ און ספּינקס וואָלטען זיך בשותפות דעם קאָפּ געבראָכען ביז זיי האָבען דאָס אַרויסגעבראַכט. קאָלרידזש האָט מיט אומצופרידענקייט זיך אָפּגעווענדעט פון אָט די פאַרזוכען צו פאַרדעקען די פאַנטאַזיע־לאָזיגקייט דורך געקינ־סטעלטע אויסדרוקען. ער האָט ניט פאַרטראָגען די אָרדען ווענגען „איינפערזוכט", „האָפנונג", „פאַרגעסען" און נאָך אַזעלכעס אַב־סטראַקטעס. זיי האָבען איהם דערמאָהנט אָן אַן אַקספאָרדער אָדע וועגען „פּאָקען־שטעלען", וואָס פאַנגט זיך אָן:

„קום אַראָפּ, פּאָקען־אַריינשפּריצונג, הימלישע מיידעל, נידער אַראָפּ!"

אָבער אַפילו אין דער בעסטער שפּעטערער ענגלישער פּאָעזיע, האָט זיך די געוואוינהייט צו נעהמען אַבסטראַקטעס פאַר געשטאַל־טען נאָך גאַנץ לאַנג געהאַלטען. ביי שעלי קומען נאָך פאַר „דאָס שווערסטער־פּאָרעל פון טעות און אמת" אַלס פּערזאָנען. דאָס גאַנ־צע רעטאָרישע סיסטעם האָט קאָלרידזש באַטראַכט אַלס אַן אָפּ־שטאַמונג פון דער געוואוינהייט צו שרייבען לאַטיינישע פערזען אין די שולען. אַלס אַ היפוך דערצו האָט פאַר איהם געשוועבט אַלס אידעאַל, אויסצודריקען נאַטירליכע געדאַנקען אין אַ נאַטירליכען סטיל, וואָס זאָל ניט זיין ביכעריש און אויך ניט וואולגאַר; עס זאָל זיך ניט פּיהלען אין זיי דער לאָמפּ און אויך ניט דער רינשטאָק. ער האָט באַטראַכט די אַלט־ענגלישע באַלאַדען פון פּערסי׳ס זאַמ־לונג מיט זייערע אומגעפּעלשטע פּאָלקסטימליכע נאַטור־טענער אַלס זיין ווענגווייזער. ער האָט גענאָט דעם וואונש אַרויסצוגעבען פון זיך אַזעלכע טענער.

דאָ האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט וואָרדסוואָרט אין זיינע אידעען און פּלענער. וואָרדסוואָרט איז געווען פון די גייס־

טער, וואָס האָט ליעב און באַציהט זיך מיט צוטרויען צו ענטשיידענע און פאַרדאַמענדיגע אורטיילען. זיין מיינונג וועגען דער ענגלישער פּאָעזיע, זייט מילטאָן, איז געווען, אַז, נאָכדעם ווי דאָס פאָלק האָט ארויסגעבראַכט אַזאַ גרויסען מאַן, האָט עס אינגאַנצען פאַרלוירען די פּאָעטישע קראַפט און איז פאַרבליבען נאָר ביי אַ קאָמפּאָזיציאָנס־פאָרם, אַזוי, אַז די פּאָעזיע איז נישט מעהר ווי אַ שפּראַך־קונסט און אַ וואָרט־שפּילעריי און דער דיכטער ווערט געמאָסטען נאָך דעם ווי וויט ער באַהערשט אָט דעם שפּראַך־אינסטרומענט. דערפאַר האָט זיך דער מעטרישער סטיל מעהר און מעהר דערווייטערט פון דער פּראָזאַ. די אויפגאַבע דאַרף זיין איהם צוריק צו ברענגען אַזוי, אַז ער זאָל זיך אונטערשיידען פונ'ם פּראָזאַישען נאָר מיט דער ריטם־פאָרם. אין דער צייט, וואָס קאָלרידזש האָט אַזוי געוואַרנט פאַר נאַטור־מעלאָדיען, איז וואָרדסוואָרט געווען אַזוי ראַדיקאַל, אַז ער האָט זיך טעאָרעטיש געקענט באַנוגענען נאָך מיט ווענינגער ווי אַ געגראַמטען נאַטירליכען פּראָזאַ־דיאַלאָג.

צו'ן אָט דעם נאַטוראַליזם אין דער אויפפאַסונג פון דער פאָרם איז צוגעקומען דער נאַטוראַליזם אין דער אויפפאַסונג פון פּאָעטישען אינהאַלט. דאָס איז געווען איינע פון וואָרדסוואָרט'ס ליעבלינגס־באַהויפּטונגען און דאָס פלעגט ער אויך אויסוואַרפען דער הערשענדער ליטעראַרישער שול, אַז צווישען מילטאָן און טאָמסאָן איז קוים פאָרגעקומען איין איינציג בילד פון דער אויסערליכער נאַטור אָדער אַן איינציגע נייע נאַטור־שילדערונג. אַליין זייענדיג פאַראַנלאַגט מיט אַ באַזונדערען חוש פאַר דאָס אויפנעהמען פון מאַטעריעלע ערשיינונגען אין דער נאַטור, רופט ער אויס אַלס לאָזונג: „נאַטור, נאַטור!״ און אונטער'ן וואָרט נאַטור האָט ער פאַרשטאַנען דאָס דאָרף אין היפּוך צו דער שטאָדט. דורך דעם שטאָדט־לעבען האָבען די מענשען פאַרגעסען די ערד אויף וועלכער זיי לעבען; זיי קענען זי ניט מעהר, זיי דערמאָהנען זיך נאָר איהרע שטאַרקע שטריכען אין דער פיזיאָנאָמיע פון פעלד און וואַלד, וואָס האַלט זיך אין איין בייטען, מיט זיינע, שמייכעלדיגע, שטראַהלענדיגע, ערנסטע און שרעקליכע סצענען האָבען זיי אינגאַנצען פאַרגעסען. ווער קען דען נאָך די נעמען פון די פאַרשיידענע און ווילדע

בלומען; זועגן קען דען נאָך די פאַרשיידענע סמנים פון וועטער און ווינד אָדער וויים וואָס עס באַטייט, וואָס די וואָלקען געהען גראָד אַזוי, וואָס די סטאָדע האַלט זיך גראָד אַזוי שטאַרק צוזאַמען, אָדער וואָס די שווערע וואָלקען לאָזען זיך אַראָפּ צום טאָל! וואָרדסוואָרט האָט אָט די אַלע סמנים געקענט, ווען ער פלעגט אַלס קינד שפּיעלען צווישען די בערג פון קומבערלאַנד. ער איז געוועזן גוט פאַרטרויט מיט די סודות פון דער ענגלישער נאַטור אין פריהלינג ווי אין ווינטער. ער איז געווען ווי באַשאַפען דערצו, אויסצודריקען, וואָס ער האָט געזעהן און געפיהלט און נאָך נאַכדענקען וועגען דעם איידער ער האָט דאָס אויסגעדריקט — ער איז געווען ווי באַשאַפען דערצו, מיט'ן פולען באַוואוסטזיין פון זיין אונטערנעמונג, דורכצופיהרען די פּאָעטישע רעפאָרם, וואָס איז אָנגעפאַנגען געוואָרען דורכ'ן עלענדיגען טשאַטערטאָן „דער שלאָפלאָזער אינגעל" און דורך דעם פויערען-זוהן בוירנס, וואָס איז אין פּרימיטיווער באַגאַבונג געשטאַנען העכער פון וואָרדסוואָרט.

די פריינד האָבען ביידע מסכים געווען דערצו, אַז די גאַנצע ענגלישע פּאָעזיע קען איינגעטיילט ווערען אין דריי גרופּען: די צייט פון פּאָעטישער קראַפט אין ענגלאַנד פון טשויסער ביז דריידען, די פּעריאָדע פון פּאָעטישער אונפּרוכטבאַרקייט פון דריידען ביז און מיט דער ענדע פון'ם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט און די צייט-פּעריאָדע פון ווידערגעבורט, וואָס פאַנגט איצט אָן מיט זיי און וואָס איז אָנגעזאָגט געוואָרען דורך זייערע פאָרגענגער. און פּונקט ווי די מענער פון דער נייער צייט אין דייטשלאַנד און דענעמאַרק, אַזוי האָבען אויך אָט די יונגע לייטלאַך געזוכט פאַר זיך גרויסע, שלאַג-באַצייכנונג, וואָס זאָל אויסדריקען אין זיך דעם אונטערשיעד פון די, וואָס זיי באַקעמפען און זיי האָבען געפונען דיזעלביגע נעמען. זיי האָבען זיך צוגעשריבען פאַנטאַזיע און דערמיט אויך דעם שאַפונגס-כח. זיי האָבען אויף זייטען און זייטען פאַרהערליכט די פאַנטאַזיע און זי אָפּגעשיידט פון דער איינבילדונג, גענוי ווי עלענשלעגער אין זיין שול האָבען פאַרהערליכט די פאַנטאַזיע און צוגעגעבען, אַז העכסטענס באַגעזען האָט הומאָר. זיי האָבען פאַרנגופט, זייערע געגנער — נאָר פאַרשטאַנד, זיי האָבען זשע-

ניע — זייערע געגנער — נאָר טאַלאַנט, זיי זיינען די שאַפונגס־קראַפט, יענע — די קריטיק. אפילו אריסטאָטאַלעס האָט עס, ווייל ער איז ניט קיין דיכטער, ווייטער ניט געבראַכט ווי צום טי־טעל טאַלאַנט. אויך אין ענגלאַנד האָט מען איבערפאַלען עלענ־שלעגער׳ס נורעדין און מען האָט זיך געפיהלט אונענדליך הויך אי־בער זיין „נאַטורלאַזען" פאָרשען.

5

די טיפקייט און דער אמת פון'ם נאַטור־געפיהל. — וואָרדסוואָרט.

וואָרדסוואָרט'ס אייגענטליכער אויסגאַנגס־פונקט איז, ווי מיר האָבען געזעהען, אַז די מענשען האָבען דורכ'ן שטאָדט־לעבען און זיין צושטרייאונג פאַרגעסען די נאַטור: זיי זיינען באַשטראָפט געוואָרען דערמיט, וואָס זייער געזעלשאַפטליך צוזאַמענלעבען האָט צושפּליטערט זייערע קרעפטען און פעהיגקייטען און אָפּגעשוואַכט זייערע הערצער פאַר דעם אויפנעמען פון איינפאַכע און ריינע איינדרוקען. צווישען די הונדערטער סאָנעטען פון וואָרדסוואָרט איז פאַראַן איין סאָנעט, וואָס איז באַזונדערס באַדייטונגס־פול פאַר אָט דעם גרונד־געדאַנק. (געקליבענע פּאָעטישע ווערק, טויכניץ־אויסגאַבע, באַנד 5, זייט 365) ער פאַנגט אָן מיט'ן באַקלאָגען זיך, אַז די מענשען־וועלט איז צופיעל ארום אונז און אז זיי דערזעהען דערפאַר זעהר זעלטען אין דער נאַטור אַזוינס, וואָס מיר זאָלען באַטראַכטען פאַר אונזערס. (דאָ ציטירט בראַנדעס אַ פּאָר שורות פון דעם סאָנעט, וואו וואָרדסוואָרט קלאָגט אויף דעם, וואָס אַלס מאַן פון שטאָדט געהט ער אומבאַמערקט פאַרביי די שעהנע טאָג־טעגליכע פּאַסירונגען פון דער נאַטור, וואו דער ים ענטבלויזט זיך פאַר דער לבנה, וואו דער ווינד ווערט באַלד אַ שטורם באַלד וויעגט ער זיך שטיל ווי בלומען אין שלאָף. ער באַדויערט פאַר וואָס ער איז ניט געבוירען געוואָרען אַ הייד, וואָס זעהט די נאַטור מיט מיסטישע אויגען, ער וואָלט דאַמאָלס געזעהן אַלע שעהנקייטען דערפון — דער איבערזעצער.)

אָט די ווערטער אין וואָרדסוואָרט'ס מויל זיינען באַמערקונגס־ווערט; זיי זיינען באַמערקונגסווערט, ווייל זיי ווייזען ארויס קלאָר וואָס דער נאַטוראַליזם איז באמת, ווען ער זאָל זיך אפילו באַהאַל־

טען אונטער ווי פיעל פּאַרצירונגען ער וויל: אין תוך אַריין אָבער, איז ער שטאַרק אין קרובה'שאַפט מיט דער נאַטור־אַנשויאונג פון'ם אַלטען גריכענלאַנד און איז פיינדליך צו אַלע אָפיציעלע דאָגמען פון דער נייער צייט; אין זיין טיפען אינערען טראָגט ער דעם שטעמפּעל פון'ם פּאַנאַטיזם, וועלכער באַהערשט אין אָט דעם יאָהרהונדערט דאָס פּאָעטישע געפיהל אין אַלע ליטעראַטורען. איך האָב אָנגעוויזען אויפ'ן פּאַנאַטיזם, וואָס האָט זיך באַהאַלטען אונטער טיק'ס ראָמאַנטישער נאַטור־באַטראַכטונג. (פּאַרגל. די ראָמאַנטישע שול אין דייטשלאַנד פינפטע אויפלאַגע 1897 זייט 136). אָט דעם פּאַנאַטיזם באַגעגענען מיר דאָ אין דער געשטאַלט פון'ם זעלבסט־פּאַרגעסענעם און דעם האַלב־באַוואוסט־לאָזען צוזאַמענגיסען פון מענשען מיט דער נאַטור, אינ'ם אויפגעהן פון'ם איינצעלנעם ווי א קליינעם אייגענטליכען גערדיכט (געקליבענע פּאָעטישע ווערק, באַנד 1, זייט 241).

(איך איבערגיב דאָ אין פּראָזא דעם אינהאַלט פון'ם ליעד, וואָס בראַנדעס ציטירט אויף אָט דעם פּלאַץ: א שלאָף האָט צוגעדעקט מיין גייסט ווי אויך דאָס גאַנצע ליידען פון'ם מענשען. דער מענש פיהלט ניט ווי די צייט פּאַרשווינדט. עס שטערט איהם גאָר ניט, עס פּאַרוואונדערט איהם גאָר ניט, ער ליגט שטיל אין חלום און דרעהט זיך מיט דער גאַנצער ערד מיט איהרע שטיינער און ביימער. — דער איבערזעצער).

פּאַרטיפט מען זיך אין דער שטימונג פון וועלכער אַזא ליעד איז אַרויסגעקומען, באַקומט מען דעם סימפּטאָם פון א ריין־פּאַנטעאיסטישען אידעען־גאַנג: דאָס אומבאַוואוסטע לעבען ווערט באַטראַכט אַלס דער גרונד און דער קוואַל פון'ם באַוואוסטען לעבען און אַלע באַשעפענישען ווערען אויפגעפאַסט ווי זיי וואָלטען געווען צוזאַמענגעוואַקסען אין שוים פון דער נאַטור ביז צו דעם פּונקט, וואו דאָס באַוואוסטזיין דערוואַכט. אין אָט דעם קליינעם לידעל ליגט איינס פון די קערענדלאַך פון דער פּאָעזיע פון'ם נייעם יאָהרהונדערט, ווייל להיפוך צו דעם ציוויליזירטען מענשען, וואָס דער פּאָריגער יאָהרהונדערט האָט ענטוויקעלט און פּאַרעהרט, שטעלט די נייע צייט דעם מענשען פּאַר אַלס א גאַטור־באַשעפעניש אין קרייז פון אַלע זיינע קרובים, די פויגעל, די ווילדע חיות, פּלאַנ־

צען און בלומען. דאָס קריסטענטום פארלאַנגט מען זאָל ליעבען אַלע מענשען, דער נאַטוראַליסטישער פאַנטעאיזם — אויך דאָס קליינסטע חיה'לע. פאר מיר איז „הארט־ליפ־וועל" דאָס בעסטע ליעד פון אַלע וואָס וואָרדסוואָרט האָט אָנגעשריבען. אָט דאָס פּשוט'ע לידעל — אַ דאָפּעל־ראָמאַנס — איז אַן איבערראשענד שטאַרקע פּאַרטיידיגונגס־רעדע פאר אַן עלענדער, אויסגעליפּערטער און געהעצטער חיה, פאַר אַ הערש, ד. ה., פאַר אַ זאַך מיט וועלכער די קלאַסישע דיכטער וואָלטען זיך אינטערעסירט ווי מיט אַ מאכל און די באַוואונדערער פון דער ריטער צייט, יאַ, אפילו סקאָט אליין, וואָלט געלאָזט אַ זעלכע הירשען אויסלייגען אין די הונדערטער פון זיינע העלדען. אָט דאָס דערמאָהנטע ליעד, וואָס איז ריהרענד, טראָצדעם, וואָס דער סוזשעט איז וואולגאַר; וואָס איז גרויס און איינפאַך אין סטיל — אָט דאָס ליעד איז אַן עדעל צייגעניש פון דער טיעפער פּיעטעט פאַר דער נאַטור, וואָס איז וואָרדסוואָרט'ס אדעל־בריעף.

אָט די פּיעטעט איז ביי איהם ראשית כל אַ פּיעטעט פאַר דאָס קינדישע און פאַר'ן קינד. אָט דער יראת הכבוד פאַר דעם מענשען־באַשעפעניש וואָס איז אומבאַוואוסטערהייט אָם נאָהענסטען צו דער נאַטור איז ווידער איינער פון די אָריגינעלע שטריכען פון'ם נייעם יאָהרהונדערט. אין אַ קליין ליעדעל, אין וועלכען וואָרדסוואָרט האָט מען ווי אין אַלע זיך באַצויגען אויף דער קינדהייטספעריאָדע, זאָגט ער (אַ ליעד פון וואָרדסוואָרט, וועלכעס איך איבערגיב דאָ אין פּראָזאַ. — דער איבערזעצער): מיין הארץ פאַנגט אָן צו קלאַפּען, ווען איך דערזעה דעם רעגענבויגען. אַזוי איז דאָס געוועזן מיט מיר אין פריהלינג פון מיין לעבען; אַזוי איז עס איצט מיט מיר, ווען איך בין שוין אַ מאַן און אַזוי ווינש איך עס זאָל זיין ווען איך וועל ווערען אַלט. און אויב עס קען אַזוי ניט זיין וויל איך בעסער שטאַרבען. דאָס קינד איז דער פאַטער פון'ם מאַן און איך וואָלט געוואָלט, אַז מיין לעבען זאָל תמיד זיין פאַרבונדען מיט אָט דער פּיעטעט.

דאָ איז דער יראת הכבוד און די פאַרעהרונג פון'ם קינד אַזוי וויים געגאַנגען, אַז עס ווערט אַוועקגעשטעלט העכער פון דער פּיעטעט פאַר דער עלטער. אָבער, ווי איך האָב שוין אויף אַן אנדער

פלאַץ אָנגעוויזען, איז דאָ דאָס צוריקגעבען דעם קינד זיינע נאַ־טירליכע פּאָעטישע רעכט ניט מעהר ווי איינע פון די פיעלע ער־שיינונגען פון דער נאַיוויטעט, וואָס איז אוועקגעזעצט געוואָרען אויפ׳ן טראָן אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. „דאס אכצעהנ־טע יאָהרהונדערט, וועמעס גאַנצע ממשלה עס איז געווען דער פאַר־שטאַנד, האָט באַטראַכט די איינבילדונגס־קראַפט פאַר א פיינד. עס האָט אין איהר געזעהן די צוגעבונדענקייט און פאַרשקלאַפונג צו די אלטע טראַדיציעס. אָט דאָס אכצעהנטע יאָהרהונדערט האָט געהאַט די לאָגיק אַלס איהר קעניגין, וואָלטער׳ן — אַלס איהר קע־ניג, דעם אבסטראַקטען אויפגעקלערטען און געזעלשאַפטליכען מענ־שען — אַלס דעם עצם פון פּאָעזיע און וויסענשאַפט. דאָס קינד, וואָס איז ניט געזעלשאַפטליך, ניט אויפגעקלערט, ניט אבסטראַקט, ווערט אין אכצעהנטען יאָהרהונדערט ארויסגענומען פון הויז, ארויסגעפיהרט פון׳ם אַם־צימער און געפיהרט ווייט און ברייט או־מעטום צו הערען מערכען, לעגענדען און רויבער־מעשיות. ווי פיעל עס וויל נאָר, אָבער בתנאי, אַז עס זאָל אָט די אַלע נאַרישקייטען פאַרגעסען אזוי שנעל ווי עס וועט אויפוואַקסען. אין דער געזעל־שאַפט פון׳ם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט פאַנגט זיך אָן א רעאקציע קעגען אָט דער ריכטונג”. מיר געפינען אָט די רעאקציע מיט אַלע איהרע אויסערסטע קאָנסעקווענצען אפילו ביי אזא רעפלעקטירענ־דען דיכטער ווי וואָרדסוואָרט. אין איינעם פון זיינע סאָנעטען (געקליבענע פּאָעטישע ווערק, באַנד 1, זייט 364.) א שפּאַציר, וואָס ער מאַכט אין א שעהנעם אבענד מיט א קליינעם מיידעל. ער מאָלט די פיינע פייערליכע אבענד־צייט, רופט זי אָן „שטיל ווי א נאָנע און פאַר כונה איינגעהאַלטען דעם אטעם” און ווענדט זיך צום קינד מיט די ווערטער:

„ליעב קינד, אפילו דיין ברוסט באַוועגט זיך ניט פון אנ־דאכט, אָבער דו ביסט דאָך ניט ווענינער געטליך, דו ליעגסט אין אברהם׳ס שויס דאָס גאַנצע יאָהר, דו טוסט תפלה אין קדשי־קדשים אליין, גאָט איז כסדר מיט דיר, כאָטש מיר ווייסען דאָס ניט.” (פּראָזא — דער איבערזעצער.)

ביי וואָרדסוואָרט מוז דער סוף ארויסקומען טעאיסטיש, אָבער, און דאָס קען דער פאַרשטענדליכער לעזער באַלד באַמערקען, דאָס

ווערט באַגרינדעט אויף דער געטליכער נאַטור פון׳ם קינד. אין זיין באַריהמטער „אָדע צו דער אונשטערבליכקייט" פיהרט ער אויס אַט דעם גרונד־געדאַנק מיט אַזאַ שווערמעריי, אַז אַפילו דעם גרויסען פאַרעהרער פון דער נאַאיוויטעט קאָלרידזש איז דאָס שוין אַביסעלע צופיעל. דער דיכטער רופט אויס צו אַ זעקסיעהריג קינד: דו, וועמעס אויסערליכקייט עס לייקענט די אונענדליכקייט פון דער נשמה, דו, בעסטער פילאָזאָף, וואָס האָט נאָך זיין ירושה־חלק פון דער נאַטור ניט פאַרלוירען, דו ביסט אַן אויג צווישען בלינדע; טויב און שטום ווי דו ביסט, לייענסט דו דאָך די אייביגע טיפקייט און ביסט אינ׳ם אייביגען גייסט דורכגענומען — דו, ווייט־זעהער און נביא, פאַר וועמען עס זיינען קלאָר די אמת׳ן וואָס מיר הערען ניט אויף צו זוכען אונזער לעבען לאַנג. (פּראָזאַ — דער איבערזעצער).

אַט די אויסערונגען קענען פּאָעטיש־פילאָזאָפיש ערקלערט ווערען דורך דעם, וואָס די גרויסקייט פון׳ם קינד באַשטעהט אין דעם וואָס עס שטעהט נאָהענטער דעם לעבען פון פאַר דער געבורט און דערמיט אויך מעהר פאַרטרויט מיט דער אונשטערבליכקייט ווי מיר. אָבער אַפילו דאָס קען ניט, נאָך דער אויטאָריזירטער מיינונג פון קאָלרידזש, אָנגענומען ווערען אַלס די בוכשטעבליכע אַנזיכט פון וואָרדסוואָרט. דאָס קינד ווערט פאַרעהרט אַלס נאַטורס־האָדע־וואַניק און דער אינגעל, וואָס מוז זיך אַלץ דערווייטערען פון מזרח (דער פּלאַץ וואו די זון געהט אויף) איז נאָך אַלץ „פּאַרטרויט פון דער נאַטור".

אין זעהר פיעל ליעדער דערמאָנט אַלץ וואָרדסוואָרט וועגען דער שטאַרקער עמפּפינדונג פאַר דער נאַטור, וואָס ער האָט אַלס אינגעל געהאַט. אין זיינעם אַ ליעד וואָס האָט, ווי אַלע אַנדערע זיינע זאַכען, אַ זעהר לאַנגען טיטעל, (דער איינפלוס פון נאַטור־געגענשטאַנדען אויף דער ארויסרופונג און פאַרשטאַרקונג פון דער איינבילדונגס־קראַפט ביי דער קינדהייט און יוגענד.) דאַנקט ער דעם וועלט־גייסט, וואָס האָט איהם, וואָרדסוואָרט׳ן, פון זיין קינדהייט אָן פאַרבונדען זיינע לייזדענשאַפטען, פון וועלכע עס ווערט אויפגעבויט אונזער נשמה־לעבען, ניט מיט קיין קליינליכע און נידעריגע מענשען־ווערק, נאָר מיט הויכע און באַשטענדיגע זאַכען—

מיט דעם לעבען אין דער נאַטור. אזוי, זאָגט ער, זיינען די עלע־מענטען פון זיינע געפיהלען און געדאנקען געגרינדעט געוואָרען ביז ער האָט דערפיהלט אין זיין הארץ דעם פולס־קלאַפּען פון א געוויסער גרויסקייט.

אינטערעסאַנט איז דאָס אינערליכע און פיינע נאַטור־גע־פיהל אין פאָלגענדער שילדערונג: די נאַטור האָט מיר תמיד מיט ברייטער האַנט באַצאָהלט פאַר מיין פריינדליכען פאַרקעהר מיט איהר. אין א נאָוועמבער־טאָג, ווען די וואָלקען, וואָס באַדעקען דעם טאָל, האָבען דעם אומעט נאָך אומעטיגער געמאַכט: אין מיטען טאָג אין דער טיעפעניש פון וואלד; אין דער שטילער רוה פון די זומער־נעכט ווען איך בין אהיים געגאנגען צווישען די טונקעלע בערג ביים ברעג פון שטילען ים — תמיד האָב איך געפיהלט די פריינדליכקייט פון דער נאַטור. אין דער איינזאַמקייט האָב איך זי געפיהלט; איך האָב זי געפיהלט צווישען פעלדער ביי טאָג און ביי נאַכט; איך האָב זי געפיהלט ביים וואַסער דעם גאַנצען זו־מער־לאַנג; און אין ווינטער, ווען די זון טונקט זיך אין ים און די גאָלדיגע הימעל פענסטער גלאַנצען מיילענווייט האָט מיך אויך גאָר ניט צוריקגעהאַלטען פון דער נאַטור. דאָס איז געווען א גליקליכע צייט פאַר אונז אַלעמען — פאַר מיר איז דאָס געווען אַן ענטציקונג! דער דאָרף־גלאָק האָט מיט שטאַרקע קלעפּ געשלאָגען זעקס — איך האָב מיך ארויסגעריסען מיט א שטאָלצער פרעה־ליכקייט, ווי א מוטיג פערדעל, וואָס האָט נאָך ניט פאַרמאַטערט זיינע פרישע כחות און וואָס בענקט נאָך ניט צוריק אין שטאַל. מיט קאָנקעס זיינען מיר געפלויגען אויפ'ן גלאַנציגען גליטשיגען אייז און אין געזעלשאַפטליכע־שפּיעלערייען האָבען מיר נאָכגע־מאַכט די זומער־פאַרגעניגען פון דער יאַגד אין וואלד — מיר האָבען נאָכגעמאַכט דעם האָרן־רוף, דאָס ווילדע בילען פון די הינט און די קולות פון די געהעצטע חיות. אזוי האָבען מיר געשוועבט צווישען פראָסט און דונקעלהייט און קיינער פון אונז האָט ניט געשוויגען. פון די בערג האָט אונז געענטפערט דאָס עכא פון אונזער גערויש, די נאַקעטע מיט אייז באַצוויגטע בוימער האָבען ארויסגעגעבען פון זיך א שטאָלענעם קלאַנג. פון די ווייטע בערג האָבען זיך אָפּט און אָט דעם גערויש אריינגעריסען אונדייטליכע מע־

לאַנכאָלישע קלאַנגען; אין מזרח האָבען די שטערען העל געפונ־קעלט און ווייט ווייט האָט שוין גע׳גוסס׳ט דער גאָלדענער אבענד־גלאַנץ.

אָפט פלעג איך מיך אָפרייסען פון דער קאָמפּאַניע און מיך אין א וויץ פאַר׳גנב׳עט אין א זייט ערגיץ אין א בוכט כדי דורכ־צוברעכען דעם ווידערשיין פון א שטערען, אַ בילד, וואָס האָט גע־האַלטען אין איין אַוועקלויפען פון מיר און האָט דאָך געהאַלטען אין איין גלאַנצען אויפ׳ן פּלאַץ. און אָפט, ווען מיר האָבען אונז געלאָזט טרייבען דורכ׳ן ווינט און אַלע מיט שאַטען־באַדעקטע ברע־גען פון רעכטס און פון לינקס האָבען זיך דורכגעטראָגען פאַר אונז איינגעהילט אין פינסטערניש, האָב איך מיך פּלוצלינג געגעבען אַ שטעל אָפּ, אָנשפּאַרענדיג זיך פעסט אויף מיינע קאָנקעס. נאָר די איינצעלנע בערג־סקאַלען זיינען נאָך אַלץ געלאָפען פאַר מיינע אויגען, אַזוי ווי איך וואָלט געזעהן ווי די ערד דרעהט זיך. און דער באַרג־צוג האָט אָנגעפאַנגען געהן לאַנגזאַמער, לאַנגזאַמער, שוואַכער, שוואַכער, און איך בין געשטאַנען און האָב דאָס צוגעזעהן ביז אַלצדינג איז רוהיג געוואָרען ווי דער ים אין זומער. (פּראָזא — דער איבערזעצער).

מיר שיינט, אַז דאָס איז אַ נאַטור־מאַהלעריי, וואָס קומט זעלטען פאָר אפילו אין דער שפּעטערער ענגלישער פּאָעזיע. אין איינעם פון זיינע שעהנסטע און באַדייטענדסטע לידער „טינטערן עבבעי״ האָט וואָרדסוואָרט אליין געשילדערט זיין נאַטור־געפיהל מיט אַזעלכע אויסדרוקען, פון וועלכע ער האָט שפּעטער, ניט מיט אומרעכט, באַהויפּטעט, אַז זיי קלינגען ארויס פון די באַריהמטע־סטע און פּאָעטישסטע שטעלען פון בייראָן׳ס „טשאַילד העראָלד״ און אַז זיי האָבען בלי ספק געמאַכט אַן עפּאָכע אין דער ענגלישער פּאָעזיע. ער זאָגט: ווייל, נאָכדעם ווי די גשמיות׳דיגע פריידען פון מיין אינגעל־צייט און איהרע פרעהליכע שפּילערייען זיינען אַלע אוועק איז פאַר מיר געבליבען איינס און אַלצדינג, די נאַטור. איך קען ניט שילדערן, וואָס איך בין דאַמאָלס געוועזן: דער רוישיגער וואַסערפאַל האָט מיך ווי א מין ליידענשאַפט פאַרכאַפּט; דער אויבער פעלז, דער באַרג, דער טיעפער, אין שאַטען איינגעהילטער, וואַלד, זייער אויסזעהן, זייערע פאַרבען זיינען פאַר מיר געוועזן אַ

נאַטירליך געפיהל, וואָס איז ענטשטאַנען א דאַנק דעם אויג און האָט זיך ניט גענויטיגט אין א געדאַנק אָדער אין אַנדערע אינטע־רעסען אום ארויסצורופען צו ווערען. (פּראָזאַ — דער איבערזעצער).

עס איז פאָרגעקומען קאָמיש, ווען וואָרדסוואָרט דערצעהלט 1820 מאר'ן וועגען בייראָנ'ס פּלאַגיאַטען און מאַכט איהם דאַרויף אויפמערקזאַם, אַז דער גאַנצער דריטער געזאַנג אין „טשיילד־הערא־לד" איז גענומען פון זיינע, וואָרדסוואָרט'ס, געפיהלען און זיין סטיל; לאָרד רוססעל מעג זיין גערעכט מיט זיין טרוקענער באַ־הויפּטונג, וואָס ער מאַכט ביי דער געלעגענהייט, אַז ווען וואָרדס־וואָרט זאָל באמת זיין דער באַשעפער פון „טשיילד־העראַלד" וואָלט דאָס געווען זיין בעסט ווערק, אָבער עס איז דאָך גוט באַגרייפליך, אַז וואָרדסוואָרט האָט געמוזט האָבען די עמפינדונג, אַז די הויפּט־שטעלען אינ'ם דריטען געזאַנג און די שעהנע שטעלען איבער דער איינזאַמקייט אין די פריהערדיגע געזאַנגען ענטהאַלטען אין אַן אנטיטעטישער און געקינסטעלטער פאָרם ניט מעהר ווי דאָס, וואָס ער האָט אין נאַטירליכער פאָרם און אין איינפאַכע ווערטער גע־זאָגט. עס איז ניט שווער צו דערזעהן אין אָט די באַשולדיגונגען די אויסברוכען פון א באַשרענקטען און פון א העכערען איבערגע־שטיגענעם גייסט, אָבער מע דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז עטליכע באַ־זונדערס שטאַרקע און לעבעדיגע פּערזען פון וואָרדסוואָרט זיינען דאָך געבליבען, ווי עס ווייזט אויס, ביי בייראָן אין זכרון. ווער קען, למשל, לייענען די שורה „פאַר מיר זיינען הויכע בערג א געפיהל". אין „טשיילד־הערא־לד" (דריטער געזאַנג, שורה 72) און זיך ניט דערמאָנען אין די נאָר וואָס ציטירטע ווערטער? און ווער קען עס לייקענען, אַז בייראָן האָט דאָ אויפגענומען און באַרייכערט וואָרדס־וואָרט'ס שטימונג, ווען ער זינגט (זייט 75) אין די ווייטערע שורות: „זיינען ניט בערג, כוואַליעס און הימלען א טייל פון מיר, ווי איך בין א טייל פון זיי? האָט ניט די ליעבע צו זיי אָנגעפילט מיין האַרץ מיט ריינער ליידענשאַפט?"

אָבער אין דער צייט, ווען וואָרדסוואָרט אין זיין „טינטערן עבעי" שטעלט פאַר אָט די ליידענשאַפט פאַר דער נאַטור אַלס עפּעס פאַראיבערגעהענדיגעס, וואָס האַלט נאָר אָן פאַר דער קורצער צייט פון'ם איבערגאַנגסאַלטער אום נאַכדעם געוואוינען און באַהערשט

צו ווערען פון דער רעפלעקסיע, אנשטאט דעם איז עס ביי בייראָן א שטענדיג געפיהל, וואס איז דער תמצית פון בייראן. ביי איהם איז דער „איך" און זיין פארהעלטניש צו דער נאטור ניט אריינגע־צוואונגען אין א טעאיסטישער ציוואנגס־יאקע, עס איז ניט פאראַן קיין דאָגמאטישער צוים, וואס זאָל שטעהן צווישען איהם און דער נאַטור, ער פיהלט זיך אין פאנטעאיסטישער מיסטיק אלס איינס מיט איהר, ער דארף ניט קיין געטליכע קראפט זי זאָל איהם פאר־אייניגען.

די דירעקטע ליידענשאפט פאר דער נאטור איז אויך ניט דאס כאראקטעריסטישע אין וואָרדסוואָרט'ס פארהעלטניש צו דער נאַ־טור. זיין אייגענטימליכקייט אין דער אויפפאסונג און אין'ם ווי־דערגעבען פון נאטור־איינדרוקען איז פון א פייענערען און א קאָמ־פליצירטערען סאָרט. דער איינדרוק ווערט, נאָכדעם ווי ער איז אויפגענומען מיט פרישע חושים, אָפגעשטומפט און געמילדערט דורכ'ן נאכדענקען; דער איינדרוק שטימט ניט באלד דעם דיכ־טער פאר א ליעד. ווען דער דיכטער קען אפילו זאָגען מיט געטע: „איך זינג ווי עס זינגט דער פויגעל, וואס וואוינט אין די צוויי־גען", איז דאס אָבער וועניגסטענס ניט ווי די נאכטיגאל זינגט; עס איז ניט דאס ליעבע־ליעד, וואס רייסט זיך ארויס ווי א שטאר־קער שטראָם און אין'ם רויש פון דער נשמה רעכענט עס זיך ניט מיט דער ביי־נאכטיגער שטילקייט, וועלכע עס שטערט און צו־שטערט. וואָרדסוואָרט אליין האָט דאס ליעד פון דער נאכטיגאל אזוי געשילדערט (געקליבענע פאָעטישע ווערק, באנד 1, זייט 204) און דערצו גיט ער צו: אינ'ם זעלבען טאָג האָב איך פארנומען דעם פשוט'ן געזאנג פון דער ווילדער טויב, גאנץ שטיל האָבען זיך צווי־שען די בוימער דורכ'ן ווינט דערטראָגען צו מיר די קלאנגען. ער האָט ניט אויפגעהערט און ווי צום שטארבען אזוי זים געזונגען און געזונגען, אָט האָט ער שווערמוטיג אויסגעקלונגען א תפלה: ער האָט געזונגען פון ליעבע, פון דער מיט רוה שטראהלענדיגער, וואס פאנגט זיך לאנגזאם אָן און וויל קיינמאָל ניט ענדיגען, וועגען ערנ־סטען גלויבען, וועגען אינערע פרייד; דאס איז געווען דאס ליעד — דאס ליעד פאר מיר". (פראָזא — דער איב.)

וואָרדסוואָרט האָט זיך אליין געוואלט באשרייבען אין אָט די

שורות וועגען דעם מעלאַנכאָלישען ליעבהאבער. אין איינקלאַנג מיט דער געוואוינהייט פון געוויסע דיכטער האָט וואָרדסוואָרט געזוכט זיינע אייגענע מעטאָדען צו מאכען פאר א טעאָריע און איהם האָט זיך געוואָלט באווייזען, אז יעדע גוטע פּאָעזיע מוז אין זיך האָבען די מעלות פון זיין אייגענער דיכטונג. יעדע גוטע פּאָעזיע, באהויפּטעט ער, איז דאָס אונבאוואוסטע איבערשווימען פון שטאַר־קע געפיהלען, דאָך האָט נאָך קיין מענש, מעג ער זיך זיין אין אן אונגעוועהנליכען גראַד געפיהל־פול, ניט ארויסגעבראַכט קיין ווערט־פול ליעד, אויב ער האָט ניט איבער דעם לאַנג און טיעף נאכגע־דאַכט. דער גרונד דערפון איז, נאָך זיין מיינונג, ערשטענס, וואָס דער שטראָם פון אונזערע געפיהלען ווערט תמיד באשטימט און קאָנטראָלירט דורך אונזערע געדאנקען און, צווייטענס, דערפאר, וואָס אונזערע געדאנקען אליין זיינען ניט עפּעס אנדערש ווי „רע־פּרעזענטאַנטען פון אלע אונזערע פריהערדיגע געפיהלען" — דאָס איז א טיעף און זעהר געלונגען וואָרט, וואָס כאראַקטעריזירט אָם בעסטען זיין פּאָעטישע רעפלעקסיע, ווען עס איז אפילו וויסענ־שאַפטליך ניט באפרידיגענדיג.

זיין מעטאָדע, גענוי דעפינירט, באשטעהט אין דעם, אז דער נאַטור־איינדרוק דאַרף, נאָכדעם ווי ער איז אויפגענומען געוואָרען, צוערשט פאַרדייעט ווערען, ווערען א תושב אין דער נשמה, פון דאָרט ארויסקומען, גוט דורכגעטראַכט ווערען און ערשט שפּעטער זיין פאַרטיג צום גענוס. ווער עס האָט גוט פאַרשטאַנען ביי וואָרדסוואָרט'ן אָט די אייגענטימליכקייט דער באזיצט דעם שלי־סעל צו זיין אָריגינאַליטעט. אין „טינטערן עבעי", ערקלערט ער, ווי אזוי זיין דירעקטע און שטאַרקע פרייד פאַר דער נאַטור־שעהנ־קייט אין זיינע אינגעלשע יאָהרען האָבען זיך ביי איהם שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען א דערוואַקסענער מאַן, פאַרוואַנדעלט אין א שטילען געניסען פון די מענשען־עהנליכע שטימונגען אין דער נאַ־טור: „יענע צייט איז שוין פאַרביי, אלע איהרע שמערצליכע פריי־דען און דאָס שווינדלעדיגע ענטציקען איז אַוועק. אָבער איך קלאָג ניט וועגען דעם, ווייל איך האָב דערפאַר געקראָגען אנדערע מתנות, פאַר מיין פאַרלוסט האָב איך באקומען א רייכען ערזאַץ. איך האָב געלערנט צו קוקען אויף דער נאַטור, גאַנץ אנדערש ווי

איך האָב געקוקט אין דער גערדאַנקענלאָזען יוגענד; איך האָב גע־לערנט צו פאַרנעמען די שטילע מאל־מוזיק פון דער מענשליכקייט, די מוזיק, וואָס איז ניט שרייענדיג און ווילד, אָבער דאָך שטאַרק גענוג צו לייטערען די חושים און זיי צו באהערשען. און עפּעס האָב איך אין מיין סביבה דערפיהלט אזוינס, וואָס האָט אין מיר דערוועקט דעם עדלען פאַרלאַנג נאָך העכערע גערדאַנקען; איך האָב דערפיהלט אזא באוועגליכע קראַפט, אזא גייסט, וואָס רייסט מיט מיט זיך אַלע דענקער און די זאכען איבער וועלכע זיי דענקען — (אין פּראָזא איבערגעגעבען — דער איב.)

דאָ האָט וואָרדסוואָרט אליין באשטימט זיין טעריטאָריע, ער האָט פּאָעטיש אָבער קלאָר באצייכענט דאָס געביט, וואָס ער באַ־טראַכט פאַר דאָס זייניגע. וואָס פאַר א היפוך איז ער צו בייראָן, וואָס הערט זעלטען אָדער גאָר קיינמאָל ניט אין דער נאַטור די מענשליכע שטים. וואָס הערט זי אָבער זיכער קיינמאָל ניט אָהן א פאַלשען הארטען קלאַנג — בייראָן, וואָס האָט אין „טשיילד־הער־אלד" אָנגערופען דאָס גאַנצע מענשען־לעבען „דער פאַלשע טאָן" אינ'ם גרויסען אקאָרד פון דער וועלט.

אָבער מיר זיינען נאָך ניט געקומען צו די אייגענטימליכסטע אויסדרוקען אין „טינטערן אבעי". דאָס זיינען די שורות, אין וועל־כע וואָרדסוואָרט שילדערט דאָס שטילע ווירקען פון'ם פאַרבאהאַל־טענעם און אָפּגעשפּאַרטען נאַטור־איינדרוק אויפ'ן געמיט. ער זאָגט: אַט די שעהנע בילדער פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט זיינען פאַר מיר ניט געווען ווי שעהנע לאַנדשאַפטען פאַר'ן אויג פון'ם בלינדען. נאָר אָפט האָב איך זיי געהאַט צו פאַרדאַנקען די אנגענעהמסטע איבעררעשונגען אין דער איינזאַמקייט אָדער אין רעכטען מיטען פון דער רוישיגער שטאָדט. אין שטונדען פון מידקייט. איך האָב זיי געהאַט צו פאַרדאַנקען געפיהלען פון שוין לאַנג פאַרגעסענע פאַרגעניגען, וואָס האָבען אפשר ניט דעם מינ־דעסטען איינפלוס אויפ'ן בעסטען טייל פון'ם לעבען פון א גוטען מענשען, וואָס האָבען ניט קיין איינפלוס אויף די קליינע אומ־באדייטענדע פאַרגעסענע האַנדלונגען פון גוטסקייט און ליעבע.— (איבערגעגעבען אין פּראָזא — דער איב.)

און אזוי דערצעהלט ער ווייטער, אז ער האָט צו פאַרדאַנקען

אַט די נאַטור־איינדרוקען נאָך אַן אַנדערע און שעהנערע מתנה, דעם גליקליכען און ליכטיגען חוש, וואָס פאַרלייכטערט די משא פון דער לעבענס־שווערקייט. ער קומט צום שלום פון אַט דעם גע־דאַנקען־גאַנג מיט דער איבערצייגונג, אַז אין אַט די גליקליכע מאָ־מענטען, ווען ער דערזעהט פאַר זיך באַקאַנטע פּלעצער, איז ניט נאָר מאָמענטען גליקליך נאָר ער באַקומט דערפון „לעבען און שפּייז־מאַטעריאַל פאַר די צוקונפטיגע יאָהרען".

אַלע מאָל טרעפט איהר ביי איהם אַט די ווענדונג. איך וועל דאָ פאַר א בולט'ער אילוסטראַציע ציטירען דאָס ליעד פון די „פּאָע־טען פון דער פאַנטאַזיע". (געקל. ווערק, באַנד 1, זייט 241) דאָרט דערצעהלט דער דיכטער ווי אַזוי ער האָט אַמאָל, שפּאַצירענדיג ביים ים, פּלוצלינג דערזעהן אַ גאַנצע מחנה פון גאָלדענע נאַרצי־סען, וואָס האָבען זיך אַזוי געוויעגט פון'ם ווינד און אַזוי געדיכט איינע לעבען אַנדערער געטאַנצט, ווי די שטערען פון דער מילך־גאַס און זיך נאָך לוסטיגער באַוועגט ווי די ים־כוואַליעס, מיט וועל־כע זיי האָבען זיך ביים ברעג געטראָפען; איך האָב געקוקט און געקוקט און אפילו ניט גע'חלומ'ט, וואָס פאַר אַ געווינס אַט דאָס בילד איז פאַר מיר: אָפט ווען איך בין ביינאַכט אויף מיין געלעגער געלעגען פאַרטיעפט אין געדאַנקען האָט מיין גייסטיג אויג באַ־טראַכט אַט דעם שפּיעל פון טרייסט און ברכה; דאַמאָלס איז מיר אויפ'ן האַרץ געוואָרען אַזוי לייכט און פריש און מיין האַרץ האָט מיטגעטאַנצט מיט דער נאַרציסען־מחנה — (איבערג. אין פּראָזאַ — דער איב.)

קיין זאַך איז ניט אַזוי דער היפוך פון'ם געוועהנליכען לעבען פון'ם לירישען דיכטער ווי דאָס באַוואוסטע שפּאַרען פון'ם איצטי־גען מאָמענט פאַר'ן צוקינפטיגען געניס. ער כאַראַקטעריזירט זיך אַליין אַלס אַ זאַמעל־נאַטור, ער קלייבט זיך צוזאַמען אַ פאָרראַט פון זומער־אויגענבליקען פאַר'ן ווינטער. עס ליגט אין דעם עפּעס אמת'עס, עפּעס אַלגעמיין־מענשליכעס, וואָס זעהר פיעלע מענשען פאַרזוימען אָדער היפערן אינגאַנצען איבער; אָבער עס ליגט אין דעם ראשית כל עפּעס נאַציאָנאַלעס. עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס דער ענגלישער נאַטוראַליזם פאַנגט אָן דערמיט, וואָס ער

ווערט עקאָנאָמיש און נעהמט זיך אויף א בעל־הבתי׳שער אָרט צו זאַמלען א קאַפּיטאַל און א לאַגער פון נאַטור־איינדרוקען.

מיר קענען אַלע די שטימונגען, וואָס קענען דערצו פיהרען. פיעלע פון אונז, ווען זיי טרעפען זיך מיט דער ווייטער אומבאַגרע־ניצטער אויסזיכט אויפ׳ן בלויען און זון־שיין איינגעטונקענעם ים, האָבען עס געפיהלט, אז האָבען פאַר זיך יעדען טאָג אזא נאַטור־שוישפּיעל וואָלט געמיינט פאַר איהם א דערהעכערונג פון זיין נשמה און א דערהויבונג איבער אַלעם קליינליכע. פיעלע פון אונז באַדויערען, ווען זיי מוזען פאַרלאָזען אזא פּלאַץ און קלאַמערען זיך פעסט אינ׳ם איינדרוק וואָס האָט אויף זיי געמאַכט, כדי זיי זאָלען קענען שפּעטער אַרויסרופען ביי זיך אין זכרון דאָס זעלביגע בילד. אויף רייזען, וואו מיר ווייסען אז ניט אזוי שנעל וועלען מיר ווידער קענען זעהן די בילדער, וואָס מיר טרעפען, באַמיהען מיר זיך צו בלייבען ביים איינדרוק פון א בילד אזוי פּאַסיוו ווי מעגליך, כדי צו קענען רעכט טיעף אויפשטעמפּלען דאָס בילד אויף אונזער זכרון. אָפט קומט ביי אונז די עראינערונג אן דאָס שעהנע אינ־סטינקטיוו אַרויס, ווייל די נשמה שטרעבט אונווילקירליך צו אַלע ליכטיגע עראינערונגען כדי צו שעפּען פון דאָרט קראַפט און לע־בענסמוט. אָבער מיר קענען אָט די איינדרוקען ניט איינמאַריני־רען פאַר דער צוקונפט און זיי כסדר ווידער קייען, ביי אונז זיינען זיי פון שטאַרקערע אימפּולסען פּאַרטויבט געוואָרען. דאָס גע־שעפטס־לעבען, דער ליאַרם פון דער וועלט און דער שפּיעל פון די ליידענשאַפטען האָבען עס פאַר אונז געמאַכט אוממעגליך צו געפינען די טיעפסטע און אינספּירירענדסטע פריידען אין די עראינערונגען פון זון־באַשיינטע בלומען אָדער צוזאַמען־געזואַקסע־נע ריזען־בוימער. גאַנץ אַנדערש איז די נשמה פון׳ם ענגלישען דיכטער, וואָס באַטראַכט עס פאַר א לעבענס־באַרוף נאָכאַמאָל אויפצואוועקען דעם אינטערעס און דעם חוש פאַר יענע עלעמענ־טאַרע שטרעמונגען און איינדרוקען. זיין נשמה, וואָס האָט זיך אינגאַנצען אָפּגעשאָקעלט פון׳ם פּראַקטישען לעבען, האָט זיך איינ־געשלאָסען אין אָט די נאַטור־טרומימערייען, און מען קען ניט לייק־קענען, אז אָט די אונאויפהערענדיגע באַשעפטיגונג מיט די איינ־פאַכסטע נאַטור־איינדרוקען, האָט דערהאַלטען זיין נשמה פריי און

רײן און איהם מעגליך געמאַכט אָהן פאַנטאַסטערײ און דערהיצונג צו עמפינדען די שעהנקײט פון דער נאַטור און איהרע אײנפאַכסטע און ערדישע פאָרמען.

וואָס פאַר א זעלטענקײט אַזאַ פעהיגקײט איז? און װי אָפט פעהלט זי אפילו די גרעסטע און בעסטע גײסטער! און װי שנעל האָט די ענגלישע פּאָעזיע אָט די זעלטענע פעהיגקײט פאַרלױרען! דאָס װײזט זיך אַם שנעלסטען און שטאַרקסטען אַרױס אין די װײניגע פּאָעטישע פּרױען־געשטאַלטען, װעמעס קאָנטורען װאָרדס־װאָרט האָט געצײכענט אין זײנע קלײנע ליעדער. די העלדען פון זײנע דערצעהלערישע דיכטונגען זײנען פון א פיעל קלענערען װערט, זײ זײנען — ביז צו א געװיסען טײל — באַשטימט געװאָרען צו װעקען דעם אינטערעס פאַר די אונטערשטע פאָלקס־קלאַסען און פאַר דער לאַנד־באַפעלקערונג און ביז צו א געװיסען טײל זײנען זײ געשילדערט געװאָרען מיט דער אַבזיכט אַרױסצורופען א מאָ־ראַלישע װירקונג. אָבער די װײניג ליכט־סקיצירטע פּרױען־גע־שטאַלטען, אױף װעלכע װאָרדסװאָרט האָט געקוקט מיט'ן זעלבען רוהיגען און דאָך פאַרליבטען בליק װי אױף פױגעל און בױמער, זײנען די נאַטור אַלײן. זײ זײנען די ענגלישע פּרױען־נאַטור אַלײן און קײנער האָט זײערע שטריכען ניט געמאָהלען מיט אַזאַ זיכערער האַנד װי װאָרדסװאָרט. מען זאָל נאָר לײענען אײנע פון זײנע קלײנע ליעדער. (זי איז געװען אַן ענטציקונגס־כישוף. געקליבענע פּאָעטישע װערק, באַנד 1, זײט 238): זי איז געװען אַן ענטצי־קונגס־כישוף, װען איך האָב צוערשט באַמערקט איהר שמײכעל; זי איז געװען א שעהנקײטס־װאונדער, װאָס איז געשעהן פאַר'ן אױ־גענבליק. װי בין־השמשות־שטערען זײנען געװען איהרע אױגען, װי בין־השמשות האָבען אױסגעזעהן איהרע טונקעלע האָר. אין גאַנצען אָבער איז זי געװען געװעבט פון מאָרגען־גלאַנץ, פון פריה־לינג. דאָס איז געװען א טאַנצענדיג לוסטיג בילד, װאָס האָט פאַר־כאַפּט. פאַר'כשופ'ט און פאַרװירט. שפּעטער האָב איך זי גע־זעהן נעהענטער — א גײסט און דאָך א װײב! ליכט און זיכער זײנען איהרע באַװעגונגען, מײדעלש פרײ איז איהר גאַנג. און אין איהר פּנים האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען זיסע ערינערונגען און זיסע פאַרשפּרעכונגען. דאָס איז א באַשעפעניש ניט צו ליכטיג

און ניט צו גוט פאַר מענשען אין אַלטעגליכקייט, פאַר לאַכען, וויי־נען, פרייד און לייד, ליוב, טאַדעל, ליעבע, קוש, טרער און שמייכעל. און איצט זעה איך מיט קלאָהרען בליק דעם פולס פון אַט דעם מייסטער־שטיק: דאָס איז אַ באַשעפעניש, באַגאַבט מיט טיעפען דענקען, וואָס קען זיין אַ באַגלייטער אויפ'ן וועג צווישען לעבען און טויט, זי האָט אַ געזונטען פאַרשטאַנד, אַ פעסטען ווילען, אויס־דויער, פאַרזיכטיגקייט און קראַפט. אַן אמת ווייב, וואָס קען ליי־טען, וואָרענען און באַגליקען אַ מאַן און אין דערזועלבער צייט אַ גייסט, וואָס שיינט ווי אַ מלאך. (אין פּראָזא איבערגעגעבען — דער איבערז.)

עס האַנדעלט זיך דאָ בלי ספק וועגען אַן אמת נאַטוראַליסטי־שען אידעאַל פון'ם ענגלישען פרויען־טיפּוס. וואָרדסוואָרט קען דערמיט טריאומפירען, אַז זיין שילדערונג איז די בעסטע, ווען מען פאַרגלייכט זי מיט אַלע אידעאַל־פרויען אפילו אין די שילדערונגען פון ענגלאַנד'ס בעסטע דיכטער. לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיעל שעלי'ס ליעד פון דער „זון־פּלאַנץ", אַ באַשרייבונג פון דער עטע־רישער באַשיצערין פון בלומען און אינזעקטען. דאָס בילד פון דער פּעגנהאַפּטען פאַרשוין איז אַזוי האַרציג ווי אַלצדינג, וואָס קומט אַרויס פון שעלי'ס פעדער: איהר צערטליכקייט פאַר די פּלאַנ־צען, איהר ריהרענד מיטלייד מיט אַלע העסליכע און פאַראַכטעטע חיה'לאך „וואָס האָבען אומשולדיגע אַבזיכטען, כאָטש זיי ברענגען שאַדען", אָט דאָס אַלצדינג ניט איהר צו מענשליכע שטריכען — אָבער אַ מענש איז זי דאָך ניט, אַזוי ווי עס איז אויך קיין מענש ניט שעלי'ס „פּעע פון אַטלאַס" אָדער די אומקלאָרע העלדען פון „עפּיפּסיכידיאָן" און אַזוי ווי די לערכע, וואָס שעלי האָט באַזונגען, פאַראַכטעט ניט די ערד.

אָדער מען זאָל נעמען די ליידענשאַפטליכע אָריענטאַלישע העל־דינען אין בייראָן'ס ערשטע פּאָעטישע ערצעהלונגען: מעדאָרא, גולנאַרע, קאַלעד! קיינע פון זיי דערגרייכט ניט אָט די שעהנע איינפאַכקייט. זיי קומען תמיד אַרויס אין דער העכסטער ליידענ־שאַפטליכקייט: זייער ליעבע, זייער איבערגעבענקייט און זייער ענטשלאָסענקייט איבערשטייגען אַלע גרעניצען. דאָס זיינען דיכ־טונגען פאַר אַ לעזער־וועלט פון'ם רוישיגען שטאָדט־לעבען אין'ם

מענשען־געטומעל פון לאָנדאָן, ביי ווענען די שטענדיגע באַשעפטיגונג מיט וועלט־געשעהענישען האָט ענטוויקעלט אַ מין נערוועזע באַדערפעניש נאָך שטאַרקע גייסטיגע רייצמיטעל. וואָרדסוואָרט האָט עס אָבער פון אָנפאַנג אָן באַטראַכט אַלס אַ שעהנע און דאַנקבאַרע אויפגאַבע צו באַווייזען, ווי טיעף די מענשליכע נאַטור קען געריהרט און פאַרכאַפּט ווערען אָהן דער אַנווענדונג פון גראָבע און אומנאַטירליכע הילפס־מיטעל. ער האָט אפילו געוואוסט, אַז דער, וואָס איז געוועהנט מיט שרייענדיגע פאַרבען, וועט קוים זיין אין שטאַנד עפּעס ארויסצונעמען פון ווערק, וואָס זייער אָריגינאַליטעט באַשטעהט אין שטילען און נאַטור־געטרייען קאָלאָריט, אָבער ער האָט באַשלאָסען צוריקצופיהרען דעם לעזער אויפ'ן נאַטירליכען וועג און איהם אויסלערנען זיך אָפּזאָגען פון די באַזונדערע ווירקונגס־מיטלען פון אַ ליעד.

6

דאָס דאָרפס־לעבען און זיין פּאָעזיע. — וואָרדס־וואָרט.

מען קען ניט פארשטעהן פאָלשטענדיג גוט וואָרדסוואָרט'ס פּאָעטישע כחות און זייער באשרענקטקייט אויב מען האָט ניט קיין בליק אויף זיין לעבענסלויף. דאָס איז געווען א מין אייגענטימליך אידיליש און באשיצט לעבען. ער איז געבוירען געוואָרען אין א בעל־הבתיש הויז, (זיין פאטער איז געווען אַן אדוואָקאט) האָט שטודירט אין קעמברידזש, האָט געמאכט רייזען און ווען ער איז אהיים גע־קומען האָט ער באקומען א ירושה פון זיינעם א פארעהרער ניין הונדערט פונט. ער האָט נאָך דערצו באקומען אכט־טויזענד און פינף הונדערט פונט אלס א חלק פון א חוב, וואָס אַן ענגלישער לאָרד איז שולדיג געווען זיין פאָטער און האָט דאָס אויסגעצאָהלט דער פאַמיליע. אָט די סומען האָבען עס מעגליך געמאכט פאר'ן דיכ־טער, צו האָבען זיין אנשטענדיגען אויסקומען און זיך ניט באשעפ־טיגען מיט גאָר ניט. 1803 האָט ער חתונה געהאט און 1813 האָט ער זיך באזעצט אין רידאל־מאונט „ביים ים". פון 1813 האָט ער אָלס שטעמפעל־אויפזעהער געהאט א סינעקור, וואָס האָט איינגע־בראכט יעדען יאָהר פינף הונדערט פונט ביז ער האָט 1842 זיך אָפּגעזאָגט דערפון און עס איבערגעגעבען זיינעם א זוהן. 1843 האָט ער פארנומען דעם פּלאַץ פון לאָוטיי אלס קעניגליכער הויף־פּאָעט און אלס אזעלכער האָט ער באצויגען א יעהרליכע פענסיע פון 300 פונט ביז צו זיין טויט. ער איז געשטאָרבען 1850, גראד ווען ער איז אלט געוואָרען אכציג יאָהר. זייענדיג פון אלע זייטען געשטיצט קעגען די אויסערליכע צופעליגקייטען פון'ם לעבען, האָט ער עס באטראכט מיט א פּראָטעסטאנטיש־פילאָזאָפישען בליק.

אזא סאָרט לעבען האָט ניט געקענט ארויסרופען די ענטוויק־

לונג פון ליידענשאַפט און דערפאַר געפינט מען עס ניט ביי וואָרדס־וואָרט ניט אין זיין לעבען און ניט אין זיין פּאָעזיע. ביי אַנדערע גרעסערע שריפטשטעלער געפינט מען אָפט אין זייער לעבען אַ באַדייטענדיגען ביאָגראַפישען אומשטאַנד, איינעם אָדער מעהרערע ווענדע־פונקטען, אַזעלכע אָדער אַן אַנדערע היסטאָרישע קוועלע פון וועלכער עס קען זיך ערקלערען די מעלאַנכאָליע, די כאַראַקטער־פעסטקייט אָדער די פּראָדוקטיוויטעט פון׳ם שרייבער. ביי וואָרדס־וואָרט געפינט מען אַזוינס ניט. ער האָט ניט מיטגענומען קיין שום חסרון פון געבורט, וואָס זאָל איהם שטערען אין זיין לעבען, ער איז אויך קיינמאָל ניט אַזוי שטאַרק אָנגעגריפען געוואָרען עס זאָל איהם רייצען און מאַכען אויף איהם אַ באַזונדערען איינדרוק. די קריטיק האָט איהם אפילו אויסגעלאַכט און פון איהם אָפּגעשפּעט און דערצו נאָך אַ היבש־לאַנגע צייט; פון 1800 ביז 1820 איז זיין פּאָעזיע געטרעטען געוואָרען מיט די פיס, פון 1820 ביז 1830 איז ער באַקעמפט געוואָרען און ערשט פון 1830 איז ער אַלגעמיין אַנערקענט געוואָרען. אָבער די אָפּאָזיציע קעגען איהם איז ניט געוועזען גענוג באַנאַל און העפטיג, דער קאַמף איז ניט געוועזען גענוג היציג, דער זיעג איז ניט געוועזען גלאַנצעדיג גענוג, עס זאָל געבען זיין לעבענסלויף אַ באַזונדערע פאָרם און גלאַנץ, אָדער עס זאָל איהם געבען שטאָף פאַר זיינע דיכטונגען. זיין אינערליך פערזענליך לעבען איז, ווי מיר זעהן, קיינמאָל ניט געוועזען אַזוי שטאַרק און ענערגיש, עס זאָל פאַרטיפען זיין פּאָעזיע אָדער איהר צושטעלען סוזשעטען. ער האָט דערפאַר מעהר באַדאַרפט זוכען אין דער דרויסענדיגער וועלט. די נאַטור־ערשיינונגען און די קליינע, ניט אָנגעזעהענע, מענשען־וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, האָבען אין גאַנצען אָנגעפילט זיין געמיט. ער איז ניט געוועזען, ווי בייראָן, אַזוי פיעל באַשעפטיגט מיט זיין אייגענעם „איך", עס זאָל איהם אויספעהלען די רוהיגקייט זיך אָפּצושטעלען אויף קלייניגקייטען און מינדער־וויכטיגע ערשיינונגען. ער האָט זיי דערפאַר באַשרייבען מיט מעהר מילדקייט און מיט־געפיהל.

דאָך האָט ער זיך באַטראַכט אַלס דעם מיטעל־פונקט פון זיין וועלט. פון זיין אידילישען און פאַרוואָרפענעם ווינקעל פלעגט ער פון צייט צו צייט שיקען לידער־זאַמלונגען אָדער גרעסערע לידער,

וואו ער פלעגט אין זיינע פאַררעדען מיט א לאַנגער רייה פון ביי־שפּיעלען אויפקלערען דעם לעזער, אז אלע גרויסע דיכטער זיינען פון זייער מיט־וועלט ניט אנערקענט און מיספארשטאַנען, אז יעדער שריפטשטעלער, אויף וויפיעל ער איז גרויס און אריגינעל, מוז ערשט אליין באשאפען די געשמאַקס־ריכטונג, וואָס זאָל געפינען גענוס אין זיינע שאפונגען. ער פלעגט באווייזען דעם לעזער, אז די אלע פאַרגענגער פון'ם דיכטער האָבען פאר איהם, אמת, געשאַפען א וועג אויף אזוי פיעל וויפיעל זיי האָבען מיט איהם געמיינ־שאַפטליכעס, אָבער אין אלצדינג וואו ער געהט זיך מיט זיי פונאַנ־דער דערמיט, וואָס איז איהם אליין אייגענטימליך, געפינט ער זיך אין דער לאַגע פון האניבאל צווישען די אלפּען. (פאַררעדע פון 1815).

ער האָט עס גוט געוואוסט, אז קיין באהן־ברעכערישער גייסט קען פון קיין אנדערע צייט־גענאָסען ניט ערוואַרטען קיין אנערקע־נונג ווי נאָר פון די, וואָס זיינען אינגער פון איהם. אָבער די קריי־טיק, וואָס איז ניט געוועזען גענוג שטאַרק איהם צו מאַכען אזוי קריי־געריש ווי בייראָן, האָט איהם אָבער געמאַכט האַלטען פון זיך און זיין איינגעבילדעט. די אומבאַדייטענדע דערפרישונגען אין זיין לעבען זיינע באשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אמאָל אין קרייז פון זיין וואונדערבאַרער פאמיליע אויפגענומען די צופעליגע געסט, וואָס זיינען געקומען אויף א פּוס־טור אין זיין געגענד און האָבען איהם מיטגעבראַכט בריעף צו איהם. מיט אָט די געסט פלעגט ער זיך פאַרהאַלטען אויף א קאַלטען און בכבוד'יגען אופן, האָט זי אויך אָפט פאַרלעצט מיט זיין עגאָאיזם, ניט אויפהערענדיג צו לויבען זיי־נע אייגענע ווערק, לייענען פון זיי און זיי ציטירענדיג. ער האָט אָפט באליידיגט זיין אומגעבונג מיט דער גלייכגילטיגקייט, מיט וועל־כער ער האָט זיך צו אלעמען באצויגען, מיט דער פּיינליכער שטרענג־קייט, וואָס ער פאַרלאַנגט מען זאָל זיך פאַרהאַלטען צו איהם מיט יראת־הכבוד און מיט דער ערנסטקייט, מיט וועלכער ער פלעגט איבער'חזר'ן יעדעם לויב־וואָרט, וואָס איז אמאָל געזאָגט געוואָרען וועגען איהם.

מען דערצעהלט א גאַנצע רייה כאַראַקטעריסטישע אנעקדאָ־טען וועגען זיין הויכער מיינונג פון זיך. טאָמאס מאָר דערצעהלט,

(מעמואַרען באַנד 3, זייט 163) פון וואָרדסוואָרט, אַז, ווען ער האָט אַמאָל געגעסן מיטאָג ביי לאָרד דייווי, האָט ער, אָהן אַ שום פאַר־אַנלאַסונג דערצו, זיך אָפּגערופען צום לאָרד פון איין עק טיש צום צווייטען אויף אַ הויכען קול: „דייווי, ווייסט איהר פאַר וואָס איך האָב געלאָזט דרוקען מיין „ווייסען רילסטאָנער הערש" אין פערטעל־פאָרמאַט?"— „ניין!"— „פאַרוואָס?"— „כדי צו ווייזען דער וועלט מיין אייגענע מיינונג וועגען דעם". וואָרדסוואָרט האָט קיינמאָל ניט פאָרגעלייענט קיין אַנדערע ווערק ווי זיינע אייגענע. אין דעם טאָג, ווען וואָלטער סקאָט'ס „ראָב־ראָי" איז מיט'ן מאָטאָ וואָרדס־וואָרט'ס ליעד „ראָב ראָי'ס קבר" ערשינען, איז דאַמאָלס וואָרדס־וואָרט געווען ביי אַ פאַמיליע, וואָס האָט נאָר וואָס געהאַט באַקומען דעם ראָמאַן און איז געווען געשפּאַנט איהם צו לייענען. ער האָט אַ נעהם געטאָן דאָס בוך און, מען האָט ערוואַרטעט, אַז ער וועט פאָרלייענען דאָס ערשטע קאַפּיטעל פון'ם ראָמאַן, אָבער אַנשטאַט דעם איז ער צוגעקומען צום אַלמער, האָט אַרויסגענומען אַ באַנד פון זיינע אייגענע ווערק און האָט איבערגעלייענט דאָס ליעד פאַר דער געזעלשאַפט. עמערסאָן האָט נאָטיצען, וואָס ער האָט געמאַכט באַלד נאָך די צוויי וויזיטען ביי וואָרדסוואָרט'ן, צווישען וועלכע עס זיינען געלעגען אַ סך יאָהרען. נאָכ'ן ערשטען באַזוך שרייבט ער: „וואָרדסוואָרט האָט אַ שלעכטע מיינונג פון די פראַנצויזען, ניט קיין בעסערע אויך פון די שאָטלענדער. קיין שאָטלענדער קען, נאָך זיין מיינונג, ניט שרייבען קיין ענגליש. זיין אַנזיכט אי־בער פראַנצויזען, אירלענדער און שאָטלענדער באַזירט, ווייזט אויס, אויף קליינע געשעהענישען, וואָס האָבען איהם אָדער זיין פאַמיליע פּאַסירט אין אַ דעליזשאַן אָדער אַ פּאָסטוואָגען. אויף זיין פנים האָט זיך צומאָל געוויזען אַ מין דערהייטערונג, אָבער די גאַנצע צייט האָט זיך זיין קאָנפערזאַציע ניט אויסגעצייכענט ניט מיט שטאַרקייט און ניט מיט שוואונג. וואָרדסוואָרט פאַרעהרט זיך אַליין פאַר זיין פשוט'ער געטריישאַפט צום אמת, אָבער מען מוז שטוינען, וואָס פאַר ענגע גרעניצען זיין פאַרשטאַנד האָט. אור־טיילענדיג נאָך אַן איינציגען געשפּרעך, מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ באַשרענקטען אמת־ענגלישען גייסט, וואָס באַצאָהלט פאַר די זעלטענע שטונדען פון באַגייסטערונג מיט דער טרוקענסטער

פּראָזאַ". — נאָך זיין צווייטען באַזוך (1833) שרייבט ער:
„וואָרדסוואָרט האָט אַרויפגעבראַכט אויף דער טאָגעס־אָרדנונג זיין ליעבלינגס־טעמאַ, אַז די געזעלשאַפט איז דורך אויבערפלעכ־ליכער קולטור אָהן אַ שום ריקזיכט אויף די מאָראַלישע בילדונג אויסגעקלערט געוואָרען. שולען העלפען דאָ גאָר ניט. שול־מייס־טערשאַפט איז ניט קיין ערציהונג. ער האָט מיך און אַלע גוטע אַמעריקאַנער געוואָלט איבערצייגען, אַז די מאָראַל, דער קאָנזער־וואַטיווער עלעמענט דאַרף אָפּגעהיט און ענטוויקעלט ווערען. ער האָט געפּלוכט און געשימפּפט איבער געטע'ס „ווילהעלם מייסטער". „ווילהעלם מייסטער" איז פול מיט אונצוכט פון פאַרשיעדענע סאָר־טען. עס קומט אויס דאַזעלבע ווי די פליגען פּאָרען זיך אין דער לופט. ער האָט קיינמאָל מעהר ניט געלייענט ווי דעם ערשטען טייל און האָט אַוועקגעשליידערט פון זיך דעם בוך. אַזוי שטאַרק האָט דאָס איהם אויפגערעגט. ער האָט ציטירט זיינע סאָנעטען: „דאָס געפיהל פון אַ הויכ־האַרציגען שפּאַניער", „די צוויי שטי־מען" און מיט פאַרגעניגען איבערגעלייענט זיינע פּערזען וועגען דער לערכע". מיר שיינט, אַז אין אָט דער פאָטאָגראַפישער נאָטיץ האָ־בען מיר איינגאַנצען וואָרדסוואָרט, ווי ער שטעהט און געהט אין זיין טאָג־טעגליכען לעבען: אָט דאָס פאַרשפּאָטענדע אורטייל אי־בער אַלע נאַציאָנען, אָט דער ארגומענט קעגען די מאָדערנע קול־טור — דער זעלביגער ארגומענט, וואָס די מאַהאַמעדאַנער אין אַזיען האָבען נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג — אַז זי איז דורכגענו־מען פון אונמאָראַליטעט, די פאַרהערליכונג פון דער קאָנווענציאָ־נעלער מאָראַל אַלס קאָנסערוואַטיווער עלעמענט (די אמת'ע מאָראַל איז דער ראַדיקאַלער עלעמענט), די באַציהונג צו געטע מיט אַזאַ ענטריסטונג, וואָס דערמאָנט אין נאַוואַלים און אַלס פינאַל נאָך דאָס ציטירען פון זיין אייגען ליעד!

1843 האָט זיך וואָרדסוואָרט צום ערשטען מאָל צוזאַמענגע־טראָפען מיט דיקענס. וואָרדסוואָרט האָט געהאַט אַ גרויסע פאַר־אַכטונג צו אַלע יונגע לייט; דער געמיינשאַפטליכער פריינד, ביי וועמען אין הויז עס איז פאָרגעקומען דאָס באַגעגעניש, איז דערפאַר געווען שטאַרק נייגעריג צו הערען פון וואָרדסוואָרט, וואָס פאַר אַן איינדרוק דער גרויסער הומאָריסט האָט אויף איהם גע־

מאכט. וואָרדסוואָרט האָט אויף זיין שטייגער פאַרצויגען די ליי־פען, אַריבערגעוואָרפען איין פוס איבער'ן אַנדערען, אַזוי אַז די נאַקעטע קנעכעל האָבען זיך אַרויסגעוויזען איבער די זאָקען, און האָט לאַנגזאַם געענטפערט:

„אַך, איך בין פּשוט ניט געניינט זיך באַציהען קריטיש צו מענ־שען וואָס איך באַגעגען. נאָר אויב איהר פרעגט מיך שוין, וועל איך זיך אייך אָפענהערציג מודה זיין, אַז איך דענק, אַז ער איז אַ גרויסער פילאָסאָף און אַ זעהר געוועהנליכער יונגער מאַן... נאָר אין אַלגעמיין קען זיין, אַז ער איז אַ גאַנץ וואויל מענשעל. פאַר־שטעהט מיך קלאָר — איך וויל ניט רעדען קעגען איהם, ווארום איך האָב ניט געלייענט קיין איין שורה פון זיין שרייבען."

מיט אַ שטיקעל צייט שפּעטער האָט דער געמיינשאַפטליכער פריינד זיך געווענדעט זעהר פאָרזיכטיג צו דיקינסען מיט דער פראַגע: ווי איז איהם געפעלען געוואָרען דער פּאָעט לאַאורעט?

„געפעלען געוואָרען?!" — האָט דיקענס געענטפערט, — „דאָס איז אַ העסליכער אַלטער אייזעל!"...

דער לעזער ועט, פאַרשטעהט זיך, ניט איינשטימען צו אונ־טערשרייבען זיך אונטער דיזען אורטייל. נאָר איינס איז קלאָר, אַז וואָרדסוואָרט'ס האַלטונג האָט געמוזט אויפרייצען זיין מיט־שפּרעכער. ווען ער האָט גערעדט, האָט דערצעהלט איינער פון זיינע צייט־גענאָסען, האָט ער געאַרבייט ווי אַ וואַהל־פיש, און האָט דערצעהלט וועגען די אייגענע אמת'ן (טרואיזמען) מיט'ן טאָן פון אַן אָראַקול. דאָס וואָרט טרואיזם (דער אמת איז אַזוי קלאָר, אַז מען דאַרף איהם גאָרניט אַרויסרעדען) קען מען צוזעצען צו פיעל פון זיינע שפּראַכליכע אָפאָריזמען. עס כאַפּט אַרום די גאַנצע שכל'דיגע און דעדאַקטישע זייט פון זיין דיכטונג. אין איהר איז ניטאָ קיין אויסערגעוועהנליכע גייסטיגע קראַפט אָדער ליידענ־שאַפט, נאָר די האַמלעטישע שטרעבונג, אַלזייטיג דערקלערען די גרויסע פראַגע: זיין, אָדער ניט זיין. דאָס געבורט, דער טוידט און צוקונפט, דעם מענשענ'ס ליידענשאַפטען און עבירות אין דיזען לעבען און די האָפנונג אויפ'ן שפּעטערדיגען לעבען, דער אומבאַ־דייטליכער אַרומכאַפּ פון'ם גאַנצען קרייז פון אונזערע קענטעניש און די באַציהונג, צו דער איבערנאַטירליכער וועלט — דאָס, זאָגט

מאסאן, זיינען די שטענדיגע אלגעמיין־מענשליכע געגענשטאנדען, און, צוממייסטען, זיינען זיי די געגענשטאנדען פון ווארדסווארט'ס געדאנקען און זאכען *) נאר אזוי ווי דיזע געדאנקען שטעלען צונויף, צום אומגליק, ניט די קאנצענטרירונג נאר די אינערליכע פעריפעריע פון אונזערע קענטעגישען, געהען זיי אויף וועגען, וואס פיהרען אין ערגיץ ניט, איבער אלטע, אויסגעטראטענע און אויס־געגראבענע מיט טיעפע צייכענס וועגען, וואס באשאפען א קרייז, און איבער וועלכע מען קען פאהרען מיט א רוהיגען, ווערטפולען טרויער, נאר אהן נוצען און פארדיענסטען פאר זיך און אנדערע. דאס אליין וואס ווארדסווארט האט זיך שטענדיג געדרעהט אין דיעזער פעריפעריע פון אונזערע קענטעגישען, וואס די פארעהרער פון די אזוי גערופענע עפענטליכע רעליגיעס רופען אן דאס נא־טירליכע קאנצענטרירונג פון אונזערע געדאנקען, איז שולדיג מעהר פון אלץ אין דעם, וואס ווי שטארק באריהמט ער איז ניט געווען אין ענגלאנד, איז ער זעהר ווינציג באקאנט געווען אין אויסלאנד.

ווען קאלרידזש האט זיך באקאנט מיט ווארדסווארט'ן, האט שוין דער לעצטער גענוג אנגעשריבען, אז מען זאל קענען זיך צו־נויפשטעלען א באגריף וועגען דעם, אין וואס ס'איז באשאנען די אריגינאליטעט פון זיין טאלאנט. וואס עס האט מעהר פון אלץ פאראינטערעסירט קאלרידזש'ען אין ווארדסווארט'ס דיכטונג — דאס איז די צונויפפאסונג, די טיעפקייט פון די געפיהלען מיט דעם, וואס ער האט גערעכענט אלס די טיעפקייט פון שכל, דאס שעהנע גלייכגעוויכט צווישען דעם אמת און באאבאכטונג, און די פעהיג־קייט פון דער פארשטעלונגס־קראפט צו אומוואנדלען דיעזע באאב־אכטונגען, און הויפטזעכליך, די פעהיגקייט ארומרינגלען מיט א באזונדער אטמאספערע די העכסטע, אידיאלישע וועלט און די גע־שטאלטען, צושטאנדען, באציהונגען און פעלע, וואס די געוואוינ־הייט נעהמט צו דעם אינטערעס ביי דעם געוועהנליכען באאבאכ־טער.

די ערשטע געשפרעכען פון ווארדסווארט און קאלרידזש הא־בען זיך על פי רוב געדרעהט ארום צוויי פונקטען, וואס זיי האבען

---

*) זעה מאסאן: ווארדסווארט, שעלי, קיטס און אנדערע עסייס.

באַטראַכט אַלס די הויפּט־עקרים פון דער פּאָעזיע: די פעהיגקייט צו דערוועקען די סימפּאַטיע פון'ם לעזער דורך דער געטריישאַפט צו דער נאַטור, און די פעהיגקייט צו דערוועקען אַן אינטערעס פאַר דער נייקייט דורך די מאָדיפיצירונג פון די פאַרבען פון דער איינבילדונגס־קראַפט. די פלוצלינגע צוגעצויגענקייט, וואָס דאָס אויג און די נשמה דערפיהלען ביים שפּיעל פון ליכט און שאָטען אין דער נאַטור; דאָס פאַר'כשופ'ט אויסזעהען, וואָס אַ געוועהנליכע לאַנדשאַפט באַקומט ביי אַ לבנה־שיין אָדער ביי אַ זון־אונטערגאַנג — אָט אין דעם האָט גערעכענט צו געפינען די מעגליכקייט צו פאַראייניגען ביידע עלעמענטען. דאָ איז דאָך פאַראַן די אייגענע פּאָעזיע פון דער נאַטור, מען האָט זי נאָר באַדאַרפט אַרויסברענגען. זיי האָבען ניט געוואָלט נאָכמאַכען דער נאַטור, זיי האָבען געוואָלט נאָכאַהמען די פּאָעזיע פון דער נאַטור.

אַזוי אַרום האָבען זיי באַשלאָסען אָנצושרייבען צוויי פאַרשיעדענע סאָרטען ליעדער. אין'ם ערשטען סאָרט זאָלען געשילדערט ווערען די געשעהנישען און די פּערזאָנען אויף אַן איבער־נאַטירליכען אופן. דער פאָרצוג פון אָט די ליעדער זאָל ביישטעהן אין דער שילדערונג פון דער סיטואַציע מיט אַזוי פיעל דראַמאַטישען אמת ווי ווען עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען רעאַלע זאַכען. און אין דעם זין האָט עס דאָך געקענט זיין רעאַל פאַר יעדען איינעם, וואָס איז אויף גרונד פון וואָסערע עס איז אילוזיע געשטאַנען אונטער איבערנאַטירליכער ווירקונג. די אויספיהרונג פון אָט דער אויפגאַבע איז איבערגעגעבען געוואָרען קאָלרידזש'ן און, פאַר מיר איז קיין ספק ניט, אַז ער אַליין האָט אָט די אויפגאַבע אוועקגעשטעלט. יעדער לעזער, וואָס איז עטוואָס באַהאַוועגט אין דער איראָפּעאישער ליטעראַטור, זעהט באַלד, ווי נאָהענט אָט די אויפגאַבע איז צו די אויפגאַבען, וואָס די דייטשע ראָמאַנטיק האָט זיך געשטעלט און אויך דערפיהלט. דאָס אייגענטימליך ענגלישע באַשטעהט דאָ נאָר אין דעם, וואָס דאָ ווערט דער טראָפּ אוועקגעשטעלט ניט אויף דעם איבערנאַטירליכען און פאַנטאַסטישען, נאָר אויפ'ן נאַטור־אמת; דאָ איז די ראָמאַנטיק נאָר איינע פון די פאָרמען פון'ם נאַטוראַליזם.

אין'ם צווייטען סאָרט ליעדער, זאָלען די סוזשעטען גענומען

ווערען פון׳ם טעגליכען לעבען. אָבער וואָרדסוואָרט, וואָס האָט באַדאַרפט אויספיהרען אָט דעם טייל, האָט זיך באַמיהט צוצוגעבען צו די נאַטירליכסטע און איינפאַכסטע געשעהענישען דעם שיין פון עפּעס אויסער־אָרדענטליכען, פון נייעם, אפילו פון איבער־נאַטיר־ליכען. ער האָט זיך באַמיהט אויף אַזאַ׳ן אופן אויפצואוועקען דאָס געמיט פון זיין געוואוינהייטס־דרימעל און עס צווינגען צו באַטראַכ־טען די שעהנקייט און די וואונדער, וואָס די ווירקליכע וועלט באַ־וויזט און דאָס געוועהנליכע אויג באַמערקט ניט. ער האָט ראשית כל געמאַכט אַזאַ פאַרזוך אין זיינע „לירישע באַלאַדען״, וועלכע ער באַצייכענט אין דער פאָררעדע אַלס עקספּערימענט. דער פאַרזוך איז באַשטאַנען אין דעם: צו קענען ניט זאַכען, וואָס זיינען נאָך זייער נאַטור נאָך ניט פּאַסיג פאַר „אָרנאַמענטאַלער״ דאַרשטעלונג, דאָך זיין אינטערעסאַנט ווען זיי ווערען אפילו געשילדערט מיט דער שפּראַך פון׳ם טעגליכען לעבען. ער האָט זיין פאַרזוך ווייטער פאָרטגעזעצט אין הונדערטער פון ליעדער פון העכסט פאַרשיעדע־נעם ווערט, וואו די העלדען און העלדינען זיינען אַלע געווען פון די אונטערע און אונטערשטע פאָלקס־קלאַסען, אויפגעוואַקסען אין דאָרף־פאַרהעלטנישען און געשילדערט אין ראָמאַן פון דאָרפישען לעבען.

אין דער דענישער ליטעראַטור איז ניט פאַראַן קיין דיכטונגס־גרופּע פון אָט דעם סאָרט. ווער עס לייענט אָבער וואָרדסוואָרט מיט אויפמערקזאַמקייט וועט דאָ און דאָרט אָנטרעפען אויף אַ פאָרם פון פּאָעטישען אנעקדאָט און דערצעהלונגס־טאָן, וואָס דער־מאָנט אין רונעבערג׳ס „פענריך שטאָהל״. אפילו אין ריטם און פערז געפינט מען דאָ און דאָרט אַ געוויסע עהנליכקייט; עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו וויסען צו רונעבערג האָט איבערהויפּט געקענט דעם ענגלישען דיכטער; עס קען זיין, אַז די גאַנצע שוואַכע עהנליכקייט צווישען די ביידע נעהמט זיך דערפון, וואָס ביידענס פּאָסירונגען האָבען זיך באַשרענקט אויף דער לאָקאַליטעט: איי־נעם׳ס אין דער אומגעבונג פון׳ם ענגלישען און דעם צווייטענס — פון׳ם פינישען ים. דער אונטערשייד צווישען זיי איז אָבער אויף יעדען פאַל גאַנץ באַדייטענד. ביי רונעבערג איז בולט דער קריגע־רישער הינטערגרונד און שטימונגס־טאָן, דער פייערינגער לירישער

סטיל, די פּאַטריאַטישע און געשיכטליכע באַגייסטערונג; ביי וואָרדסוואָרט — דאָס שטילע לעבען אין׳ם דאָרפישען פרידען, די ריין־עפּישע האַלטונג און דער פאָלשטענדיגער קירכטום־פּאַטריאָטיזם, די ליעבע פאַר׳ן לעבען און באַוועגען זיך פון אַ פּאָר דערפער. ביי רונעבערג זעהט מען די באַגייסטערונג פון אַ סאָלדאַט פאַר׳ן מיליטער, ביי וואָרדסוואָרט — דאָס אנטייל־נעמען פון׳ם דאָרף־פערדיגער אין זיין געמיינדע.

עס איז דאָך פאַראַן אַן איינציג דעניש געדיכט, וואָס ווייזט אויף אַן איבעררעשענדע עהנליכקייט מיט וואָרדסוואָרט׳ס טאָן און סטיל, נאָר עס איז פיעל דראַמאַטישער פון אַלצדינג, וואָס ער האָט ווען געשריבען — „דער אויבסען־הענדלער״ פון הענריך הערץ. ביז איך האָב געקענט וואָרדסוואָרט׳ן האָט מיר אָט דאָס ליעד אויסגעזעהן ווי עס וואָלט געווען עפּעס אַ באַזונדערע ערשיינונג אין הערץ׳ פּאָעזיע, כאָטש עס ריהרט אָן אַ פולע סטרונעס. דער העלד פון׳ם ליעד איז ווי געשאַפען געוואָרען, אַז וואָרדסוואָרט זאָל איהם באַהאַנדלען: אָט די פעהיגקייט צו ריהרען און דאָך ניט פאַרהערליכען איז אַן איינטימליכקייט פון׳ם מייסטער פון דער זעעשול. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס ליעד האָט ניט די הויפּט־אייגענטימליכקייט אין וועלכער מען דערקענט וואָרדסוואָרט׳ן — אָט דאָס, וואָס ער אַליין באַצייכענט אַלס די פעהיגקייט צו געבען די אַלטעגליכע זאַכען אַ כמעט איבערנאַטירליכע שאַטירונג. אָט איז אַ ביישפּיעל פון דעם, ווי אַזעלכע זאַכען קומען ביי איהם אַרויס. איך קלייב אויס אַ ליעד, וואָס איז אַם בעסטען כאַראַקטעריסטיש פאַר איהם, כאָטש עס איז אפילו ניט אַזאַ׳ן אויסגעצייכענטעס. עס הייסט: „ענטשלאָסענקייט און אונאָפּהענגיקייט״. דער דיכטער שילדערט זיין שפּאַציר־גאַנג אין אַ זומער אין דער פריה, דאָס שימערירען פון די טוי־טראָפּען, דעם געזאַנג פון די פויגעל, דאָס שרעקענדיגע יאָגען זיך פון׳ם האָז איבער די פעלדער. ער דענקט וועגען דעם, ווי ער האָט אַמאָל אַזוי געדאַנקען־לאָז געלעבט ווי די חיות אין פעלד און די פויגעל אין וואַלד; ער דענקט וועגען דעם, אַז פאַר אַזאַ לעבען מוז מען איין שעהנעם טאָג באַקומען די פאַרדינטע שטראָף. עס פאַלט איהם איין, אַז פיעלע באַדייטענדע דיכטער האָבען אין יאָמער און נויט געענדיגט זייער לעבען און עס באַ־

פאַלט איהם אַ פּראָזאאישע פאַרזאָרגען־זיך וועגען זיין צוקונפט. דאַ דערזעהט ער פּלוצלינג פון דער וויטענס אין אַט דער איינזאַמער געגענד אַן אלטען פרעמדען מאַן: „ער האָט אויסגעזעהן צו זיין דער עלטסטער פון די, וואָס טראָגען גרויע האָר. ווי אַ ריזיגער שטיין, וואָס מע דערזעהט אויף אַ הויכען בארג און מען פאַרוואונדערט זיך איבער איהם ווי אַזוי, און ווען איז ער ארויפגעקראָכען אהין, ווי ער וואָלט געווען אַ לעבעדיגער. עס קומט אונז פאָר, ווי דאָס וואָלט געווען אַ מין ים־חיה, וואָס איז אהין ארויפגעקראָכען זיך ווארימען קעגען דער זון — אַזוי האָט אויסגעזעהן דער מאַן, ווען די משא פון יאָהרען האָט געמאַכט האַלב־טויט. זיין גוף איז קרום, זיין קאָפּ און זיינע פיס האָבען זיך כמעט באַגעגענט און ער האָט אויסגעזעהן ווי ווען די קראַפט פון אַ ווילדען וועהטאָג און לאַנגער קראַנקהייט וואָלט איהם אוממענשליך געדריקט. ווי אַ וואָלקען, וועמען דער שטאַרקער ווינט קען ניט ריהרען און ער, דער וואָלקען, ריהרט זיך נאָר מיט זיין גאַנצער סביבה, אַזוי איז דער מאַן באַוועגונגס־לאָז געשטאַנען". (איבערגעג. אין פּראָזא — דער איב.)

ווי זשעניאַל דאַ איז דער דאָפּעלטער פאַרגלייך און וואָס פאַר אַ מיסטישע ווירקונג דאָס האָט! דער אַלטער איז גלייך צו אַ ריזען־שטיין אין דער הויך און דער שטיין זעהט ווידער אַזוי שטאַרק אויס, ווי אַ ים־חיה וואָלט אהין ארויפגעקראָכען. מיט זעלטענער קראַפט איז דאָ איבערגעגעבען דער איינדרוק פון'ם הויכען עלטער. דער גרייז האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט געווען דער עלטסטער מאַן, וואָס האָט ווען עס איז געלעבט. ווען מיר זאָלען זיין אין דייטשלאַנד אָדער אויף דעם באָדען פון דער ראָמאַנטיק, וואָלט דאָס אונז ניט פאַרוואונדערט, ווען מיר זאָלען זיך דערוויסען, אַז מיר האָבען דאָ פאַר זיך דעם ירושלים'ער שוסטער. אָבער מיר זיינען אין ענגלאַנד, וואָרדסוואָרט איז אונזער פיהרער. עס צייגט זיך ארויס, אַז דער אַלטער מאַן איז אין אַ הויכען גראַד אַ גאַנץ געוועהנליך מענשליך באַשעפעניש, זיין געשעפט איז צו זאַמלען פּיאַווקעס — אַ געשעפט, וואָס פּאַסט זיך פאַר אַלטע און שוואַכע לייט אין אַ וואַסער־רייכער געגענד. דעם אַלטען'ס רעדע, וואָס איז פול מיט טרייסט און פרומקייט, זיין געמיטס־רוהיגקייט אפילו

אין דער העכסטער איינזאַמקייט און אָרימקייט, באַרוהיגט דעם איינגען דיכטער אין זיין מורא פאַר דער צוקונפט און ער באַשליסט, זיך תמיד פאַרצושטעלען דעם אַלטען פּיאַווקע־זאַמלער, ווען עס וועלען איהם נאָך ארויפקומען טרויעריגע געדאַנקען וועגען דער צו־קונפט. דאָ איז ניט פאַראַן דער „אַדען־פליה", ווי עוואַלד דריקט זיך ערגיץ אויס, אָבער עס איז אַ גאַנץ גוטער מוסטער פאַר וואָרדס־וואָרט'ס כח דורך דער אַרט פון זיין באַהאַנדלונג ארויפצודריקען אויף די גאַנץ פשוט'ע נאַטירליכע זאַכען אַ שטעמפּעל פון פאַנטאַ־זיע און ערהאַבענקייט.

אָט דאָס שטרעבען איז ביי וואָרדסוואָרט אין ניט־וועניגע פון זיינע ליעדער ארויסגעקומען קאַריקאַטור־מעסיג — דאָס פּאַסירט ביי איהם דאַמאָלס, ווען ער ברענגט ארויס אַ מיסטיש־רעליגיעזע אָדער אָנשרעקענדיגע ווירקונג דורך אַ זעלטענע פּאַסירונג, וועלכער ער שרייבט צו די ווירקונגס־קראַפט פון דער אַזוי־גערופענער אי־בערנאַטירליכקייט. עס קומט ארויס אומגעלומפּערט, ווען אינ'ם ליעד „דער דאָרן־בוש" דערצעהלט איינער (די פאַרהעלטעניסען און דער שטאַנד פון'ם דערצעהלער זיינען ניט דערמאַנט, אָבער וואָרדסוואָרט אַליין זאָגט קאָלרידזש'ן, אַז ער האָט זיך דאָרט פאַר־געשטעלט אַן אַלטען פּענסיאָנירטען און עובר־בטל'ן שיפס־קאַפּי־טאַן) מיט'ן אויסערסטען שרעק. ווי עס וואָלט זיך דאָ געהאַנדעלט וועגען רוחות און שדים, וועגען אַ משוגע'נע מיידעל, וואָס זיצט ביינאַכט, קלאָגענדיג, אָנגעטאָן אין אַ טיעף־רויטען קלייד, אונטערן דאָרן־בוש. און ריין פאַראַדיש ווערט אָט די ריכטונג ביי וואָרדס־וואָרט אין זיין „פּעטער בעל" וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרען מיט אַזוי פיעל פּרעטענזיעס און וואָס וואָלט זיכער אינגאַנצען פאַרגעסען געוואָרען, ווען שעלי זאָל ניט האָבען אַ סאַטירע מיט'ן זעלביגען נאָמען. דאָרט ווערט געשילדערט דער גרויסער שרעק פון אַ רויהען און גרויזאַמען קנעכט איבער דעם, וואָס זיין עלענ־דער עזעל טראָגט איבער אויף זיך די שרעקליכסטע קלעפּ און וויל זיך דאָך ניט ריהרען פון'ם פּלאַץ. די עקשנות פון'ם עזעל און די נאַכט דונקעלהייט, ביי וועלכער די פּאַסירונג קומט פאָר, דערהיצען אַזוי די פאַנטאַזיע פון'ם קנעכט, אַז ער קומט דורך דעם צו אַ פאָל־שטענדיגער ענדערונג אין זיין מאָראַל. עס ווייזט זיך ארויס, אַז

די סבה פון דער עקשנות פון׳ם עזעל איז דאָס, וואָס זיין בעל־הבית איז אויף יענעם פּלאַץ ארייגעפאַלען אין וואסער און דער עזעל וויל אויף אזא׳ן אופן ציהען די אויפמערקזאמקייט פון׳ם פּובליקום אויף דעם פּלאַץ. די מאָראַלישע גרויסקייט פון׳ם עזעל שטעהט דאָ אין א שאַרפען היפוך צו דער עזעלקייט פון׳ם מאַן און וואָרדס־וואָרט, וואָס האָט קיין חוש ניט פאַר דאָס קאָמישע, ווייזט יעדעס מאָל אָן אויף אָט דעם היפוך.

דאָס איז ניט קיין צופאַל, דאָס איז א כאַראַקטער־צוג. די נייע שול האָט אין איהר האָס קעגען דעם גלאַנץ און אין איהר ליעבע פאַר דער איינפאַכקייט און פּראָסטקייט, באַקומען א ליידענשאַפט־ליכע נייגונג צו עזלען, צו אָט די שטאַנדהאַפטע, געדולדיגע און באַזונדערס ניט־אנערקענטע נאַטור־באַשעפענישען, וואָס ווערען איבערשטראַהלט פון וועניגער געניגזאַמע חיות. קאָלרידזש פיהרט עס אזוי ווייט, אז אין זיין געדיכט „צו אַן אינגען עזעל, וועמעס מוטער עס איז צוגעבונדען ניט ווייט פון איהם״, רופט ער אויס צום עזעל: „איך באַגריס דיך אַלס ברודער!״ און דריקט אויס זיין מעהר ווי פילאַנטראָפּישען וואונש, צו לעבען אין אַן אנדער געזעל־שאַפטס־צושטאַנד און צו קענען שענקען דעם עזעל א טאָל באַוואַק־סען מיט גראָז — דאַמאַלס וואָלט איהם דאָס פרעהליכע הירזשען פון׳ם עזעל געקלונגען שעהנער ווי די בעסטע מוזיק. עס איז קיין וואונדער ניט, אז דער שפּאָס־פויגעל בייראָן, האָט באַלד אויפגע־כאַפּט אָט דעם ברודער־גרוס און זיך איבער דעם לוסטיג געמאַכט אין זיין ערשטער סאַטירע „ענגלישע דיכטער און שאָטלענדישע רעצענזענטען״. פאַר קאָלרידזש איז אָט דער עקסטרעמער נאַטור־ראַליזם דאָך ניט געווען נאַטירליך, ער אליין איז געווען דער ער־שטער, וואָס האָט זיך וויציג געמאַכט איבער אָט די עקסטראַ־וואַ־גאַנצען. וואָרדסוואָרט אָבער, וואָס איז פון דער נאַטור געווען קאָנסעקווענט און כמעט עקשנות׳דיג, איז אָנגעגאַנגען מיט אָט דעם ריין ליטעראַרישען נאַטוראַליזם ביז צו זיינע עקסטרעמסטע קאָנ־סעקווענצען.

ער פלעגט זיך כמעט תמיד אויסקלייבען זיינע סוזשעטען פון׳ם דאָרף־לעבען און באַזונדערס פון׳ם לעבען פון די נידעריגערע פאָלקס־מאַסען. און געטאָן האָט ער דאָס ניט ווי די פראַנצויזען

פון׳ם פאַריגען יאָהרהונדערט, וואָס זיינען אליין געווען געפּאָלירט און געשליפען, האָבען עס געטאָן כדי דורך די אַנדערע ארויסצואַווייזען זייער אייגענע איבערלעגענהייט. ניין, ער האָט דאָס געטאָן, ווייל ער האָט געהאַלטען, אַז די וויכטיגסטע ליידענשאַפטען זיינען ביי אָט די קלאַסען שטאַרקער און רייפער ווי ביי די געבילדעטע און נאָך, ווייל אָט די קלאַסען רעדען, דורכדעם וואָס זיי זיינען ניט אונטערוואָרפען אין דער באַציהונג קיין שום צוואַנג, מיט א מעהר נאַטירליכער שפּראַך. ער האָט געהאַלטען, אַז די גרונדגעפיהלען פון׳ם מענשליכען הארץ קומען ביי די דאָרף־איינוואוינער ארוים מעהר איינפאַך און עלעמענטאַר און מען קען דאָס דערפאַר לייכטער באמערקען, ווי אינ׳ם שטאָדט־לעבען. ער איז געווען דערפון איבערצייגט, אַז דאָס צוזאַמענלעבען מיט די שעהנע און שטענדיגע פאָרמען פון דער נאַטור צוזאַמענגענומען מיט דער נויטיגקייט און שטענדיגקייט פון דער דאָרף־באַשעפטיגונג, מאַכט אלע געפיהלען דויערהאַפטער. אָט דאָ, אין דער געבורט־שעה פון׳ם יאָהרהונדערט, געפינט מען דעם קערן פון דער עסטעטישער גרונדאַנשויאונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטען לענגער פון א האַלבען יאָהרהונדערט און האָט זיך פאַרשפּרייט און פאַרפלאַנצט פון לאַנד צו לאַנד. אָט די אַנשויאונג האָט אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און סקאַנדינאַוויען געפיהרט צו דער פויערן־פּאָעזיע און דער דאָרף־געשיכטע און אין פאַרשיעדענע לענדערן — צו דער פאַרהערליכונג פון דער שפּראַך פון׳ם אַלגעמיינעם פאָלק. ווען מען צעגליעדערט אָט דעם קערן אויף א באָטאַנישען אופן, קען מען דערפון גרינדליך לערנען די נאַטורגעשיכטע פון דער גאַנצער פלאַנץ.

וואָרדסוואָרט׳ס אויסגאַנגס־פּונקט איז א ריין טאָפּאָגראַפישער. אָרטס־באַשרייבונג אין׳ם פולסטען זין פון וואָרט איז פאַר איהם נאָך אייגענטימליכער ווי פאַר וואָלטער סקאָט. די אויפגאַבע פון זיין לעבען איז געווען, אזוי צו שילדערען די ענגלישע נאַטור און ענגלישע נאַטורען ווי ער האָט זיי געזעהן פּנים אל פּנים. היות ווי ער האָט נאָר דאָס געוואָלט שילדערען מיט וואָס ער איז געווען פאָלשטענדיג פאַרטרויט, איז ער געקומען צו א טעאָריע, אַז עס איז נויטיג פאַר יעדען דיכטער זיך אויפצוהאַלטען אויף א באַשטימטען פלעק אויף דער ערד. ער האָט אויך דערפאַר פאַרבונדען זיין

דיכטער־נאָמען מיט די ים׳ען פון צפון־ענגלאַנד, וועמעס אומגע־בונג עס איז תמיד געווען די סצענעריע פאַר זיין דיכטונג. יא, ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט געהאַלטען, אַז דער גע־בורטס־אָרט פון׳ם יחיד איז פאַר איהם דער בעסטער פּלאַץ, וואו ער קען ענטוויקלען זיין טעטיגקייט זיין גאַנצען לעבען.

אַזוי אַרום איז ער געוואָרען אַ ספּעציעל ענגלישער נאַטור־מאַלער, אַזוי אַרום האָבען זיינע שילדערונגען אַ ריין־לאָקאַלען אינ־טערעס. דער באַריהמטער ענגלישער קונסט־קריטיקער דזשאָן רוס־קין האָט מיט רעכט אָנגערופען וואָרדסוואָרט, דעם גרויסען פּאָע־טישען לאַנדשאַפטס־מאַלער פון זיין פּעריאָדע. אין דער צייט, וואָס בייראָן פאַרלאָזט אַלע מאָל זיין היימלאַנד כדי צו מאָהלען מיט פרעמדע און גליהענדיגע פאַרבען די נאַטור פון גריכענלאַנד און פון׳ם אָריענט; אין דער צייט, ווען שעלי באַטראַכט דעם קלימאַט פון ענגלאַנד אַלס טויט־שעדליך פאַר זיין עדלען קערפּער און פאַרהערליכט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל די ברעגען און טייכען פון איטאַליע; אין דער צייט, ווען סקאָט באַזינגט שאָטלאַנד און מאַר ווערט קיינמאָל ניט מיעד צו לויבען די שעהנקייט פון׳ם גרי־נעם ערין, אין אָט דער צייט שטעהט וואָרדסוואָרט אַליין אַלס דער ריין־בלוטיגער ענגלענדער, טיעף איינגעוואָרצעלט אין לאַנד און ווי אַן אַלטער דעמב אריינגעוואַקסען מיט הונדערטער וואָרצלען. זיין עהרגייץ איז געווען צו זיין אַן עכט־ענגלישער באַשרייבענדער דיכטער. ווען ער האָט זיך פאַרטיעפט אין דער געגענד אין וועל־כער ער האָט געוואוינט, איז געגאַנגען דאָרט שפּאַצירען, איז גע־פאָהרען אויף אַ שיפעל, איז געגאַנגען אין קירך און אויפגענומען די געסט, וואָס האָבען איהם באַוואונדערט איז דאָס אַלצדינג גע־שעהן מיט דער דעטאַלירטעסטער קענטעניש פון די אונטערשטע קלאַסען און איבערהויפט פון׳ם דאָרף־לעבען. ער האָט דעמזעל־ביגען קוק אויף אָט דעם לעבען ווי אַ גוטער און עהרענהאַפטער דאָרף־פּרעדיגער פון דעם סאָרט, ווי ער אַליין האָט איהם געשיל־דערט אין זיין „עקסקורסיע״.

זיין ספּעציאַליטעט זיינען אָט די אַלע געוועהנליכע קירכשפּיל־פּאַסירונגען און קירכשפּיל־אומגליקען, וואָס קומען פאָר אין אַ דאָרף־געגענד אין ענגלאַנד: דאָס צוריקקערען פון אַ פאַרפאַלע־

נעם דאָרף־קינד אין זיין געגענד, וואו ער טרעפט שוין ניט מעהר זיין היים און געפינט נאָר נאָך די נעמען פון אַלע זיינע פריינד אויף די מצבות אויפ׳ן קירך־הויף, („די ברידער״) דעם ביטערען גורל פון א פאַרפיהרטען און פאַרלאָזענעם מיידעל, („רות״), ווי אַ אידיאָטיש אינגעל לויפט ביי נאכט נאָך אַ דאָקטאָר און פאַר־בלאנדזשעט אויפ׳ן וועג, („דער אידיאָטישער אינגעל״) די וואונ־דערבאַרע געשעהענישען וואָס אַ קליינער בלינדער אינגעל איז אויסגעשטאַנען און עס האָט איהם גאָר ניט געשאַדט, (דער בלינ־דער באַרג־אינגעל) דאָס טרויערען פון אַן אַלטען אויסגעצייכענטען פאַטער איבער זיין אויסגעלאָזטען זוהן, („מיכאל״) די באַדויערנס־ווערטע נייגונג פון אַ דיליזשאַנס קוטשער, וואָס איז באַליעבט אין דער גאַנצער געגענד, צו אַן האָר־בייטעל און ווי דאָס פיהרט דערצו; אַז מען זאָל איהם אראָפּזעצען פונזיין אמט. (באַזונגען אין פיער געזאַנגען אונטער׳ן טיטעל „דער קוטשער״.)

דאָס איינציגע אונ־ענגלישע אין דער גאַנצער אַרט ווי אַזוי אָט אַ די פּאַסירונגען, אפילו די לייכטערע און די לוסטיגערע פון זיי, ווערען באַשריבען איז דאָס, וואָס אין דער שילדערונג פעהלט אין גאַנצען דער הומאָר. אנשטאט הומאָר האָט וואָרדסוואָרט, ווי מאַסאָן דריקט זעהר גוט אויס „אַ האַרטען גוטמוטיגען שמייכעל״. דערפאַר אָבער האָט ער אַ טיעפען און ערנסטען פּאַטאָס מיט וועל־כען ער דערצעהלט אָט די טראַגישע און ערנסטע לאָקאַל־געשיכטען. מיט דער גאַנצער ריינקייט און עכטקייט פון אָט דעם מין שרייבען האָט עס דאָך ניט דעם פּעטישען ציטער אָדער דעם מאָדערנעם ברען אין זיך. עס ווירקט אָבער דערפאַר נאָך שטאַרקער אויף אַ סך מענשען, וואָס האָבען עס ליעב ווען דער דיכטער הויבט זיך ניט אויף צו הויך איבער זיי און שעצען דאָס גוטע און וואויל־טועדיגע פון דער סימפּאַטיע פון וועלכער דאָס שטאַמט. דאָס איז אַ מין סימפּאַטיע, וואָס איז גלייך צו דער ליעבע פון אַ פּריסט אָדער פון אַ אַרצט, כאָטש אין דעם ליגט מעהר פּראָפעסיע ווי האַר־ציגקייט, וואָס פאַרכאַפּט אונז מיט דער פאַלשטענדיגקייט פון איהר אויסדרוק.

מיר שיינט, אַז אין ערגיץ איז אָט דער אויסדרוק ניט אַזוי שעהן ווי אין די ליעדער „סימאָן לי״ און „דער אַלטער בעטלער פון

קומבערלאַנד". דאָס ערשטע ליעד איז אַן אנעקדאָט פון אַן אַלטען יעגער, וואָס אינגערהייט פלעגט ער געשמידיג מיט'ן האָרן און מיט'ן הונד פאַהרען אויפ'ן פערד און געהען צו פוס, אָבער איצט אויף דער עלטער, איז ער אַזוי שוואך געוואָרען, אַז דער דיכטער טרעפט איהם איין טאָג ווי ער טוט מיט מיה די לייכטע ארבייט פון אויפגראָבען פוילע בוים־וואָרצלען.

„עס איז צו שווער פאר אייך, גוטער מאַן, — האָב איך גע־זאָגט, — גיט מיר די רידעל אין האנט!" ער האָט מיט א פריי־דיגען בליק אָנגענומען מיין הילף. איין קלאפּ — און דער גאַנצער וואָרצעל איז ארוים פון דער ערד, ביי וועלכער דער אַלטער האָט זיך נעביך אַזוי פיעל געפּלאָגט. מיט טרערען אין די אויגען און קלאַפּענדיגען הארץ האָט ער מיר שטארק געדאַנקט. גוטע האַנד־לונגען, זאָגט מען, ווערען אָפט פון שלעכטע מענשען מיט שלעכט'ס באַצאָהלט, מיך אָבער מאַכט שוין דער דאַנק פון מענשען טרויריג — (פּראָזא — דער איבערז.)

ווייניג פּאָעטען האָבען ארויסגעוויזען אַזוי פיעל מיטגעפיהל ווי וואָרדסוואָרט צו מענשען, וואָס זיינען, ניט דורך זייער אייגענער שולד, געוואָרען אומברויכבאַר, דעמיטיגע וועגעראַביליען פון'ם מענשליכען געשלעכט. דאָס בעסטע ביישפּיעל דערפאר איז „דער אַלטער בעטלער". וואָרדסוואָרט שילדערט, ווי דער בעטלער, וועמען יעדער קען, געהט ארום אין די הייזער:

„ווען איך בין נאָך געווען א קינד, האָב איך איהם שוין גע־קענט. ער האָט שוין דאַמאָלס אַזוי אַלט אויסגעזעהן ווי איצט. ער וואַנדערט ארום איינער אליין, ער זעהט אוים אַזוי הילפלאָז, אַז דער פאַרביי־רייטער טוט איהם ניט א וואַרף די נדבה אין הוט נאָר ער שטעלט זיך לאַנגזאַם אָפּ, כדי זיכער צו זיין אַז די נדבה וועט איהם טרעפען. און ווען דער רייטער פאָהרט שוין אפילו אוועק, מוז ער נאָך אַלץ, איידער ער טוט א טרייב דאָס פערד, וואַרפען א געזעגען־בליק צום אַלטען. דערזעהט דעם אַלטען די פרוי פון סלאַמבאַם, וואַרפט זי אַלע ארבייט אוועק, הויבט אויף דעם סלאַמ־באַם און לאָזט איהם דורכגעהן. דערזעהט דעם אַלטען דער פּאָסט־פיהרער, שרייט ער נאָך פון דער ווייטענס, און אויב דער אַלטער געהט נאָך אַלץ אויף דעמזעלבען וועג, פאַרקערעוועט דער פּאָסט־

פיהרער לאַנגזאַם אין א זייט, פאָהרט לאַנגזאַם, אפילו אָהן א קללה, אריבער. אָבער האַלט ניט אָט דעם מאַן פאַר נוצלאָז! איהר, שטאַאַטסמענער, וואָס איהר האַלט אין איין פאָכען מיט'ן בעזים אום ארויסצוקערען יעדע שעדליכקייט! איהר, וואָס זייט אזוי שטאָלץ אויף אייערע פעהיגקייטען, חכמה אָדער מאכט, באַטראַכט ניט אָט דעם אַלטען פאַר א משא! עס איז א געזעץ פון דער נאַטור, אז יעדע זאַך אין דער וועלט, זאָל עס נאָך ווי נידעריג און שלעכט און שעדליך אויסזעהן, האָט אין זיך דאָך עפּעס גוטעס. וואו עס באַווייזט זיך דער אַלטער בעטלער, פאַנגען מענשען אָן צו טון גוטע זאַכען, באַווייזען רחמנות, אזוי ארום ווערט די נשמה צום בעסטען געפיהרט. דער רייכער, וואָס זיצט פאַר דער טיר פון זיין אייגענעם הויז, און וואַקסט פאַר נחת ווי די פרוכט פון'ם באַרן־בוים, וואָס איז איבער זיין קאָפּ; דער קרעפטיגער אינגער־מאַן, דער גליקליכער — אָט די אַלע, וואָס האָבען זיך זייער היים און וואַקסען און בליהען מיט זייערע פאַמיליען, — אָט די אַלע זעהען אין איהם דעם שטילען מאָהנער, וואָס וועקט אין זיי דעם געדאַנק פאַר זייער אייגענער גראַטולירונג" (פּראָזאַ — דער איבערז.)

ווען מען לייענט אָט דאָס געדיכט אין די שטאַרקע פערזען פון'ם אָריגינאַל און מען וועט מוזען מודה זיין, אז דאָס איז אפילו א מוסר־רעדע, אָבער א מוסר־רעדע אין פיינסטען סטיל. אינ'ם נאַטוראַליזם, וואָס האָט זיך שפּעטער לאָגישער־ווייזע און ווי עס איז געווען צו ערוואַרטען ענטוויקעלט צו הומאַניזם און ראַדיקאַליזם, איז שוין פון אָנפאַנג אָן געווען א נייגונג צו מאָראַליזירען און צו עוואַנגעלישער רעליגיאָזיטעט. ער האָט אויפגעזוכט די אָרימע, די פּשוט'ע הערצער, די וואָס האָבען פאַר דער וועלט קיין ווערט ניט — דאָס האָט איינגעשטימט מיט דער מאָראַל פון'ם עוואַנגעליום. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער פאַרפיינערטער ציוויליזאַציע און איהרע העלדען און האָט זיך אויסגעקליבען פישער און פויערען — אויך דאָ איז ער נאָכגעגאַנגען דעם עוואַנגעליום. אזוי ארום האָבען זיך אין וואָרדסוואָרט גאַנץ קאָנסעקווענט פאַראייניגט די נאַטור־פאַרעהרונג מיט'ן מאָראַליזירענדען פּראָטעסטאַנטיש־קריסטליכען עלעמענט, וואָס איז אזוי שטאַרק

פּאָפּולער געווען אין ענגלאַנד. מען קען אויך ניט גאַנץ אוועקמאַכען מיט דער האַנט זיינע מאָראַלישע באַלעהרענדע ליעדער. אָפּטמאָל ליגט אַן אייגענטימליכע גרויסקייט אין דער אַרט ווי אַזוי די איינפאַכע לעהרע איז אויסגעדריקט. איך געפין אַן אמת'ע דערהויבונג אין די ווערטער, מיט וועלכע עס ווערט אין „לאַאודאַמיא" געזאָגט דער טרויערענדיגער פרוי, אַז אַנשטאַט צוריק צו פאַרלאַנגען איהר מאַן, זאָל זי זיך בעסער אָפּזאָגען דערפון און דורך דער ליעבע געליטערט ווערען צו אַ העכערען גייסטיגען לעבען:

„דורך דיין פּשוט־שטערבליכען בענקען, לעהרען זיך, ארויפצושטייגען צו עפּעס העכערען, די היילינגע קראַפט פון דער ליעבע איז דיר הויפּטזעכליך צו אַט דעם צוועק געגעבען געוואָרען; די ליידענשאַפט איז צו דעם צוועק אַזוי שטאַרק ענטוויקעלט געוואָרען, כדי זי צו באַנוצען פאַר אַ מיטעל צו טויטען דעם איך" — (פּראָזאַ־דער איבערז.)

אפילו די אַבסטראַקטע אָדע „צו דער פליכט", וואָס ענטהאַלט אַ ריין־קאַנטישע באַגייסטערונג, האָט זשעניאַל־אַבסורדע שורות, וואָס דערמאָהנען אין געוויסע פּאַראַדאָקסען פון די קירכען־פאַטערס. דער דיכטער רופט אויס צו דער פליכט:

„דו האַלטסט אין טאַקט דעם שוואונג פון די שטערען
די עלטסטע הימלען זיינען דורך דיר שטאַרק און יונג".

פון אַט די אַלע פאַרשידענאַרטיגע ליעדער, קערט זיך דער לעזער גערן צוריק צו וואָרדסוואָרט'ס ספּעציעלען געביט, צו זיינע אידיליען.

לאָמיר דאָך נאָך כאַפּען אַ קוק אויף אַט די ליעדער און אויף דער טעאָריע, וואָס זיי דאַרפען, נאָך דער אַבזיכט פון'ם דיכטער, מיט זיך פאַרשטעלען. עס איז קיין ספק ניט, אַז וואָרדסוואָרט האָט געשענקט דעם דאָרף־לעבען אַ פיעל גרעסערע באַדייטונג אין דער פּאָעזיע ווי עס קומט דעם. זיין סביבה איז אמת געווען בכח אַרויסצורופען ביי איהם אַזאַ טעאָרעטישע איבערשעצונג. אויב ער האָט באַנוצט די שאָף־ציכטער פון קומבערלאַנד און וועסטמאָרלאַנד אַלס מאָדעלען פאַר זיינע העלדען, קומט דאָס דערפון, וואָס אַט די מענער (פון איין זייט אומאָפּהענגיג גענוג אום ניט צו דאַר־

פען ארבייטען פאַר פרעמדע, און, פון דער צווייטער זייט, דאָך ניט אינגאַנצען פריי פון ארבייט) מיט זייער איינפאַכקייט באַזיצען די אמת׳ע פּאָעטישע קוואַליפיקאַציעס. אַז דאָס דאָרף־לעבען אַלס אַזעלכעס קען בעסער מאַכען דעם מענשען איז ניט מעהר ווי אַבער־גלויבען; עס קען איהם אויך שטומפּף מאַכען. קאַלרידזש האָט, למשל, ערקלערט: ווען מען פאַרגלייכט אין ענגלאַנד די מעטאָדע פון דער דורכפיהרונג פון די געזעצען פאַר די אָרימע אין שטעדט: ליווערפּאָל, מאַנטשעסטער און בריסטאָל מיט דער מעטאָדע ווי די אונטערשטיצונג פאַר אָרימע ווערט פאַרטיילט אויפ׳ן לאַנד, דער פאַרגלייך אויס צו גונסטען פון די שטעדט. אָבער וואָרדס־וואָרט האָט אפילו איבערגעשאַצט די באַדייטונג, וואָס די שילדע־רונג פון׳ם דאָרף־לעבען האָט געהאַט פאַר זיין אייגענער פּאָעזיע. ניט נאָר זיינען זיינע הויפּט־פּערזאָנען אין פיעלע פון זיינע בעסטע דיכטונגען (ווי אין „רות", „מיכאל", די ברידער") ניט אויסדריק־ליך פויערען אָדער דאָרף־איינוואוינער, נאָר אָפטמאָל האָט ער, דורך זיין נאַטוראַליסטישער ליידענשאַפט און זיין נייגונג צו מאַ־ראַליזירען דורך דער פאַרהערליכונג פון די אונטערשטע געזעל־שאַפטס־קלאַסען, פאַרבונדען וואָסערע עס איז פּראָפּעסיע מיט אַזעלכע פעהיגקייטען און אייגענשאַפטען, וואָס האָבען, נאָך אַלע וואַרשיינליכקייטען, מיט איהר גאָר ניט צו טאָן. עס איז אַ פּאַ־ראַדאָקסאָל, וואָס וואָרדסוואָרט פּרעדיגט מיט אַ געוויסער ליעבע אין זיין געדיכט „די עקסקורסיע", „אַז גרויסע דיכטער זיינען באַ־האַלטען אין די נידערגיסטע שיכטען" *) עס באַפרידיגט אויך זיינע עוואַנגעלישע אינסטינקטען צו דענקען, אַז טאַלאַנט איז אומ־אָפּהענגיג פון פאַרמעגען און גוטע אויסערע לעבענס־פאַרהעלטעני־שען. זאָל אפילו זיין, אַז ס׳איז אַזוי; אָבער איז דאָס ניט לעבער־ליך צו מאַכען אין אַ געדיכט דעם פּאָעט־העלד פאַר אַ קוימען־קע־רער און שפּעטער מיט ביאָגראַפישער גענויאיגקייט ערקלערען ווי

*) „אַ! פיעלע דיכטער פאַרזועט די נאַטור: מענער, וואָס זיינען באַגאַבט מיט דער העכסטער גייסטעס־קראַפט, מיט אַ נביא׳ישען בליק און מיט אַ געטליכען טאַלאַנט, נאָר עס פעהלט זיי די געשליפענע פיינע פערז־קונסט". (פּראָזא — איבערזעצער) די עקסקורסיע, בוך 1.

אזוי עס האָט זיך געטראָפען, וואָס דער העלד איז אין איין און דערזעלבער צייט א דיכטער, א פילאָזאָף און א קוימען־קערער? אזעלכע זעלטענע ערשיינונגען קען נאָר אן אמתע לעבענס־באַשריי־בונג ערקלערען. אין דער פּאָעזיע איז אזא איבערטריבענער נאַ־טוראַליזם אפשטויסענד, ווייל דער פאַל איז צו וועניג טיפּיש. און וואָס איז פאר אן אונטערשיעד צווישען אָט דעם פאַל און די פיעלע אנדערע, וואו וואָרדסוואָרט לאָזט ארויסזאָגען דעם פעדלער, דעם פּיאווקע־קלייבער און דעם פויער אזעלכע געדאַנקען, וואָס איבער־ראַשען אונז, ווען מיר הערען זיי פון אזעלכע מיילער? כדי צו באַ־ווייזען און רעכטפערטיגען זיינע כאַראַקטערען, איז וואָרדסוואָרט אָפט געצוואונגען צו דערצעהלען א גאַנצע רייה אומוויכטיגע און צופעליגע אומשטענדען, וואָס זיינען אפשר נויטיג אום פעסטצו־שטעלען א פאַקט, אינ׳ם ווירקליכען לעבען, וועלכע מיר וואָלטען אָבער א דיכטער מיט פארגעניגען מוחל געווען. דאָס קליינליכע רעכענען זיך מיט דער וואַרשיינליכקייט, די קליינליכע פּינקטליכ־קייט אין דער מאָטיווירונג איז ביי וואָרדסוואָרט׳ן אין העכסטען גראַד ערמידענד, באַזונדערס ווען די לאַנגע איבערגענג און באַ־שרייבונגען אין דער „עקסקורסיע”, וועלכע בייראָן האָט זעהר וויי־ציג כאַראַקטעריזירט אַלס דאָס אייביגע: „דאַ געהן מיר ארויף, דאָס געהן מיר אראָפּ, און דאַ געהן מיר ארום און ארום!“

וואָרדסוואָרט׳ס אויסוואהל פאַר זיינע טעמען פיהרט איהם צו א שפּראַך־אייגענטימליכקייט, וואָס קען באצייכענט ווערען אַלס די אויסערסטע ליטעראַרישע קאָנסעקווענץ פון׳ם נאַטוראַליזם. וואָרדסוואָרט שטעלט אויף די באַהויפּטונג: די שפּראַך וואָס ווערט גערעדט פון אָט דעם קלאַס, וואָס ער שילדערט, איז, ווען זי איז אויסגעבעסערט פון געוויסע פעהלער, די בעסטע וואָס עס קען גע־בען; די מענער און פרויען פון׳ם נידעריגען פאָלקס־קלאַס אויפ׳ן דאָרף זיינען אין שטענדיגען פארקער מיט די זאכען, פון וועלכע דער בעסטער טייל פון אונזער שפּראַך שטאַמט אָפּ; די איינפאַכ־קייט פון זייער לעבען און די באַשרענקטקייט פון זייער קרייז באַ־פרייט זיי פון׳ם איינפלוס פון דער סאָציאַלער אייטעלקייט, וואָס פיהרט דערצו כסדר צו זוכען און צו איבערלעגען די אויסדרוקען. וואָרדסוואָרט דענקט דערפאַר, אַז, היות ווי די שפּראַך איז די בע־

סטע, וועט עס זיין אוממעגליך פאַר אַ דיכטער צו געברויכען אַ בעסערע שפּראַך גאַנץ אונאָפּהענגיג דערפון צי ער שרייבט אין פּראָזאַ אָדער אין פערזען. אַזוי אַרום קומט וואָרדסוואָרט צו דעם באַקאַנטען און אינטערעסאַנטען פּאַראַדאָקס, אַז *צווישען דער פּראָזאַ־שפּראַך און דער מעטרישער קאָמפּאָזיציע איז קיין וויכטיגער אונטערשיעד ניט פאַראַן און עס קען אויך אַזעלכער אויך ניט זיין.* ווען ער וואָלט דערמיט געמיינט צו פּראָטעסטירען קעגען די אַלע לאַנגווייליגע און קלאַנגדיגע שפּראַך־פאַרדרעהונגען, וואָס קומען אַרוים אַפילו ביי פיעלע באַדייטענדע דיכטער דורך די געצוואונגענע ריימען און דעם מאַנגעל פון ריטמישען געפיהל, וואָלט איך מיט איהם פון טיעפען האַרצען איינגעשטימט. וואָס מיך אַנבאַלאַנגט, אונטערשרייב איך גערן דאָס קאַפּיטעל פון טעאָדאָר באַנוויל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פּאָעטיקאַ ליצענציאַ" און וועמעס אינהאַלט עס איז „עס זיינען קיינע פאַראַנען". אָבער וואָרדסוואָרט פאַרשטעהט אונטער זיין אויסדרוק גאַנץ עפּעס אַנדערש. ער באַהויפּטעט, אַז ניט נאָר מוז אין גרעסערע טיילען פון יעדען גוטען געדיכט די שפּראַך מיט דער אויסנאַהם פון דער מעטריק, זיין דיזעלביגע ווי אין פּראָזאַ, נור, אַז אַפילו אין די בעסטע טיילען פון די בעסטע ליעדער מוז די שפּראַך פאָלשטענדיג איבעראיינשטימען מיט'ן פּראָזאַ־סטיל. ווארים, זאָגט וואָרדסוואָרט, ווי אמת און לעבעדיג די שפּראַך פון'ם דיכטער זאָל ניט זיין, אָבער אַזוי אמת און אַזוי לעבעדיג ווי די שפּראַך פון דעם, וואָס געפינט זיך אין דער געדיכטעטער סיטואַציע קען זי קיינמאָל ניט זיין; מיט אַנדערע ווערטער, די שפּראַך פון'ם דיכטער קען קיינמאָל אַריבערשטייגען דעם פּראָזאַאישען אויסדרוק, זי קען זיך העכסטענס דערנעהענטערען צו איהם. מיט עכט ענגלישער עקשנות פאַרטיידיגט ער זיין דאָקטרין קעגען די אַנגריפען, וואָס זיינען אַרויסגערופען געוואָרען פון אַלע זייטען. מען האָט ציטירט אַלס מוסטער־געדיכט אינ'ם זין פון דער נייער פּאָעטיק, דזשאָנסאָן'ס בורלעסק־שורות, וואָס ער האָט פאַרפאַסט קעגען דעם באַלאַדען־סטיל:

„איך האָב אָנגעטאָן מיין הוט אויפ'ן קאָפּ און בין אַראָפּ צום

טייך, דאָרט האָב איך געטראָפען אַ מאַן, וואָס טראָגט דעם הוט אין דער האַנט" (פּראָזאַ — דער איבערז.)

דאָס איז ניט קיין פּאָעזיע, האָט מען באַהויפּטעט. וואָרדס־וואָרט איז דאָס מודה. אָבער, זאָגט ער, דאָס איז אַלס פּראָזאַ אויך ניט אינטערעסאַנט און עס פיהרט אויך ניט צו עפּיס אינטערעסאַנ־טען; דערפאַר איז דאָס ניט אין שטאַנד צו וועקען געפיהלען און געדאַנקען. „פאַר וואָס באַווייזען, אַז אַן אָפּ איז ניט קיין ניוטאָן, אַז ער איז גאָר אינגאַנצען קיין מענש ניט?" ער כאַראַקטעריזירט די אַלגעמיינע אַנזיכט מיט די ווערטער: אַז אַ שריפטשטעלער, ווייל ער שרייבט פּערזען, פאַרפּליכטעט זיך צו לעבען נאָך געוויסע גייסטיגע געוואוינהייטען, אָפּצוגעבען אַ פּלאַץ אין זיינע ווערק געוויסע קלאַסען פון אידעען און אַנדערע אויסשליסען. אַט דער אַנזיכט שטעלט ער אַקעגען זיין איבערצייגונג פון דער אידענטיטעט פון גוטער פּאָעזיע און גוטער פּראָזאַ. זי באַזירט אויף זיין אונצו־פרידענהייט מיט דער פּאָעטישער געמאַכטקייט און האָט אַזאַ ווירקונג אין זיין דיכטערישען שאַפען, אַז אָפט באַגרעניצט ער שטאַרק זיין אייגענעם פּאָעטישען סטיל, וואָס איז אַזוי מוסטערהאַפט און מייסטערהאַפט אין פילע באַציהונגען און אָפט זוכט ער איהם צו פאַרפלאַכען.

וואָס אַנבאַלאַנגט די פאַרהערליכונג פון דער שפּראַך פון'ם פּשוט'ן פאָלק אויפ'ן דאָרף, וועלכע וואָרדסוואָרט האָט געמאַכט פאַר זיין אויסגאַנגס־פונקט און וואָס דערמאָהנט אַביסעל אינ'ם קעכלען די פאָלקס־שפּראַך אין דענעמאַרק וואָס האָט זיך אָנגעפאַנ־גען פון גרונדוויג, איז דאַרויף דאָ אַ סך צו ענטפערן. ערשטענס, איז אַזאַ פויערן־שפּראַך ווי דער דיכטער פאַרלאַנגט — אַ גערייי־ניגטע פון פּראָווינציאַליזמען און אַן אויסגעבעסערטע נאָך די געזע־צען פון דער גראַמאַטיק — ניט אַנדערש ווי די שפּראַך פון יעדען פאַרשטענדיגען מענשען מיט דעם איינציגען אונטערשיד, וואָס דער פויער האָט וועניגער און דערצו אַביסעל אומקלאָהרע באַגרי־פען; דער פויער פאַרבלייבט איבער זיין ניט־ענטוויקעלטקייט ביי געצעהלטע פאַקטען, וואָס ער האָט גענומען פון זיין באַשרענקטער ערפאַהרונג אָדער פון זיין אַנגענומענעם גלויבען, אין צייט ווען דער געבילדעטער באַטראַכט דעם צוזאַמענהאַנג פון זאַכען און זוכט

אַלגעמיינע געזעצן. וואָרדסוואָרט דענקט, אַז דער בעסטער טייל פון דער שפּראַך שטאַמט פון די זאַכן, וואָס רינגלען אַרום און באַשעפטיגען דעם פּויער. אָבער אָט די פאָרשטעלונגען, וואָס דרעהען זיך אַלץ אַרום נאַהרונג, הויז, זיכערקייט, און באַלעבאַטיש־קייט זיינען זיכער נים דער בעסטער טייל פון דער שפּראַך. עס איז אויך אונריכטיג, ווי וואָרדסוואָרט טוט, פאַר אַ געוויסען גראַד פון ליידענשאַפטליכקייט, וואָס מען ענטדעקט אין אַ שפּראַך איהר צו געבען דעם עהרען־טיטול פּאָעטיש: די ליידענשאַפט באַשאַפט נים קיין נייע געדאַנקען און קיין נייעם וואָרט־אוצר, זי באַוועגט נאָר שטאַרקער און אין אַ העכערען גראַד דאָס, וואָס איז פאַראַן; זי קען קיינמאָל נים פאַרוואַנדלען די אומגאַנגס־שפּראַך אין פּאָעזיע, זי קען די אומגאַנגס־שפּראַך מיט שווערער נויט דערהויבען צו פּראָזע.

דאָס איז שוין אַזאַ מערקווירדיג נאַטוראַליסטיש פאַרבייטען ביי וואָרדסוואָרט, וואָס ער האַלט אין איין צוזאַמענמישען די באַגריפען „אומגאַנגס־שפּראַך“ און „פּראָזע“. די גוטע פּראָזע איז שוין ריין פון אָט דעם פּוסטען און זינלאָזען איבער׳חזר׳ן זיך, פון אָט די אונזיכערקייטען און שטאַמעלדיגע רעדענסאַרטען, וואָס עס ברענגט מיט זיך די האַלב־בילדונג. ליידער האָט וואָרדסוואָרט אַליין אומעטום אין זיינע לידער וואו ער האָט איינגעפיהרט אַ דראַמאַטישען עלעמענט, אַ היבשע ביסעל אַזעלכע ווידערהאָלונגען אויפגענומען. זיין פּלוצלינגער און פיינליכער איבערגאַנג פון זיין הויכען און עדלען סטיל צו פאַלשטענדיגער סטיל־לאָזיגקייט איז אויך צו פאַרדאַנקען זיין אומגליקליכער ליבע צו דער פלאַכסטער נאָכאַמונג פון דער נאַטור. אַ מוסטער פון אָט דעם סטיל קען זיין „דער בלינדער באַרג־אינגעל“.

פּאָעזיע איז, נאָך וואָרדסוואָרט׳ס דעפיניציע, די געמיטס־באַוועגונג אויסגעדריקט אין אַ רוהיגען צושטאַנד. איהר שטרע־בען איז נאָכצואַהמען די שפּראַך פון דער נאַטור. היות אָבער ווי דעם דיכטער׳ס אויפגאַבע איז נים איבערצוגעבען דעם אמת, נאָר צו פאַרשאַפען פאַרגעניגען, באַנוצט ער זיך מיט׳ן ריטם כדי צו מאַכען דעם לעזער אַ פּאָר קליינע אַנגענעהמע איבערראַשונגען. דער ריטם וועקט די נייגעריגקייט און באַפרידיגט, אָבער דאָס

געשעהט אויף אַזאַ'ן איינפאַכען אופן, אַז ער ציהט אויף זיך ניט קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. ער ווירקט שטאַרק אָבער אומבאַמערקט אויף'ן באַוואוסטזיין, ווי אַ קינסטליך פּראָדוצירטע אַטמאָספּערע אָדער ווי וויין ביי אַ שמחה. די שטענדיג אָנהאַל־טענדיגע רעגעלמעסיגקייט פונ'ם ריטם פאַרדעקט און שילדערט דעם ליידענשאַפטליכען אָדער אויפרעגענדען אינהאַלט פון דער ערצעהלונג און, דורך זיין טענדענץ צו דערווייטערען די שפּראַך פון דער ווירקליכקייט, גיט ער אריין אין דער קאָמפּאָזיציע אַ מין האַלב־באַוואוסטזיין פון איהר אומווירקליכקייט. אויסער אָט די דערמאָהנטע אונטערשידען איז אַפילו די בעסטע פּאָעזיע, נאָך וואָרדסוואָרט'ס מיינונג, אין קיין באַציהונג ניט אַנדערש ווי פּראָזא. ער פאַרגעסט זיך צו שטעלען די פראַגע: צו קענען ניט אַ גאַנצע רייהע פון אויסדרוקען, קאָנסטרוקציעס און געוועהנ־ליכע זאַצען זיין גאַנץ גוט פאַר דער פּראָזא־ערצעהלונג און אין דערזעלבער צייט זיין אוממעגליך אין דער פּאָעזיע; ער פאַר־געסט ווייטער זיך צו שטעלען די פראַגע צו איז ניט אין יעדען פּאַטעטישען געדיכט, וואָס איז אויך גאַר ניט געקינסטעלט, פאַראַן עפּעס אַ מין געביי און אַן אָרדנונג פון זאַצען אָדער אַ צוזאַמענ־שטעלונג פון רעדע־פיגורען, וואָס מען קען דאָס אין פּראָזא ־ סטיל אַבסאָלוט ניט געברויכען.

דער איינציגער פאַל, וואו מען קען זאָגען, אַז אַ גרויסער טייל פון דער שפּראַך פון דער בעסטער פּאָעזיע איז גלייך צום ווירק־ליכען לעבען, איז דער, וואָס זי האָט אין זיך אַזעלכע אויסדריקען, וואָס זעהר געבילדעטע מענשען באַנוצען זיך אַמאָל מיט זיי. אין טעגליכען לעבען איז אין דער שפּראַך דער צוזאַמענהאַנג אַ גאַנץ שוואַכער, ביי עפענטליכע רעדען קאָנצענטרירט זי זיך צו אַ געדאַנ־קען־צוזאַמענהאַנג און אין אַ געשריבענעם בוך שלענגעלט זיך דער אויסגעאַרבייטער זאַץ אַרום אין פאַרשידענע ווענדונגען. אין פערז קען די שפּראַך ניט זיין קיין צופיעל געקליבענע און אויך ניט קיין צופיעל קאָמפּאַקטע. דאָ הערשט די דאָקטרין, וואָס טעאָפיל גאָטיע האָט אויפגעשטעלט אין זיין וואונדער־שענעם גע־דיכט „די קונסט“:

„יאָ, די שאַפונג קומט אַרויס אַלץ שענער, וואָס שווערער די

פאָרם לאָזט זיך באַארבייטען, אויב דאָס זיינען פערזען, מאַרמאָר, אָניקס אָדער עמאַיל! קיין ליגנערישער צוואַנג! ווילסט דו, מוזא, געהען דעם גלייכען וועג, שטיוועל דיך אָן מיט די ענגע אַקטיאָרען־שטיוועל!" (פּראָזא — דער איב.)

דאָך ווי פיעל עס לאָזט זיך ניט מיט רעכט זאָגען קעגען דער פּאָעטיק, אָדער ריכטיגער, פּראָזאַאיק פון וואָרדסוואָרט — אַ טעאָריע, וואָס איז פון זיינע צייט־גענאָסען צוערשט אויפגענומען געוואָרען ווי זי וואָלט געהאַט די גלייכע באַדייטונג מיט'ן אַלטען העקסען־ליעד אין מאַקבעט: „שען איז העסליך, העסליך איז שען" — פאַר אונז איז זי אין אַ הויכען גראַד אינטערעסאַנט אַלס אַ פּרעציזער און קלאָרער אויסדרוק פאַר'ן ערשטען ליטעראַרישען עקסטרעם פונ'ם ענגלישען נאַטוראַליזם.

7.

נאַטוראַליסטישע ראָמאַנטיק, קאָלרידזש.

מיר האָבען פאַר אַ ווייל פאַרלוירען קאָלרידזש'ן פון אויג. ווען ער און וואָרדסוואָרט האָבען צווישען זיך איינגעטיילט די נייע דיכטונגס־אַרטען, איז אויף זיין חלק, ווי שוין פריהער דערמאָנט, אויסגעפאַלען דער היפוך פון דער אויפגאַבע פון וואָרדסוואָרט: צו באַהאַנדלען איבערנאַטירליכע זאַכען אויף אַ נאַטירליכען אופן. זיין אויפגאַבע האָט ער דערפיהלט אין זיינע בייטראַגען צו די לירישע באַלאַדען און באַזונדערס אין זיין קליינער זאַמלונג פון לידער, מיט וועלכע זיין גרויסער דיכטער־נאָמען איז פאַרבונדען.

סעמועל טיילאָר קאָלרידזש איז אַ דאָרף־קינד, אַ זון פון אַ פּרעדיגער און איז געבוירען אָקטאָבער 1772 אין דעוואָנשיר. פון 1782 ביז 1790 האָט ער באַזוכט די יעזוס־האָספּיטאַל שול אין לאָנדאָן. פון אָט דער צייט פאַנגט זיך אָן זיין פריינדשאַפט מיט אַן אַנדערען ענגלישען ראָמאַנטיקער, זיינעם אַ פאַרעהרער, טשאַרלס לעמב. פון 1791 ביז 1793 האָט ער אָהן אויסזיכטען און אָהן הילפסמיטלען געשטודירט אין קעמברידזש, וואו ער האָט זיך, דורך שולדען אָדער דורך אַן אומגליקליכער ליעבע, פּלוצלינג אָפּגעזעגענט מיט דעם אוניווערסיטעט און איז איינגעטרעטען אונטער'ן פּסעוו־דאָנים סילוס טיטוס קומבערבעט אינ'ם 15טען לייכטען דראַגונער רעגימענט. עס ווייזט אויס, אַז איהם האָט ניט געטריבען אין ערגיץ צו פאַרזוכען זיין גליק אַלס סאָלדאַט, ווי דאָס איז פריהער געשעהן מיט'ן דענער עוואַלד — ביי איהם איז דאָס געווען אויסשליסליך צוליעב דעם מאַנגעל אין מיטלען צום לעבען. ער איז טאַקע ניט מעהר אַלס פיער מאָנאַט געווען אַ דראַגונער. איינמאָל האָט ער אויף זיין זאָטעל אויפגעשריבען אין לאַטייניש פאָלגענדען זאַץ:

„א! ווי שרעקליך איז עס צו דענקען אין אומגליק, אז מען איז אמאָל געווען גליקליך!‟ דער קאַפּיטאַן האָט ביי דער געלעגענהייט באַמערקט זיין בילדונגס־שטופע און האָט זיך פאַר איהם פאַר־ווענדט ביי זיין פאַמיליע איהם מעגליך צו מאַכען דאָס צוריק־קעהרען קיין קעמברידזש.

באַלד נאָכדעם איז ער א קורצע צייט אויפגעטרעטען אלס אַן אַנטי־אַרטאָדאָקסער דעמאָקראַט און האָט זיך שוין צוליעב דעם אליין געמוזט אַרויסשלאָגען פונ׳ם קאָפּ יעדען געדאַנק וועגען אַן אוניווערסיטעטס־קאַריערע. איך האָב שוין דערמאָנט וועגען זיינע און סאוטיי׳ס פאַרהערליכונג פון ראָבעספּיער (דעם ערשטען אקט פון דער דראַמאַ „דער פאַל פון ראָבעספּיער‟ האָט קאָלרידזש געשרי־בען, דעם צווייטען און דריטען — סאוטיי). און זיינע קאָלאָניס־טען און קאָמוניסטען־פּלענער. אין דער קליינער אויסוואַנדערונגס־געזעלשאַפט, וואָס זיי האָבען געגרינדעט, זיינען געווען מיטגלידער נאָר קאָלרידזש, לאָוטיי, א יונגער קוויקער מיט׳ן נאָמען לאָוועל און א בחור׳על מיט׳ן נאָמען גערג באָרנעט, א שול־חבר פון סאוטיי. אָבער דער גאָט הימען האָט אַזוי געוואָלט, אַז אָט די געפּעהרליכע פּלענער פאַר דער געזעלשאַפט זאָלען אין יאָהר 1795 אין גאַנצען צושטערט ווערען. קאָלרידזש איז אָפּגעפאָהרען קיין בריסטאָל אום דאָרט צו האַלטען עפענטליכע פאָרטראַגען און האָט דאָרט אַרויסגעוויזען אזא באַרעדזאַמקייט, — עהנליך צו דער בישוף׳דיגער באַרעדזאַמקייט פונ׳ם נאָרוועגישען פּאָעט וועלהאַ־ווען — וואָס האָט, ווי עס שיינט, אַרויסגעזויגען א היבש ביסעל קראַפט פון זיינע פּאָעטישע ווערק. א יונגע דאַמע אין יענער שטאָדט האָט געוואוינען זיין האַרץ און נאָך אינ׳ם זעלביגען יאָהר האָט קאָלרידזש חתונה געהאַט מיט סאַראַ פריקער; איהרע שוועסטער עדיט און מערי פריקער האָבען פאַרביטען זייער שטאַם־נאָמען אויף די נעמען סאוטיי און לאָוועל און די רייזע קיין אַמע־ריקאַ האָט זיך געענדיגט דערמיט, מיט וואָס עס ענדיגט זיך גע־וועהנליך א קינדער־רייזע ביי קריסטיאַן ווינטער. ווי אַזוי האָט קאָלרידזש, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבען קיין ווילען ניט געהאַט, געקענט אויספיהרען אַזא וויט־געהענדיגען פּלאַן! ער, וואָס האָט קיין אַנדער זאַך ניט דורכגעפיהרט אין זיין לעבען נאָר דאָס, וואָס

ער האָט ניט באַשלאָסען, אָדער, וואָס האָט ניט געקענט באַשליסען נאָך זיין נאַטור נאָך!

אין יאָהר 1796 איז ער, דער לײדענשאַפטליכער יוניטאַריער, „איבערגערעדט" (ער ווערט תמיד איבערגערעדט) געוואָרען פון א פּאָר פילאַנטראָפּען ארויסצוגעבען א צייטשריפט מיט'ן נאמען „דער וועכטער", וואָס זאָל ענטהאַלטען 32 גרויסע זייטען און קאָס־טען בלויז פיער פּענעס. אויף דער אַבאָנענטען־איינלאַדונג האָט מען אויפגעשריבען דעם דעוויז: „וויסען איז מאכט". כדי צו זאַמלען אַבאָנענטען האָט ער, אַזוי יונג ווי ער איז געווען, געמאכט אַן אַגיטאַציאָנס־רייזע פון בריסטאָל קיין שעפיעלד. אויפ'ן גאנצען וועג אין אַלע גרויסע שטעדט איז ער אויפגעטרעטען אלס א ניט־פאַרמערישער פּרעדיגער אין א בלויען ראָק און א ווייסען זשילעט. ער האָט ניט געוואָלט אָנטון די געוועהנליכע פּרעדיגער־טראַכט, ווייל ער האָט ניט געוואָלט האָבען אויף זיך „קיין איינציג שמאַט־קעלע, וואָס דערמאָנט אָן דער באַבילאָנישער הורען־פּרוי". די שילדערונג, וואָס ער גיט אונז וועגען אָט דער רייזע, זיין אדיסיי, צייכענט אונז דעם יונגען ראָמאַנטיקער ווי ער איז געווען און ווי ער איז פאַרבליבען: וועלטליך אונקלוג, ענטוזיאַסטיש פאַר יעדער רעליגיעזער און פילאָזאָפישער האַלבקייט, אָבער הומאָר־פול אין דער אויפפאַסונג פון דער לעכערליכקייט פון אנדערע און אויך פון זיך אַליין.

„מיין ערשטער צוזאַמענשטוים איז געווען אין בירמינגהאַם, וואו איך האָב אָנגעטראָפען א שטרענגען קאַלוויניסט, א ליכט־גיסער פון פּראָפעסיע. דאָס איז געווען א לאַנגער, א דאַרער און איז געווען אויף אַזוי פיעל לענגער ווי ברייטער, אַז ער האָט געקענט דינען פאַר א שאַר־אייזען אין זיין אייגענער פאַבריקע. און דאָס פּנים! — רופט אויס קאָלרידזש — עס שטעהט מיר נאָך פאַר די אויגען. די גלאַטע, שוואַרצע און דראַטוועדיגע האָר, וואָס גלאַנצען פון פעטקייט און זיינען געשניטען אין א גלייכער ליניע מיט זיינע פּולווער־פאַרבינע אויגען־ברעמען, וואָס זעהען אויס ווי דער נאָכ־וואוקס ביי איינעם, וואָס האָט זיך פאַר אכט־טאָג געראַזירט. דער קאָלנער פון זיין ראָק איז געווען אין פולער איבעראיינשטימונג מיט'ן דיקען און קלעפּעדיגען שטאָף, וואָס ווערט ביי איהם אָנגע־

רופען האָר און וואָס פאַרקרימט זיך אַביסעל צום האַלז און נאַקען צו — די איינציגע פאַרמעסטונג אויף קיילעכדיגקייט אין זיין קאָפּ — און פאַרקריכט אין זשילעט אריין. זיין מאָגער, פינסטער און האַרט־בייז פּנים מיט די טיפע קנייטשען אויף דעם, האָט ביי מיר אַרויסגערופען אַן אומקלאָהרע פאַרשטעלונג. וועגען אימיצען, וואָס קוקט אַרויס צו מיר פון אַ בראַט־אייזען פול מיט סאַזשע, פעטס און אייזען. אָבער ער איז געווען אַן עכטער פול־בלוטיגער — אַן אמת'ער פריינד פון פרייהייט. און ער האָט, ווי מען האָט מיר דערצעהלט, צו דער צופרידענהייט פון אַ סך מענשען, באַוויזען, אַז ער איז געווען איינער פון די הערנער פון דער צווייטער חיה אין דער אנפּלעקונג, וואָס האָט גערעדט ווי אַ דראַק..." אַ האַלבע שעה צייט האָט קאַלרידזש איבער איהם גערעדט, איהם באַוויזען, באַשריבען, פאַרלויבט און פּראָפּעצייעט; ער האָט אָנגעפאַנגען מיט דעם צושטאַנד פון אונאָפּהענגיגקייט פון דער נאַציע און גע־ענדיגט מיט'ן נאָהענטען אָנקומען פון דער טויזענד־יאָהריגער מלוכה. דער ליכט־פאַבריקאַנט האָט איהם לאַנג און מיט לויבענס־ווערטער געדולד אויסגעהערט, כאָטש אינ'ם ריח, וואָס האָט זיך אַרום איהם געפיהלט, איז געווען צו דערקענען, אַז עס איז ביי איהם היינט גיס־טאָג, און צולעצט האָט ער גענומען דאָס וואָרט: „און וויפיעל וועט דאָס קאָסטען, מיין הערר?" — „נאָר פיער פענעס פאַר יעדען נומער, וואָס וועט ערשיינען אַלע אכט טאָג". — „דאָס מאַכט דאָך נישט־קשה פון אַ סומע ביז צום סוף פון יאָהר. און וויפיעל, האָט איהר געזאָגט, באַקומט מען פאַר'ן געלד?" — „צוויי און דרייסיג גרויסע זייטען, ענג געדרוקט" — „צוויי און דרייסיג זייטען! גאָט זאָל מיך אָפּהיטען! מיט דעם אויסנאַם פון דעם, וואָס איך לייען פאַר פאַר מיין פאַמיליע שבת, איז דאָס מעהר ווי איך לייען פאַר אַ גאַנץ יאָהר. איך בין אַזוי גוט ווי יעדערער אין ברומאַגען פאַר פרייהייט, אמת, און אַלע די געשיכ־טען, מיין הער, אָבער אין דעם פאַל, האָט מיר קיין פאַראיבעל ניט, מיין הער! איהר וועט מיר שוין מוזען מוחל זיין".

אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט דער ערשטער פאַרזוך פון קאַל־רידזש, צו זאַמלען רעקרוטען פאַר'ן קאַמף קעגען דער הייליגער דריי־איינקייט. דער צווייטער פאַרזוך אין מאַנטשעסטער ביי אַ

רייכען בוימוואָל גרויס־הענדלער, האָט געפיהרט דערצו, אַז יענער האָט איהם אָפּגעמאָסטען פון קאָפּ ביז די פיס און איהם געפרעגט צו ער האָט אָן אויספיהרליכע רעכענונג פון אָט דער סחורה. קאלרידזש האָט איהם דערלאנגט די אַבאָנענטען־איינלאדונג. נאָכדעם ווי ער האָט אַזוי מורמלענדיג געכאַפּט אַ קוק אויף דער ערשטער זייט און נאָך שנעלער אויף דער צווייטער און אויף דער לעצטער זייט, האָט ער צוזאַמענגעמיאטשעט דאָס פּאַפּיר, האָט עס נאָכדעם פאָרזיכטיג אויסגעגלייכט זייט קעגען זייט, עס אַריינגעלעגט אין טאַש און זיך געווענדעט צו קאלרידזש מיט די ווערטער: „כ'האָב מעהר ווי גענוג פון דעם אַרטיקעל!“ ער האָט זיך באַלד אומגעקעהרט מיט'ן רוקען צו קאלרידזש און זיך צוריקגעצויגען אין זיין קאַנטאָר. נאָך אַזעלכע ניט־געלונגענע פארזוכען האָט קאלרידזש אויפגעגעבען דעם געדאנק צו געווינען אַבאָנענטען איינציגווייז. דאָך איז ער צוריקגעקומען פון אָט דער מערקווירדיגער רונד־רייזע מיט כמעט טויזענד־נעמען אויף זיין אַבאָנענטען־ליסט. שוין דער ערשטער נומער איז, נאָך עכט קאלרידזשער אַרט, ערשינען צו שפּעט; דער צווייטער, וואָס האָט געהאַט אָן אָפּהאַנדלונג קעגען די יום־טובים, האָט אַוועקגע'פּטר'ט פינף הונדערט קאָנסערוואַטיווע אַבאָנענטען. די איבעריגע נומערען, וואָס האָבען ענטהאַלטען שטאַרקע אָנפאַלען אויף די פראַנצויזישע פילאָזאָפי און מאָראַל און אויף די, וואָס ווענדען זיך מיט זייערע פּרעדיגטען צו די אָרימע און אומוויסענדע אַנשטאַט זיך צו פאַרווענדען פאַר זיי ביי די רייכע און אַנגעזעהענע, האָבען אַרויסגערופען אונצופרידענהייט ביי די יאַקאָבינער און דעמאָקראַטען צווישען די אַבאָנענטען און אויך זיי האָבען זיך אָפּגעזאָגט דערפון. עס ווייזט אויס, אַז קאלרידזש וואָס דערצעהלט אונז אַליין אָט די פאַקטען, דענקט אַפילו ניט וועגען דעם, ווי נאַטירליך. אָט די שטראָף איז געווען פאַר זיין האַלבקייט — אַ האַלבקייט, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, קיינמאָל ניט צו ציהען די קאָנסעקווענצען פון זיין אייגענעם געדאַנק. ער איז געווען אַ האַלבער אויפ'ן פּאָליטישען געביט. און אויך אויפ'ן רעליגיעזען געביט איז ער ניט מעהר געווען ווי אַ האַלבער. ווען ער דערמאָנט זיך אַליין אַלס אַלטער מאַן אין יענער צייט, רופט ער אויס:

„מיין מוח איז געווען ביי שפּינאָזאַ, כאָטש מיין גאַנץ האַרץ איז געווען ביי פּאַול און יאָהאַנעס“. און ער וויל נאָך איצט פאַרכאַפּען און ברענגען דעם לעזער די אמת'ע באַווייזען פאַר דער עקזיסטענץ פון גאָט און דער דריי־איינינקייט, צו וועלכער ער האָט זיך אין זיין יוגענד ניט געקענט דערגריבלען. אַזוי ווי די וואָכענשריפט האָט מעהר ניט דערלעבט ווי אַ האַלב דוצען נומערען, איז קאָלרידזש געוואָרען אַ זשורנאַליסט, האָט צוערשט געשריבען קעגען דעם מיניסטעריום פּעט, שפּעטער — זיינע אַנזיכטען זיינען אַלץ מעהר און מעהר געוואָרען קאָנסערוואַטיוו — איז ער איינגאַנצען איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון'ם מיניסטעריום און צולעצט איז ער געוואָרען אַן אמת'ער פראַנצויזען־האַסער, באַזונדערס נאָכדעם ווי זיי האָבען באַזעצט שווייצאַריע. די אַנטי־פראַנצויזישע אַרטיקלען אין דער „מאָרגען פּאָסט“ האָבען אויף זיך געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון נאַפּאָלעאָן און אַרויסגערופען זיין צאָרן באַזונדערס צו קאָלרידזש אַלס זייער פאַרפאַסער. ביי זיין אויפענטהאַלט אין איטאַליע איז ער געווען אין געפאַהר, צו פאַרלירען זיין פרייהייט, ווען ניט די וואַרנונג פון'ם פּרייסישען געזאַנדטען ווילהעלם פון הומבאָלדט און דעם קאַרדינאַל פּעש, אַן אייגענער אָנקעל פון נאַפּאָלעאָן, דורך אַן אונטערגעאָרדענטען באַאַמטען.

אין יאָהר 1797, דאָסזעלביגע אין וועלכען ער האָט זיך באַקאַנט מיט וואָרדסוואָרט, איז אין פּאָעטישער באַציהונג דאָס ענטשיידענסטע יאָהר פון זיין לעבען, זיין א נ נ ו ס מ י ר א ב י ל י ס. און אָט דעם יאָהר האָט ער געשריבען זיין וועלט־באַריהמטע באַלאַדע „דער אַלטער מאַטראָס“, און זיין געדיכט־פראַגמענט „כריסטאַבעל“, וואָס האָט אָנגעפאַנגען אַ נייע עפּאָכע אין דער ענגלישער פּאָעזיע.

„כריסטאַבעל“ איז אַן איינלייטונג צו אַ ראָמאַן־סעריע, וואָס איז קיינמאָל ניט פאָרטגעזעצט געוואָרען. עס איז בלי ספק די ערשטע ענגלישע פּאָעמאַ, וואָס איז אין פולסטען זין דורכגעדרונגען פון'ם ראָמאַנטישען גייסט און האָט דערפאַר געמאַכט אַזאַ שטאַרקען איינדרוק אויף די דיכטער פון יענער צייט מיט'ן טאָן, מיט'ן אינהאַלט, מיט'ן כאַראַקטער און מיט דער פערז־באַהאַנדלונג. דער אונרעגעלמעסיגער און דאָך שעהן־קלינגענדער פערז־מעטער האָט

אזוי שטארק באאיינפלוסט וואלטער סקאָט, אז ער האָט איהם אָנ־געוועגדעט פאר זיין פּאָעמא „דאס ליד פון'ם לעצטען זינגער". ער איז אָפען מודה, אז ער האָט א סך צו פארדאנקען „דעם שעהנעם און אומדערגרייכבארען פראגמענט „כריסטאבעל", וואָס ער האָט, ווי אויך אנדערע דיכטער פון זיין צייט, געלייענט אין מאנוסקריפּט: קאָלרידזש האָט עס אין א משך פון צוואנציג יאָהר פאָרגעלייענט אין פארשידענע געזעלשאַפטען, ביז ער איז געוואָרען דאָס אייגענ־טום פון דער עפענטליכקייט. אויך בייראָן האָט זיך אויפ'ן זעל־ביגען ווי סקאָט באקאנט מיט אָט דעם ליד. בייראָן האָט שוין גע־האָט אָנגעשריבען זיין געדיכט „די באלאגערונג פון קארענט", ווען ער האָט געהערט פאָרלייענען „כריסטאבעל" און, אזוי ווי אין זיין געדיכט האָבען זיך געפונען א פּאָר פערזען עהנליכע צו די פון „כריסטאבעל" האָט ער שפּעטער באנוצט די געלעגענהייט צו זאָ־גען אין אַן ערקלערונג א פּאָר ווערטער וועגען דעם „ווילדען און מערקווירדיג אָריגינעלען און שעהנעם געדיכט". אז ניט אלע האָ־בען געטיילט די באוואונדערונג און באזונדערס די פארגעטערונג פאר אָט דעם מין דיכטער וואָרדסוואָרט'ן קען מען זעהן פון מאר'ס „לעבען אין זיין בריעף־פארקער". ער און דזשעפריי האָבען עס געהאַלטען פאר עפעקט־מאכעריי. (באנד 2, ז. 191 און באנד 4, ז. 48, פון מאר'ס מעמוארען) פאר דייטשע און דענישע לעזער, וואָס זיינען אזוי גרינדליך באקאנט געוואָרען מיט די מיסטעריען און יענע פּאָעטישע מאנירען דורך טיק און די ברידער שלעגעל און באזונדערס שפּעטער דורך אינגעמאן, האָט אָט דער פראגמענט א זעהר גרויסען אינטערעס. די גאנצע גרענצלאָזע נאאיוויטעט פון דער ערציהונגס־פאָרם און דאָס אבזיכטליך קינדרישע אין סטיל און טאָן איז פאר אונז דאָסזעלביגע, וואָס ווייס־ברויט איז פאר בעקער־קינדער. די העכסטע מעלה אין אָט דעם געדיכט איז, אָפּגעזעהן פון דער זיסער און ליעבער מעלאָדישקייט אין דעם, די אייגענטימ־ליכע קראפט מיט וועלכער די בעזע פעע איז דאָרט געשילדערט; דאָס אייגענטימליך דעמאנישע, וואָס איז ביז דאמאָלס אין דער ענגלישער פּאָעזיע אין ערגיץ נישט אזוי שטארק ארויסגעקומען. עס איז כדאי צו דערמאָנען, אז כאָטש דער ערשטער טייל איז שוין געשריבען געוואָרען אין יאָהר 1797 איז דאָך ניט נאָר דער צוויי־

טער טייל געשריבען געוואָרען אין יאָהר 1800, נאָר די גאַנצע זאַך איז דאַמאָלס באַאַרבייט געוואָרען, נאָכדעם ווי קאָלרידזש האָט גע־מאַכט מיט וואָרדסוואָרט אַ שותפות'דיגע רייזע קיין דייטשלאַנד און זיך דאָרט באַקענט מיט דער מאָדערנער דייטשער פּאָעזיע, מיט איהרע מיטעלאַלטערליכע קוועלען און איהרע נייסטע טענדענצען.

זיין צווייטעס הויפּט־ווערק איז געווען די באַלאַדע „דער אַל־טער מאַטראָס". דאָס איז נאָך געווען מעהר קינסטליך־נאַאיוו איג'ס סטיל און האָט געהאַט ביי דער זייט אַ פּראָזאַאישען איג־האַלטס־פאַרצייכניש, ווי די מיטעלאַלטערישע פאָלקס באַלאַדען, וואָס מען קויפט ווי פלוג־בלעטער אין די הינטער־גאַסען. דאָס האָט דערגרייכט די גרעסטע פּאָפּולאַריטעט פון קאָלרידזש לידער, כאָטש ווען עס איז ערשינען איז עס ביטער אָנגעגריפען געוואָרען. נאָך דער העכסט אפעקטירטער איינלייטונג (דריי מחותנים פאַר־געסען, אַז זיי דאַרפען געהן אויף דער חתונה איבער דער דערצעה־לונג פון אַן אַלטען מאַטראָס. אַזוי שעהן רעדט ער — „נאָך דערצו אויפ'ן גאַס", ווי פאַלשטאַף באַמערקט) קומט אַ געשפּענסטער גע־שיכטע מיט שוידערליכע שרעקען, וואָס זיינען פאַראורזאַכט גע־וואָרען דורך דעם, וואָס אַ לייכטזיניגער מאַטראָס האָט דער'הרג'עט אַ ים־פויגעל, ווען עס האָט זיך געוואָלט ראַטעווען אויפ'ן שיף. די גאַנצע מאַנשאַפט, מיט דער אויסנאַם פון אָט דעם מאַטראָס, ווערט באַשטראָפט מיט'ן טויט פאַר אָט דער אונגאַסטפריינדליכ־קייט. ניט לאַנג נאָכ'ן ערשיינען פון'ם געדיכט, האָט זיך די ענג־לישע קריטיק באַשעפטיגט, אַזוי דערצעהלט סווינבאַרן, מיט דער פראַגע: צי איז ניט די מאָראַל (אַז מען טאָר ניט שיסען קיין ים־פויגעל (?) ניט אַזוי שטאַרק, אַז זי איבערוועגט די פאַנטאַסטישע זייט פון'ם געדיכט. אַנדערע ווידער, האָבען גערעכענט, אַז דער חסרון אין'ם ליד איז דאָס, וואָס דאָרט איז פאַראַן ווייניג ווירק־ליכקייטס־מאָראַל און אין די לעצטע צייטען האָט אָט דער פונקט פאַראורזאַכט אַן עהנליכע מחלוקת צווישען פראַלעגראַט און יוליאַן שמידט.

די מאָדערנע קריטיק וואָלט גערן מוחל געווען דעם ליד און דעם דיכטער די „מאָראַל", ווען עס זאָל זיך נאָר געפינען דער פאַ־עטישער קערן. איך בין מיך מודה, אַז איך האָב איהם ניט געקענט

געפינען און "איך גלויב, אז איך וועל קענען דורך א פאַרגלייך באַ־ווייזען אין וואָס עס באַשטעהט דער גרונד־חסרון.

אין דער געדיכט־זאַמלונג מיט'ן נאָמען „ציייטלאָזע", פון'ם עסטרייכישען ליריקער מאַרעץ הארטמאַן, געפינט זיך אַ לאַנגער געדיכט, וואָס, כאָטש עס זאָגט ניט, אז עס איז א נאכאמונג פון קאַלרידזש'ס „דער אלטער מאַטראָז" האָט עס מיר דאָך אויפ'ן ער־שטען בליק אזוי אויסגעזעהן. עס באַוועגט זיך אין דערזעלבער מעטרישער פאָרם און דער סוזשעט איז דורכאויס עהנליך. עס טראָגט דעם נאָמען „דער קאמאא". דער פויגעל „קאַמאַאָ", וואָס פאַרנעמט אין'ם געדיכט דעמזעלביגען פּלאַץ ווי ביי קאַלרידזש די ים־ענטע, האָט זיך אין מיטעל־אַלטער אויפ'ן פּירענעאישען האלב־אינזעל געפונען אין יעדען הויז און איז, א דאנק א פאַרברייטער־טען אַבערגלויבען, שטאַרק פאַרעהרט געוואָרען. אַט דער פויגעל האָט געקענט לעבען נאָר אין אַזאַ הויז, וואָס איז ניט פאַרפלעקט געוואָרען דורך דער אומעהרליכקייט פון דער הויז־פרוי; אזוי באַלד ווי עס איז נאָר עפּעס וואָס עס איז געפאַלען א חשד אויף דער פרוי אין איהר געטריישאפט צו איהר מאַן, איז דער פויגעל געשטאָר־בען. געוועהנליך פלעגט זיין שטייגעל הענגען אין קאָרידאָר. אינ'ם געדיכט פון הארטמאַן דערצעהלט דער אלטער משוגע'נער מאַן, וואָס פאַרנעמט דאַ דעמזעלביגען פּלאַץ ווי ביי קאַלרידזש דער אַל־טער מאַטראָז, ווי אזוי ער פלעגט האָבען די ווילדעסטע ליידענשאַפ־טען פאַר דער פרוי פון זיין בעל־הבית ביי וועלכען ער איז געווען א פאַזש; ער פלעגט שטאַרק ליידען, און באַזונדערס דאַמאָלס ווען זי פלעגט איהם קאַלט צוריקווייזען, פון'ם געזאַנג פון'ם פויי־געל, וואָס האָט מיט זיין לעבען עדות געזאָגט אויף דער קיישהייט פון דער פרוי. איינמאָל קומט זיין בעל־הבית פון א קריגס־רייזע צוריק און ברענגט מיט זיך זיינעם א פריינד, א אינגען, שעהנעם זינגער־העלד, וועמען די באַלעבאָסטע נעהמט אויף זעהר גוט. דאָס רייצט שטאַרק די אייפערזוכט פונ'ם פאַזש און ער האַסט דעם זינ־גער. אין זיין ליבעס־משוגעת פאַר'מסר'ט ער פאַר'ן בעל־הבית די אונגעטריישאַפט פון די צוויי, אָבער זיין בעל הבית ענטפערט איהם גאַנץ רוהיג, אז דער קאמאאָ לעבט און זינגט גראַד איצט לכבוד עסטרעלא'ן. דאָ באַשליסט ער אין זיין ווילדער אייפערזוכט צו

נעמען נקמה און דער׳הרג׳עט דעם פויגעל. באַסקאַ דערשטעכט זיין פרוי — און זייט דאַמאָלס וואַלגערט זיך דער פאַרברעכער ארום נע ונד, אין א צושטאַנד פון משוגעת, פון לאַנד צו לאַנד און קען קיין מנוחה נישט געפינען פאַר זיין נשמה.

וואָס אנבאַלאַנגט אייגענטימליכקייט און ווירטואַזיטעט אין דער שפּראַך, קען מען דעם „קאַמאַאַ״ בשום אופן ניט פאַרגלייכען מיט׳ן „אַלטען מאַטראָז״; בנוגע אָבער צו דעם דיכטערישען קערן, שטעהט ער גיט נאָר גלייך הויך מיט׳ן „אַלטען מאַטראָז״ נאָר ער קריטיקירט נאָך אויסגעצייכענט קאָלרידזש׳ס באַלאַדע מיט׳ן גאַנצען אפעקטירטען ראָמאַנטישען אידעען-קרייז, פון וועלכען די באַלאַדע קומט ארויס. דאָ איז דאָס טויטען פון׳ם פויגעל אַן אמת-מענשליכע האַנדלונג, אויסגעפיהרט דורך אַן אמת מענשליכען מאָטיוו; דאָ איז די שטראָף פאַר׳ן רוצח קיין פאַנטאַזיע, נאָר א נאַטירליכער רעזולטאַט פון א שווערער זינד; דאָ איז דער אומגליק, וואָס דער טויט פון׳ם פויגעל פאַראורזאַכט באַסקאַ׳ס פרוי און איהם אליין, פאַרקניפּט מיט אַן אמת׳ער אורזאַכען-קייט אין דער צייט, ווען דער טויט פון די מאַטראָזען פאַר זייער אונגאַסט-פריינדליכקייט קעגען דעם ים-פויגעל איז אַן אומגעלומפּערטע ער-פינדונג. דאָ באַווייזט זיך גאַנץ קלאָר דער אונטערשייד צווישען אַן אמת פּאָעטישער באַהאַנדלונג פון די אבערגלויבישע פאָרשטעלונגען און ווי אזוי זיי ווערען ראָמאַנטיש באַהאַנדעלט. איןביידע דיכטונגען האַנדעלט עס זיך וועגען אַן אבערגלויבישער פאָרשטעלונג, און הארטמאַן מאַכט ניט דעם פאַרזוך זי צו צעשטערען דורך ראַציאָנאַליסטישע קריטיק, אָבער ער צווינגט זי אויף קיינעם ניט ארויף. די שעהנקייט פון זיין דיכטער-ווערק איז אין גאַנצען אונאַפּהענגיג דערפון צו דער לעזער גלויבט אינ׳ם מאַגישען איינפלוס פון׳ם קאַמאַאָ אינ׳ם וואולגאַרען זין פון׳ם וואָרט אָדער ניט. די ראָמאַנטישע אָנגעשרויפטקייט אָבער פּרעדיגט דעם יראת-הכבוד פאַר דעם מאַגישען און אונדערקלערליכען אלס דעם סך הכל פון דער לעבענס-קלוגקייט אין דער פּאָעזיע.

אויב דער „אַלטער מאַטראָז״ האַלט ניט אויס קיין פאַרגלייך מיט דער פּאָעזיע, וואָס האָט זיך שפּעטער ענטוויקעלט פון דער ראָמאַנטיק, שטעהט ער אָבער דאָך העכער פון כמעט אַלע שאַפונגען

פון דער דייטשער ראָמאַנטיק אַליין. דאָס ליד איז, מיט די אַלע ראָמאַנטישע פאָרשטעלונגען, דאָך אינספּירירט פון׳ם ים; פון׳ם אמת׳ן נאַטירליכען ים, וועמעס פאַרשידענע שטימונגען, מורא׳דיגען און שרעקעדיגען ערנסט עס שילדערט. דאָס פרישע ווינטעלע, די שוימעדיגע כוואַליעס, דער מורא׳דיגער נעבעל, דער הייסער קופּער-פאַרביגער הימעל מיט זיין בלוטיגער זון, אַט די אַלע ערשיינונגען זיינען עלעמענטען פון דער נאַטור. דער שרעקליכער יאָמער פון די, וואָס ווערען פאַרשלונגען ערגיץ אויפ׳ן ים, די הונגער-נויט; דער פאַרצערענדיגער דורשט, וואָס טרייבט די מענשען צו זויגען דאָס בלוט פון די אייגענע הענט; די בלייכע פּנים׳ער, דער שרעקליכער קאַמף מיט׳ן טויט — אַט די אַלע ערשיינונגען זיינען עלעמענטען פון דער ווירקליכקייט און געשילדערט מיט דער גאַנצער נאַטוראַליסטישער קראַפט פון אַן ענגלענדער.

אין גאַנצען ענגליש איז אויך דער שטריך אין קאָלרידזש, וואָס ער אַליין האָט געקענט אויסגעצייכענט זעהן די שאַטען-זייטען פון אַזאַ שאַפונג ווי זיין באַריהמטע באַלאַדע. די נאַציאָנאַלע גרונד-אייגענשאַפט, דער הומאָר, פאַרשאַפט איהם אין דער באַציהונג אַ סך גייסטעס-פרייקייט. עס איז אינטערעסאַנט צו הערען, וואָס ער אַליין דערצעהלט בנוגע צו זיין זעלבסט-קריטיק. אַ פּאָעטישער דילעטאַנט האָט אַמאָל געבעטען זיינעם אַ פריינד ער זאָל איהם באַקענען מיט קאָלרידזש. ווי נאָר אָבער ער האָט באַקומען דערצו די געלעגענהייט, האָט ער זיך אָפּגעהאַלטען, ווייל ער „מוז מודה זיין, אַז ער איז דער פאַרפאַסער פון אַ זעהר שאַרפען עפּיגראַם איבער׳ן „אַלטען מאַטראָז״ און, ווי ער ווייסט, האָט דאָס קאָלרידזש׳ן פאַרשאַפט אַ סך פאַרדרוס״. דער דיכטער האָט פאַרזיכערט זיין פריינד: ווען דער עפּיגראַם איז נאָר גוט, וועט עס איהם זיין אַ פאַרגעניגען זיך צו באַקענען מיט׳ן פאַרפאַסער און ער זאָל איהם דאָס פאַרלעזען. צו דער גרויסער ערשטוינונג און אַנגענעהמער איבערראַשונג פון קאָלרידזש האָט זיך עס באַלד ארויסגעוויזען, אַז דאָס זיינען געווען אַ פּאָר שפּעטערייען, וואָס ער אַליין האָט אָנגעשריבען און פאַרעפענטליכט אין „דער מאָרגען פּאָסט״. גיט מען נאָך צו דערצו, אַז קאָלרידזש אַליין האָט אָנגעשריבען דריי סאָנעטען אום אָפּצולאַכען פון דער אַפעקטירטער נאַאיוויטעט און

אומגעלומפּערטען ענגאַאיזם פון דער נייער ריכטונג און אז ער האָט די געקינסטעלטע פּראָזען דערצו גענומען פון זיינע אייגענע לידער, דאַמאָלס זעהט מען, אז ער האָט מיט אַ זעלטענער גייסטעס־אײַבערלעגענהייט געזוכט זיך צו באַפרייען פון דער פאַרפּלאָנטערטקייט פון אַ טעאָריע, וואָס איז געוועזן די שוואַכסטע זייט פון דער דייטשער ראָמאַנטיק.

פון דעסטוועגען האָט זיין גייסט באַקומען די קרעפטיגסטע און וויכטיגסטע נאָהרונג פון דייטשלאַנד. ער איז געוועזן דער ערשטער ענגלענדער, וואָס האָט זיך אריינגעריסען אין די וועלדער פון דער דייטשער ליטעראַטור, וואָס קיין פרעמדער האָט זיי נאָך נישט באַטראַכטען. דאָס איז געשעהן אַן ערך אין דער צייט, ווען פרוי פון שטעהל האָט געעפענט אַ וועג צו זיי פאַר די ראָמאַנטישע פעלקער. איידער ער האָט געשריבען זיינע פריהער דערמאָנטע באַריהמטע לידער, האָט ער אָנגעפאַנגען צו שטודירען דייטש און שילער און קאַנט האָבען איהם באַזונדערס צוגעצויגען. 1798 האָט ער מיט וואָרדסוואָרט צוזאַמען געמאַכט אַ ליטעראַרישע ענטדעקונגס־רייזע קיין דייטשלאַנד. אין האַמבורג האָבען די יונגע לייט באַזוכט דעם פּאַטריאַרך קלאָפּשטאָק, וואָס האָט אפילו געלויבט בירגער'ן, אָבער האָט גאַנץ קאַלט און צוריקהאַלטענד גערעדט וועגען דער אינגערער שול אין דער ליטעראַטור. ער האָט גערעדט וועגען קאָלרידזש'ס געטער, קאַנט און שילער, און האָט ערקלערט, אז ער קען „די רויבער" ניט לייענען. דערפאַר אָבער האָט ער אַ סך גערעדט וועגען „דעם משיח" און האָט זיך גע'כעס'ט פאַר דער שלעכטער ענגלישער איבערזעצונג פון איהם. קאָלרידזש האָט אין דייטשלאַנד אָנגעפאַנגען שטודירען אַלט־און מיטעל־הויך־דייטש, די מייסטער־זינגער אין האַנס זאַקס, און האָט, ווען ער איז אהיים געקומען, פאַרעפענטליכט אַ איבערזעצונג פון שילער'ס וואַלענשטיין, וועלכע בענדזשאַמין קאָנסטאַנט האָט געזאָלט באַארבייטען פאַר דער פראַנצויזישער ביהנע. שפּעטער באַזעצט ער זיך ביים „זעע" אין צפון־ענגלאַנד, וואו עס האָבען שוין פון פריהער דאָרט געוואוינט וואָרדסוואָרט און סאַוטיי און פון וועלכע די ליטעראַרישע שול, וואָס זיי האָבען נאָך'ן מיינונג פון זייערע צייטגענאָסען געגרינדעט, האָט באַקומען איהר נאָמען.

דער נאָמען האָט דערביי אזוי פּיעל געהאָט צו זאָגען, ווי ווען מען זאָל געוועזען 1830 אין דענעמאַרק אָנרופען הויך, אינגעמאַן, ווילסטער און פּעטער האָאַט מיט'ן נאָמען „סאַראַנער". די ענג־לישע דיכטער פון דער זעע־שול זיינען אזוי פאַרשידען געוועזען איי־נער פון'ם אַנדערען ווי עס זיינען געוועזען די דערמאָהנטע לעהרער אין סערע. אָבער די קריטיק האָט תמיד צוזאַמענגעשטעלט קאָל־רידזש מיט וואָרדסוואָרט און סאַוטיי, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז ער איז מיט זיי אין פריינדשאַפטליכע און אינטימע באַציהונ־גען. ער האָט באַנוצט יעדע געלעגענהייט זיי צו לויבען פּונקט ווי זיי האָבען איהם ביי יעדער געלעגענהייט געלויבט. מען האָט זיי נאָך דערפאַר צוזאַמענגעשטעלט, ווייל קאָלרידזש און די אַנדערע מיטגלידער פון דער זעע־שול זיינען אין „קוואָרטערלי רעוויו" אַלע פּערטעל יאָהר באַקראַנצט געוואָרען מיט פרישע לאָרבערען און דער זינדיגער בייראָן מיט פרישע דערנער. דער רעזולטאַט דערפון איז געוועזען, אַז ווען די קריטיק פלעגט אָנפאַלען אויף וואָרדסוואָרט און סאַוטיי האָט זי שוין אויך מיטגענומען קאָלרידזש'ן, כאָטש ער האָט גאָר ניט פאַרעפענטליכט. דער פאַקט, אַז די זעע־שול האָט גע־שטרעבט, (ווי די פּרע־ראַפּוועליטען און די נאַצאַרענער אין דער מאַלעריי) צו פאָלשטענדיגער פאָעטישער פאַרטעמפונג, צו פאָל־שטענדיגען קינדער־זין און קינדער־גלויבען, צו פאָלשטענדיגער פּריסטערליכער פרומקייט און זאַלבונג, האָט פאַראַנלאַסט די שאַר־פע קריטיק צו פאַרשפּאָטען דעם, וואָס איז באַטראַכט געוואָרען אַלס דער טעאָרעטיקער פון דער שול. נאָך אַלס בחור'ל האָט קאָלרידזש אין זיין געדיכט „פייער, הונגער און שלאַכט" געלאָזט ענטפערען יעדע פון אָט די שרעקליכקייטען איינע נאָך דער אַנדערער אויף דער פראַגע „ווער הייסט אייך ווילד זיין?" מיט'ן שרעקליכען רעפריין, וואָס באַציהט זיך אויף פּיט:

„דערזעלביגער, דערזעלביגער, פון פיער אותיות באַשטעהט זיין נאָמען. ער האָט מיך ארויסגעלאָזט אויף דער פרייקייט און האָט אויסגערופען הורא! איהם אליין דאַרף מען דאַנקען" (פּראָזא — דער איבערז.)

נאָכדעם איז ער געוואָרען פּיט'ס געטרייער זשורנאַליסט און, ווי אַלע אַנדערע מיטגלידער פון דער זעע־שול, א שטרענגער טאָרי,

אַ פּיינד פון ליבעראַלע אידעען אויפ'ן שטאַאַטס־געביט ווי אויך אויפ'ן געביט פון דער קירך. דערפאַר איז אויך קיין וואונדער ניט, וואָס די ליבעראַלע פּאַרטיי האָט איהם ניט אויפגעהערט אָנצוגרייפען מיט אַנדערע צוזאַמען. און דאָך וואָלט עס געווען אַזוי נאַטירליך, ווען מען טיילט איהם אָפּ פון די אַנדערע און מען גיט איהם זיין כבוד, וואָס געהערט איהם פאַר זיין אָריגינאַליטעט. דאָס ביסעל לידער, וואָס ער האָט געשריבען אין פאַרלויף פון זיין כמעט־לאַנגען לעבען, צייכענען זיך אויס מיט אַ וואונדערבאַרער מעלאָדיע אין דער שפּראַך; זייערע האַרמאָניען זיינען ניט נאָר פיין און שמייכלען דעם אויער ווי עס איז ביי שעלי, נאָר זיי זיינען קאָמפּליצירט צוזאַמענגעשטעלט און זיינען רייך מיט אַן אייגענטימליך שווערער אינהאַלטס־פולער זיסיגקייט. יעדע שורה האָט דעם געשמאַק און דאָס געוויכט פון אַ האָניג־טראָפּען. אין אַזעלכע לידער ווי „לובע" און „למוטי" — טאַקע די ליעבליכסטע פון זיינע ליעדער. — אין אַזאַ אָריענטאַלישער פאַנטאַזיע, ווי „קומבלא קיאַן", וואָס איז ענטשטאַנען פון אַ חלום, הערט מען ווי קאָלרידזש'ס נאַכטיגאַל־שטים פלייטעט, רייצט, טרילערט און זינגט מיט אַלע הערליכסטע און רייכסטע טאָן־וואַריאַציעס, וואָס אַ פליגעל־האַלז קאָן.

וואָס אַנבאַלאַנגט שפּראַך־האַרמאָניע, איז שעלי אין פאַרגלייך מיט קאָלרידזש, ווי סואַנבאַרן האָט טרעפליך באַמערקט, ווי ווען מען זאָל פאַרגלייכען אַ לערך צו אַ נאַכטיגאַל. אָבער קאָלרידזש'ס פּאָעזיע איז פונקט אַזוי אונפּלאַסטיש ווי מעלאָדיש און פונקט אַזוי ליידענשאַפטס־לאָז ווי וואויל־קלינגענדיג. זי איז ריין ראָמאַנטיש־פאַנטאַסטיש, ד. ה., זי ברייננט ניט אַרויס קיין ענערגיש געגיעבטען פּערזענליכען לעבען און ווייזט אויך ניט אַרויס קיין באַאָבאַכטונג פאַר דער אַרומיגער וועלט. אין דער באַציהונג איז אינטערעסאַנט דער פאַקט, אַז קאָלרידזש'ס גרויסע רייזע אין דרום האָט גאָר ניט איינגעבראַכט זיין פּאָעזיע. די איינציגע פרוכט, וואָס ער האָט געבראַכט אַ היים, דעם הימן „פאַר זונען־אויפגאַנג אין טאָל שאַמוני", וואו זיין פוס איז קיינמאָל ניט געווען, איז אַ איבעראַרבייטונג פון דער טאָל־באַשרייבונג פון דער דיכטערין פרידיריקע ברון, וואָס איז אַזוי גוט באַקאַנט אין אונזער ליטעראַטור. זיין היסטאָרישער חוש איז פונקט אַזוי אומבאַדייטענד געווען ווי זיין

לאָקאלער, ער אליין זאָגט: „דער ליעבער סער וואָלטער סקאָט און איך זיינען געווען דיאמעטראל, הארמאָנישע הפוכים: יעדווידע חורבה, יעדוועדער בערגעל, טייכעל, אָדער בוים ־ וואָרצעל האָט ארויסגערופען אין זיין געמיט א גאנץ חיל פון היסטאָרישע און ביאָגראפישע אידעען־פארבינדונגען... איך אָבער, אזוי גלויב איך, וואָלט געקענט געהן אפילו אינ׳ם טאָל פון מאראטען און ניט פיהלען דערפאר מעהר אינטערעס ווי פאר יעדען עהנליכען טאָל. טשארלס לעמב האָט געשריבען אַן אָפּהאנדלונג איבער א מאַן, וואָס האָט געלעבט אין דער פארצייט — איך האָב וועגען דעם געטראכט צו געבען דערצו אַן אָפּהאנדלונג איבער א מאן, וואָס האָט איבערהויפּט ניט געלעבט אין דער צייט, נאָר אין דרויסען פון איהר אָדער לעבען איהר”. זיין פּאָעזיע באשטעהט דערפאר אין בוכשטעבליכען זין פון וואָרט פון חלומות; אָט דאָס ליד, וואָס די בעסטע קענער שעצען ביי איהם אם העכסטען, האָט ער קאָמפּאנירט אין חלום שלאָפענדיג.

זיין אייגען לעבען איז געווען אזוי ווילענלאָז און פּלאַן־לאָז ווי א חלום. זייענדיג א פוילער פון דער נאטור, האָט ער, וואָס מעהר ער איז עלטער געוואָרען, אלץ מעהר באקומען די נייגונג אָפּצולעגען זאכען אויף שפּעטער און אָט דאָס אָפּלעגען פון איין טאָג אויפ׳ן אנדערען, (וואָס די ענגלענדער רופען „פּראָקרעסטינייישאָן”) האָט איהם פאראורזאכט אזוי פיעל שוועריגקייטען, אז ער האָט זיי מיט זיין שוואכער ארבייטס־קראפט ניט מעהר געקענט באהערשען. כדי צו מילדערען זיינע קערפּערליכע ליידען, האָט ער זיך געהאָלפען מיט אָפּיום. און האָט זיך שפּעטער אזוי ארייגעלאָזט אין דעם, אז דאָס האָט איהם נאָך אין א גרעסערען מאָס געהינדערט אויסצופיהרען עפּעס א פלאַן. א לאנגע צייט האָט ער געפיהרט א נע־ונד׳ען לעבען, וואו ער פלעגט זיך אָפּטמאָל אויפהאלטען ביי זיינע פריינד און דאָ און דאָרט האלטען א ליטעראטור־געשיכטליכע פאָרלעזונג אָדער געשריבען פאר א צייטשריפט. שפּעטער האָט ער, זייענדיג אונפעהיג צו זיין אליין דער בעל־הבית איבער זיין אייגען לעבען, זיך איבערגעגעבען אין די הענד פון א דאָקטאָר מיט׳ן נאָמען גילמאן, אונטער וועמעס אויפזיכט ער האָט געלעבט אין פּרייוווּליגער אָפּזונדערונג פון זיין פאמיליע, וועלכע ער האָט איג־

גאַנצען איבערגעגעבען צו זיין פריינד און שוואָגער סאוטיי, ער זאָל זי באַזאָרגען. נאָכ'ן אָפּיום־רויש איז געקומען דער קאַצען־יאַמער פון חרטה, זעלבסט־פאַרוואורפען, און מעהר און מעהר אָר־טאָדאָקסישע רעליגיאָזיטעט. וואָס ער שרייבט אין אָט דער פּע־ריאָדע האָט דעם איינציגען צוועק, צו באַווייזען דעם היפוך פון דער אפּקורסות אין זיין יוגענד, און צו פאַרטיידיגען אין דער דאָג־מאַטיק די דריי־איינינקייט און אין דער פּאָליטיק די ענגלישע שטאַאַטס־קירך קעגען אַלע קריטישע אנגריפען. עמערסאָן שיל־דערט איהם אונז, נאָך א באַזוך וואָס ער האָט ביי איהם געמאַכט, אלס „אַלט און פול מיט פּאָראורטיילען", ענטריסטעט איבער די אומפאַרשעמטקייט וואָס א פּאָר גלחים באַווייזען דערמיט, וואָס זיי וואַגען באַשטרייטען די דריי־איינינקייט פון פּאַאולוס, וואָס איז, יאָהרהונדערטען לאַנג געבליבען אומבאַשטריטען. ער דערצעהלט אז קאָלרידזש'ם רעדע איז פול מיט באַנאַליטעטען פון אַן אַלטען מאַן.

אכטצעהן יאָהר פון זיין לעבען זיינען אַוועק ביי איהם מיט חלומות, קאָנפערזאַציאָנען און מיט דער פאַרפאַסונג פון מאָראַל־פרעדיגענדע בראָשורען. זיין איינפלוס אין פאַרלויף פון יענער פּעריאָדע האָט ער מעהר געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין אָנטרייבען אַנדערע צום שאַפען ווי זיין אייגענעם שאַפען. ער האָט ערמוטיגט און אָנגעטריבען אַנדערע צו פּראָדוקציע. ער האָט געלעבט ניט ווייט פון לאָנדאָן און, זייענדיג באַקאַנט מיט זיין אונטערהאַלטונגס־טאַלענט, האָט ער צו זיך כסדר צוגעצויגען די שריפטשטעלער זיי זאָלען איהם באַזוכען. אין געשפּרעכען מיט אַזעלכע מענער ווי טשאַרלס לעמב, וואָרדסוואָרט, סאוטיי, לעג הענט, האַצלעט און קאַר ליעל איז ער געווען א צושויער פון'ם לעבען גראַד אין די יאָהרען, ווען די גייסטער פון דער ענטגעגענגעזעצטער ריכטונג, שעללי און בייראָן, האָבען מיט טעמפּעראַמענטפולער קראַפט געקעמפט קעגען אָט דער פּאָליטישער און געזעלשאַפטליכער אָרד־נונג, פון וועלכער ער איז געווען איבערצייגט, אַז זי איז אויסגע־צייכענט גוט. אין דער צייט, וואָס ער, זייענדיג אַליין ווילענלאָז און אונטערוואַרפען אונטער א דיסציפּלין ווי א קינד, האָט געלאָזט פון אַנדערע קאָנסערווירען זיין לעבען און זיך אַליין דערביי ענטווי־

קעלט צו זיין א קאָנסערוואַטאָר, האָבען די ביידע גרויסע פריי־הייטס־דיכטער, זייענדיג פארשטויסען פון זייער היים און איבער־געלאָזט צו זייער אייגענער פערזענליכער ענערגיע, ענטוויקעלט אין זיך דאָס העכסטע זעלבסטשטענדיגקייטס־געפיהל, וואס האָט זיך אמאָל באוויזען אין דער געשיכטע פון דער פאָעזיע. ווייל זיי אליין און אויך קיין אנדערע האָבען ניט געזאָרגט פאר דעם, אז זייער לעבען זאָל קאָנסערווירט ווערען, זיינען זיי אין ליידענשאפט־ליכען קאמף ארוים פון די כחות און פאר דער צייט געגאנגען פון דער וועלט. די פרייהייט פון פאָרשונג און די פרייהייט פון'ם אינדיווידיום איז פאר זיי געווען אזא טייערער אוצר ווי פאר איהם די קירך פון ענגלאנד.

.8

דער פרייהייטס־באַגריף פון דער זעע־שול.

געוויס איז קאָלרידזש׳ן ווי אויך די אנדערע מיטגלידער פון דער שול אפילו אין זין ניט געקומען, זיך ניט צו באַטראַכטען אלס ווארעמע פריינד פון דער פרייהייט; עס איז שוין פארביי די צייט אין וועלכער רעאַקציאָנערען האָבען זיך באַטראַכט פאַר עפּעס אנדערש: קאָלרידזש האָט געשריבען זיין שענסטע ליעד, די אדע „פראַנקרייך“, אלס א הימן פאַר דער פרייהייט. דאָרט נעמט ער די וואָלקען, די כוואַליעס און די וועלדער פאַר עדות, אז ער האָט זיי פון תמיד אָן ליעב געהאַט. װאָרדסוואָרט האָט געווידמעט דער פרייהייט צוויי גרויסע גרופּען פון זיינע לידער און האָט זיך באַטראַכט אלס דער אויסדערוועהלטער פאַרטיידיגער פון דער פרייהייט. ווען מען לייענט אויבערפלעכליך, קען מען אָט די דיכ־טער באַטראַכטען פאַר אַזוי פרייהייטס־ליעבענד ווי מאָר, שעלי אָדער בייראָן. אָבער אַפילו דאָס וואָרט פרייהייט האָט ביי יענע אין מויל אַן אנדער באַדייטונג אלס ביי די. מען מוז עס, אום עס רעכט צו פאַרשטעהען, אַנאַליזירען מיט די צוויי איינפאַכע פראַ־גען: פרייהייט — פון וואָס? פרייהייט — צו וואָס?

פרייהייט איז ביי אָט די קאָנסערוואַטיווע דיכטער א באַשטימ־טע זאַך, וואָס ענגלאַנד באַזיצט און אייראָפּא פעהלט עס: דאָס איז דאָס רעכט פון א לאַנד, זיך אַליין אָהן א הערשער צו רעגירען, ראשית כל אָהן א הערשער פון א פרעמדען שטאַאט. אָט דאָס לאַנד, וואָס באַזיצט א פרייווילעגיע איז פריי. אונטער פרייהייט ווערט, ווי מיר זעהען, אין אָט דעם לאַגער פאַרשטאַנען פרייהייט פון פרעמדער פּאָליטישער דעספּאָטיע; פון פרייהייט צו עפּעס איז, אזוי צו זאָגען, דאָ גאָר קיין רעד ניט פאַראַן. עס איז אינטערע־

סאַנט צו וואַרפֿען אַ בליק אויף וואָרדסוואָרט'ס פֿרייהייטס־סאָנעטע און זעהן, וואָס ער באַזינגט. ער באַזינגט די מלחמות פֿון די איירָאָפּעאישע פֿעלקער־שטאַמען קעגען נאַפּאָלעאָן, וואָס ווערט באַצייכענט אַלס אַ מין אַנטיכריסט. (סקאָט רופֿט איהם אָן „דער טייפֿעל אויף זיין פֿלאַמען־טראָן").

דער דיכטער טרויערט ביי דער ערָאָבערונג פֿון שפּאַניען, פֿון דער שווייץ, פֿון ווענעדיג און טיראָל. ער באַזינגט דעם מוטיגען האָפֿער, דעם בראַווען שיל, דעם שטאַרקען טוסיין־לאָוועורטיר, וואָס האָבען עס געוואָגט זיך אַקעגען צו שטעלען די מאַכט־האָבער. ער באַזינגט ניט ווייניגער גוסטאַוו דעם פֿיערטען, אַדאָלף פֿון שוועדען, וואָס האָט מיט ראָמאַנטיש־ריטערליכער טאַלאַנטלאָזיגקייט ערקלערט קריעג נאַפּאָלעאָנען און אָפֿען אַרויסגעזאָגט זיין חלום וועגען דער אויפשטעלונג פֿון דער בורבאָנישער הערשאַפֿט. קורץ נאָכדעם האָבען זיך אויך וויקטאָר הוגאָ און לאַמירטין, אַלס אַנהענגער פֿון דער נייער מאָנאַרכיע, אַ נעם געטאָן באַזינגען אָט דעם קעניג צוזאַמען מיט זיין זון גוסטאַוו וואַזאַ. פֿון נאַפּאָלעאָן טראָגט זיך אַריבער דער האַס אויף פֿראַנקרייך. אין איינעם פֿון זיינע סאָנעטען דערצעהלט וואָרדסוואָרט, ווי אַזוי דער קאַנאַל צווישען ענגלאַנד און פֿראַנקרייך האָט איהם איינמאָל פֿאַר אַן אויגענבליק אויסגעזעהן אַזוי שמאָל ווי אַ דאָרף־טייך און ווי עס פֿאַלט אויף איהם אַ פּחד אַז ענגלאַנד קען נאָך אַמאָל צוזאַמענגעוואַקסען ווערען מיט יענעם אומגליקליכען לאַנד; אָבער ער דענקט וועגען דעם ווי גרויס די ענגלישע פֿאָלקס־נשמה איז און ווי קליין די פֿראַנצויזישע איז, און ער שטאַרקט זיך דערמיט. אין אַן אַנדער סאָנעט פֿרעהט ער זיך זעהר מיט'ן געדאַנק, אַז ענגלאַנד האָט אַרויסגעגעבען באַדייטענדע מענער און באַדייטונגספֿולע ביכער און באַמערקט אַז פֿראַנקרייך איז דער היפּוך דערפֿון, האָט ניט אַרויסגעבראַכט „איין איינציגען באַדייטענדען באַנד און ניט איין איינציגען שאַפֿונגס־גייסט", נאָר „דאָרט פּיקלט זיך אַ גרויסער מאַנגעל אין ביכער און אין גרויסע מענער".

דערפֿאַר קומט ער אויך כּסדר צוריק קיין ענגלאַנד; זיינע סאָנעטען זיינען אַ לאַנגע ליעבעס־ערקלערונג צו דעם לאַנד, פֿאַר וועלכען ער עמפּפֿינדעט ווי אַ „ליעבהאָבער און אַ קינד"; דאָס

לאַנד אויף וועלכען עס קאָנצענטרירען זיך איצט „אַלע האָפנונגען פון דער ערד". אין זיינע דיכטונגען באַגלייט ער זיין פאַטערלאַנד ביי זיינע מלחמות און שרייבט, ווי סאוטיי, א לויב־געזאַנג אויף יעדען נצחון. דערפאַר ענדיגען זיך אויך זיינע פרייהייטס־סאָנע־טען מיט דער גרויסער אויפגעבלאָזענער דאַנק־אָדע פאַר דער שלאַכט ביי וואַטערלאָ. מיר פרעגען אונז אין איצטיגע צייטען, וואָס פאַר א מין פרייהייט האָט געבראַכט די שלאַכט פון וואַטערלאָ? מיר באַגרייפען אָבער פאָלקאָמען, פאַר וואָס אַט די גרופּע פון דיכ־טער, וועמעס העלדען עס זיינען געוועזן די נאַציאָנאַל־העלדען פּעט, נעלסאָן און וועלינגטאָן, און וועלכע האָבען באַזונגען די ענגלישע קאָנסטיטוציע אַלס די פרייהייט אַליין און דעם ענגלישען שטאַאַט אַלס מוסטער פאַר אַלעמען, פאַר וואָס אַט די גרופּע דיכטער האָבען דערגרייכט אַזא גרויסע פּאָפּולאַריטעט אין פאָלק, וואָס עס האָט זיך קיינעם פון זייערע גרויסע פּאָעטישע געגנער נישט איינגעגעבען ביז אויף היינטיגען טאָג. פאַר וואָרדסוואָרט און זיין שול איז דאָס פאָלק, ווי עס שטעהט און געהט, געוועזן א אידעאַל. די אַנדערע האָבען געוואָלט צווינגען דאָס פאָלק צו שענקען די אויפמערקזאַמ־קייט א נאָך־ניט־דערגרייכטען, יאָ, אפילו נאָך־ניט־באַשטימטען אידעאַל. די ערשטע גרופּע האָבען געשמייכעלט דעם פאָלק און זיינען דערפאַר באַלוינט געוואָרען מיט לאָרבערען; די צווייטע — האָט ערצויגען און גע'מוסר'ט דאָס פאָלק און דערפאַר פאַר־שטויסען געוואָרען פון איהם.

אין דער צייט, ווען דער עהרען־פּלאַץ אַלס קעניגליכער הויף־פּאָעט איז אָנגעבאָטען סקאָט'ן און באַקליידט געוואָרען אי פון סאוטיי, אי פון וואָרדסוואָרט, האָט דאָס ענגלישע פאָלק ביז היינט נאָך ניט עפּענטליך יוצא געוועזן זיין פליכט צו שעלי און בייראָן *).

די סבה דערפון איז דאָס וואָס זייער פרייהייטס באַגריף איז אַזוי פאַרשיידען פון דעם פון דער זעע־שול. פאַר זיי איז די

---

*) ערשט אין נייערער צייט (1875) האָט דער פּרעזידענט פון'ם בייר־ראָן־מעמאָריאַל־קאָמיטע דיזראַעלי אָנגעפאַנגען אונטער זיין לייטונג א זאַמלונג פאַר א דענקמאַל פונ'ם דיכטער. דאָס דענקמאַל איז 1881 אוועק־געשטעלט געוואָרען אויף איינעם פון די עפענטליכע פּלעצער אין לאָנדאָן.

פרייהייט אידעע אין אַ לאַנד ניט געווען אין דער פאַרפאַסונג, איז איבערהויפט ניט געלעגען ווי אַ פאַרטיגע זאַך. פאַר זיי האָט זיך אויך ניט רעאַליזירט דער קאַמף פאַר פרייהייט און דעם עגאָאיסטי־שען קאַמף געגען דעם רעוואָלוציאָנערען עראָבערער: זיי האָבען גוט געוואוסט ווי פיעל פּאָליטיש און סאָציאַלע פרייהייט עס קען הערשען אונטער איין אַזוי־גערופענער „פרייער" קאָנסטיטוציע. ניט זייענדיג אויפגעלייגט צו זינגען לויב־געזאַנגען דער מענשהייט ווי ווייט זי האָט דאָס געבראַכט, אין זייערע לאַנדסלייט, ווי ווייט זיי האָבען דאָס געבראַכט, האָבען זיי אונטער דעם אַזוי־גערופענעם פרייהייטס רעזשים עמפונדען אַ טיעפעם באַדערפעניש נאָך פריי־הייט אין אַלע הינזיכטען: צו דענקען ניט רעכענענדיג מיט דאָגמא און צו שרייבען ניט שמייכלענדיג דער עפענטליכער מיינונג, צו האַנדלען אַזוי ווי זייער אייגענע אידיווידואַליטעט דיקטירט זיי און ניט אונטערוואַרפען צו זיין דער קאָנטראָל פון די וואָס, ווייל זיי אַליין זיינען ניט קיין פערזענליכקייטען, זיינען זיי די אומ־באַרמהערציגע ריכטער פון די כאַראַקטער־חסרונות וואָס געהען האַנד אין האַנד מיט זעלבסטשטענדיגקייט, אָריגינאַליטעט און זשעניאַליטעט.

זיי האָבען געזעהן אַז אַ הערשענדע קאַסטע האָט אונטער דער פרייהייט געלינגערט, האָט אויסגעזויגען און באַרויבט, האָט אונ־טערדריקט, אין קייטען געבונדען און פונקט אַזוי געהאַנדעלט ווי דער זעלבסט־הערשער פלעגט דאָס מאַכען מיט זיין אונבאַשרענק־טער מאַכט. עס האָט זיי נאָר דערצו אויסגעפעהלט די אויטאָרי־טעט פון דעם גרויסען גייסט און זשעני וואָס קען אַמאָל ביים מאָנאַרך דיענען פאַר איין ענטשולדיגונג.

פאַר די דיכטער פון דער זעע־שול איז צוואַנג קיין צוואַנג ניט געווען אויב דאָס איז געווען ענגליש. די טיראַניי איז קיין טיראַניי ניט געווען אויב דאָס איז נאָר געווען קאָנסטיטוציאָנעל מאָנאַרכיש. די מורא פאַר ליכטיגקייט איז קיין מורא ניט געווען, אויב דאָס איז נאָר געקומען פון דער פראָטעסטאַנטישער קירכע. די ראַדי־קאַלע דיכטער האָבען אָנגערופען צוואַנג צוואַנג, ווען עס איז אפילו געווען באַהאַנגען מיט איין ענגלישער קאָקאַרדע. זייער כעס קעגען דעם אַבסאָלוטען קעניג האָבען זיי אויך באַצויגען אויף אַ קעניג

בכלל. זיי האָבען געוואָלט זעהן די ערד באַפרייט, ניט נאָר פון דעם רעגימענט פון קאַטוילישע גלחים, נאָר פון דער גלחים אַפּטרופּסות. ווען זיי האָבען געזעהן אַז די ריכטער פון דער אַנטקעגען־געזעצטער שול האָבען מיט זייער גאַנצער יוגענדליכער ליידענשאַפט פאַרטיי־דיגט די „טאָרי" רעגירונג פון ענגלאַנד, האָבען זיי געמוזט זיי באַ־טראַכטען אַלס פריהייטס פיינד. דערפאר טרויערט דאָס שעללי אין זיין סאָנעט צו וואָרדסוואָרט וועגען דעם אַז,

„ער האָט פאַרלאָזען וואָרהייט און פריהייט".

דערפאר האָט בייראָן אָפּט חשק סאַוטיי עוקר מן השורש זיין און דערפאר ליגט אויך אין דער ליידענשאַפט פאַר פריהייט פון אָט די דיכטער אַ הייליגער צאָרן און אַן עדעל פייער פון וועלכען עס איז אין דער פּלאַטאָנישער פריהייטס ליעבע פון דער זעע־שול קיין פונק ניט פאַראַן. ווען שעללי זינגט צו דער פריהייט:

„דיין בליק איז ליכטיגער פון דעם גלאַנץ פון דעם בליץ,
דו ביזט שטורמישער ווי ערד ציטערניש,
דו פאַרהילכסט דעם ים שטורם,
דיין שטרענגער קוק פאַרדונקעלט דעם וואולקאַן,
די זון־ליכט איז אין פאַרגלייך מיט דיר אַ לאַנטערנע".

פיהלט מען אַז אָט די פריהייט איז ניט קיין זאַך, עס איז ניט עפּעס וואָס מען קען אָנטאַפּען מיט דער האַנד אָדער באַקומען אין דער קאָנסטיטוציע אָדער איינשרייבען אין די דאָקומענטען פון דער שטאַאַט'ס קירכע, נאָר דאָס איז אַן אייביגע פאָדערונג פון דעם מענשליכען גייסט; עס איז איין אייביג באַדערפניש, עס איז דער הימלישער פייער פון וועלכען פּראָמעטעאוס ווען ער האָט גע־מאַכט דאָס מענשליכע האַרץ, האָט אָנגעצונדען דאָרט אַ פונק און וועלכע די גרעסטע דיכטער ענטוויקלען צו'ן אַ פלאַם וואָס איז דער קוואַל פון ליכטיגקייט און פון וואַרימקייט פאַר די וואָס וואָלטען אָן דעם געפיהלט דעם לעבען ווי אַ טונקעלען און אייז־קאַלטען קבר. אָט די פריהייט איז עס וואָס אַנטפּלעקט זיך אין יעדען נייעם יאָהר־הונדערט אונטער אַ נייעם נאָמען. עס איז אַ פריהייט וואָס איז אין מיטעל־אַלטער פאַרפאָלגט געוואָרען אין נאָמען פון קעצעריי; עס איז די פריהייט וואָס איז אין 16טען יאָהרהונדערט באַקעמפט געוואָרען אונטער דעם נאָמען רעפאָרמאַציע; עס איז די זעלבע

פרייהייט וואָס איז אין 18טען יאהרהונדערט, אין דער פאָרמע פון רען צו דער תליה אלס העקסעריי און אטעאיזם. עס איז די זעלבע פרייהייט וואָס אי זאין 18טען יאהרהונדערט, אין דער פאָרמע פון פילאָסאָפי דערהויבען געוואָרען צו עוואנגעליום אום אין דער גע־שטאַלט פון פאָליטיק, צו ווערען א מאכט אין דער צייט פון רעוואָ־לוציאָן; און עס איז סוף כל סוף די פרייהייט וואָס ווערט אין אונזער אייגענעם יאהרהונדערט, פון די פארטרעטער פון דער פארגאנגענהייט, אָנגערופען מיט'ן באליידיגענדען נאָמען ראדי־קאַליזם.

די פרייהייט פון די דיכטער פון דער זעע־שול איז געווען א סך הכל פון פרייהייטען אבער ניט קיין פרייהייט. וואָס די רעוואָ־לוציאָנערען־דיכטער אבער האָבען פארהערליכט איז נשווען די אמת'ע פרייהייט אלס אזעלכע. אָבער זיי האָבען די פרייהייט אזוי אבסטראקט אויפגעפאסט, אז אָפט מאָל זיינען זיי שוין געגאנ־גען אביסעל צו ווייט. אין דער אָפּשוואכונג פון אלע באַשטעהענדע רעגירונגען האָבען זיי נאָר געזעהן די אָפּשוואכונג פון שלעכטען רעגירען און אין די האלב בארבארישע אויפשטאנדען פון אונטער־דריקטע פעלקער־שטאַמען האָבען זיי געזעהן דעם זונען־אויפגאנג פון דער אייביגער פרייהייט. שעללי איז געווען אזוי אבסטראקט, אז ער האָט געדענקט אז אָט דער קאמף וואָלט געווען אין גאנצען א געוואונענער ווען עס זאָל זיך איינגעבען מיט איין קלאפּ אויסצו־ראָטען אלע מלכים און גלחים, און בייראָן האָט ערשט שפּעטער, דורך דער ערפאהרונג געלערנט ווי וועניג רעפּובליקאנישע אייגענ־שאפטען די אייראָפּאישע רעוואָלוציאָנערען וואָס קעמפען פאר פרייהייט, באזיצען. די דיכטער פון דער זעע־שול זיינען געווען באַשיצט קעגען די אלגעמיינע אילוזיעס און איבערא־ילטקייט פון די ראדיקאלע פּאָעטען; אָבער דער קומענדיגער דור האָט באקו־מען א סך מעהר נוץ פון זייער איבערפליסיגער פרייהייטס־ליעבע ווי פון דער באגרעניצטער און באשרענקטער פרייהייטס־ליעבע פון די אנדערע פּאָעטען.

9.

די אָריענטאַלישע ראָמאַנטיק פֿון דער זעע־שול.

אַט דאָ האָבען מיר אַ געלעגענהייט זיך צו באַשעפטיגען מיט אַ מאַן וואָס איז דער ערגסטער פיינד פון בייראָן און שעללי און דער בעסטער פריינד פון קאָלרידזש. ער שטעהט אַלס אנגעזועהענער ענגלישער ראָמאַנטיקער זעהר נאָהענט צו קאָלרידזש, חאָטש זיינע שאַפונגען זיינען פון אַ סך אַ קלענערען ווערט.

ראָבערט סאַוטיי, געבוירען 1774, אין בריסטאָל, איז געוועזען דער זון פון אַ לייוועגט־הענדלער און אין זיין גאַנץ לעבען האָט מען געקענט באַמערקען אַז ער האָט געלעבט אין שלעכטע פאַרהעלטניסען און אַז זיין גייסטיגער האָריזאָנט איז געוועזען זעהר אַ שמאָלער. נאָך דעם ווי ער האָט אַ קורצע צייט שטודירט אין אָקספאָרד איז ער, ווי די איבריגע דיכטער פון דער זעע־שול פאַרכאַפּט געוואָרען פון דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט און האָט אין 1794 פאַרפאַסט איין אמת יאַקאָבאָניש געדיכט „וואַטט טיילאָר“. אַלס אַן אויפשריפט פאַר דער תפיסה אין וועלכער עס איז געוועזען געפאַנגען מאַרטין, דער קעניג׳ס מערדער, האָט ער אין יענער צייט אָנגעשריבען פאָלגענדע פאָר שורות :

„דרייסיג יאָהר האָט זיך דאָ אין איינזאַמקייט אָפּגעלעבט מאַרטין. אָפט האָבען אָט די וואַנד אָפּגעהילכט דעם קלאַנג פון זיינע טריט ווען ער האָט אין זיין פינסטערען חדר שפּאַצירט פון איין ווינקעל אין אַנדערען. ניט פאַר איהם האָט עקזיסטירט די פאַרשידענע צייטען פון יאָהר ; קיין מאָל האָבען קיין זון־שטראַלען איהם ניט דערפרעהט, אויסער יענער צייט ווען דער אומעטיגער טרויעריגער שיין האָט זיך אַריינגעריסען דורך די אייזערנע פענסטער־גראַטעס. דו פרעגסט וואָס פאַר אַ פאַרברעכען ער האָט

באַגאַנגען? ער האָט ווידערשפּעניגט קעגען דעם קעניג און האָט אויסגעשפּראָכען איבער איהם זיין אורטייל. אין זיין ברענענדיגער פאַנטאַזיע האָט ער געבויט שענע פּלענער פון גליק, פרידען און פרייהייט. ווילדע פּלענער! אָבער אַזעלכע ווי פּלאַטאָן האָט געליעבט". (פּראָזא — דער איבערזעצער).

אויף אָט די שורות האָט קאַנינג דאַמאַלסט פאַרפאַסט פאָלגענדע קלוגע פּאַראָדי:

„אַן אויפשריפט פאַר דעם קערקער אין ניוגייט, אין וועלכען עס איז געזעסען מרס. בראַונדיג, די מערדערין פון איהר גוזעלען:

אַ לאַנגע צייט אין פאַרלויף פון דער פאַרהאַנדלונג פון איהר אומגליק האָט זיך דאָ געפּלאַגט בראַונדינג. אַפּט האָט איהר קערקער אָפּגעהילכט די קלאַנגען פון איהר שטים, ווען זי האָט מיט קולות געשאָלטען, פאַרלאַנגענדיג איהר פרישען אַלקאָהאָל־געטראַנק. פאַר איהר האָט ניט עקזיסטירט קיין פּלאַצפאַרענדערונגען אין לעבען ביז מען האָט זי ניט אַרויסגעפיהרט פון שטאָדט אום זי אויפצוהענגען. דו פרעגסט וואָס פאַר אַ פאַרברעכען זי האָט באַגאַנגען? זי האָט צו טויט געשלאָגען צוויי פון איהרע העלפערס און זיי באַהאַלטען אין קעלער צווישען די קוילען. אין איהר ברענענדיגער פאַנטאַזיע האָט זי געבויט שטרענגע לערן־פּלענער און דיסציפּלינען. שאַרף־זיניגע פּלענער! אַזעלכע ווי ליקורג האָט געלערנט..." (פּראָזא — דער איבערזעצער).

ווען סאַוטיי האָט אויפגעגעבען זיינע וואַנדערונגס־פּלענער און האָט באַקומען זיין מיס טריקער, האָט ער זיך אין 1797 באַזעצט אין לאָנדאָן. זייט 1807 האָט ער באַקומען אַ שטאַאַטס־פּענסיע פון 150 פונט אַ יאָהר. נאָך דעם טויט פון דעם דיכטער פּיי איז ער געוואָרען דער קעניגליכער־הויף־פּאָעט מיט אַ געהאַלט פון 300 פונט אַ יאָהר. אָט די שטעלע, וואָס האָט פאַרפּליכטעט דעם פּאָעט צו באַזינגען אַלע פּאַסירונגען פון דעם קעניגליכען הויף, איז צוערשט פון פּרינץ־רעגענט אָנגעבאָטען געוואָרען צו וואָלטער סקאָט. סקאָט האָט זיך גע'עצה'ט וועגען דעם מיט זיין פאַרעהרער, דעם הערצאָג פון באַקליי. אין'ם ענטפער פון'ם הערצאָג הייסט עס:

„ווי וועט איהר עס אויסהאַלטען אַז אין אַ קעניגליכען געבורטסטאָג זאָל אַ גאַנצע כאָפּטע הייזעריגע און קוויטשענדיגע כאָריסטען

אראַפּזינגען אייערע פּערזען צו׳ם פּאַרגעניגען פון בישאָפּען, פּאַזשען, הויף־דאַמען און לייב־גוואַרדיעס! אַי, שרעקליך! דריי מאָל שרעקליך!" סקאַט האָט זיך דערפאַר אָפּגעזאָגט דערפון און האָט פאַרגעשלאָגען סאַוטיי, אַ לאָיאַלען און באַדערפטיגען דיכטער, פאַר אָט דער שטעלע. די גרעסטע צייט פון זיין לעבען האָט ער געמוזט לעבען פון דער פּען און האָט דערפאַר אַ סך געשריבען נאָר דערפאַר, ווייל ער איז אויסערליך געווען דערצו געצוואונגען. ווייל ער איז געווען פלייסיג, עקאָנאָמיש און האָט געהאַט אַ חוש פאַר בעלי־הבתיש׳קייט, האָט ער געקענט איבערלאָזען אַ ירושה פון 12,000 פונט. זיין ראָמאַנטיק האָט איהם ניט געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגען פון די בירגערליכע און קליין־בעל־הבית׳ישע מעלות; פאַרקערט, זי איז, ווי ביי די דייטשען, געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט זיי. זיין ראָמאַנטיק האָט דאָך אַזוי ווייניג צו טון געהאַט מיט׳ן לעבען; דערפאַר אָבער האָט איהם אויך זיין בכבוד׳יג פּיליסטערטום אויף קיין פאַל ניט אָפּגעהאַלטען צו לאָזען זיין פאַנטאַזיע מאַכען די ווילדעסטע אָריענטאַלישע עקסקורסיעס.

אין סאַוטיי׳ס ערשטער פּעריאָדע, אין דער פרייזיניגער, איז זיכער געווען עפּעס שענקייט און וואַרעמקייט. ער האָט געהאַט באַגייסטערונג, ער האָט געהאַט מוט. זיין פּאָעמע „יאָהאַנאַ פון אַרק" איז סאַוטיי נאָך ניט קיין ראָמאַנטיקער. דאָ און דאָרט פראַנצויזישער העלדין, ווי שילער האָט עס מיט פינף יאָהר שפּעטער אויסגעדריקט אין זיין דראַמאַ „די בתולה פון אָרלעאַנס". אַזוי ווי שילער׳ס דיכטונג, אַזוי איז אויך סאַוטיי׳ס אַ קעגענשטיק צו וואָל־טער׳ס „פּוסעללע". דער בכבוד׳יגער ענגלישער פּאָעט פאַרזיכערט אפילו אין זיין הקדמה, „אַז ער האָט קיינמאָל ניט באַגאַנגען דעם פאַרברעכען אריינצוקוקען אין אָט דעם געדיכט", אין „יאָהאַנאַ פון אַרק" איז סאַוטיי נאָך ניט קיין ראָמאַנטיקער.. דאָ און דאָרט האַלט ער זיך נאָך אַלץ ביי זיין אייגענער צייט. אין׳ם דריטען געזאַנג פאַרהערליכט ער מאַדאַם ראָלאַנד אַלס דאָס העראָאישע ווייב, וואָס איז געוואָרען די מאַרטירערין פאַר איהר ליעבע צום פאַטערלאַנד; אין׳ם ניינטען געזאַנג באַזינגט ער לאַפאַיעט, „וועמעס נאָמען ס׳וועט תמיד זיין טייער פאַר דער פרייהייט", און אפילו אין דער שילדערונג פון יאָהאַנאַ׳ס אויפטואונגען איז, ניט

ווי ביי שילער, אויסגעמידען יעדע אַנדייטונג אויף דאָס מאַגישע. אין אַן אַנגעזעהענעם פּלאַץ אין׳ם געדיכט, (אין׳ם דריטען געזאַנג) וואו די בתולה ווערט אויסגעפרעגט איבער איהר גלויבען, באַציהט זי זיך, און דורך איהר אויך סאוטיי, אַזוי עהרליך און אויפריכטיג צו דער נאַטור, אַז מען פיהלט עס גאַנץ גוט, אַז סאוטיי ווערט באַהערשט פון׳ם זעלביגען נאַטוראַליזם, וואָס האָט באַהערשט די גאַנצע דאַמאַלדיגע ענגלישע פּאָעזיע.

ווייב, זאָגט דאָרט דער פירסט צו יאָהאַנאַ —

„ווייב, עס ווייזט אויס, אַז דו לאַכסט פון׳ם פרומען געבאָט פון אונזער קירך און, אויב איך האָב דיך רעכט פאַרשטאַנען, זאָגסט דו, אַז איינזאַמקייט און נאַטור האָבען דיך געלערנט רעליגיע און אַז די מעסען, די וידוי און דער הייליגער ליב פון קריסטוס זיינען דיר פרעמד. ווי האָט דיך די נאַטור געקענט לערנען רעליגיע אָהן אָט די אַלע זאַכען? ניין, די נאַטור לערענט נאָר זינדיגען, נאָר דער פּריסט לערענט חרטה, נאָר אויף זיין באַפעהל עפענט פּעטרוס אויף דעם הימעל־טויער און נאָר ער קען אויסלייזען די נשמה פון׳ם גהינום“. (פּראָזא — דער איבערזעצער).

די בתולה ענטפערט:

„איהר פאַטער׳ס פון דער הייליגער קירך! אויב אַזאַ פּשוט מיידעל ווי איך, בין פאַרפלאָנטערט געוואָרען אין אַזעלכע פאַר־דרעהטע פראַגען, זאָלט איהר אין דעם ניט באַשולדיגען מיין פאַר־שטאַנד, אַז ער האַלט זיך העכער פון דער אייביגער וויייזהייט! אמת, איך האָב שוין לאַנג ניט געהערט די מעסען און דעם הייליגען ליב פון קריסטוס צו מיינע ליפּען ניט גענומען, אָבער דער פויגעל, וואָס זינגט זיין פרעהליך ליעד אַלס גרוס צום מאָרגען־שטראַהל לאָזט פון זיין ווילדער גליק מעלאָדיע מעהר זיסקייט און ליעבשאַפט פאַר דער פרומקייט אַרויסקלינגען, ווי מען הערט דאָס אין די געוועלבטע זאַלען פון מענשליכער קונסט. איך האָב קיינמאָל ניט אָפּ־געבראָכען אַ שטענגעל טרויבען פון׳ם רעבשטאָק איך זאָל ניט דער־מאָנען גאָט. וואָס שענקט מיר אָט דעם אומבלוטיגען מיטאָג. איהר האָט מיר געזאָגט, אַז די נאַטור לערענט אונז נאָר זינדיגען. איז עס אַ זינד צו פאַרבינדען אַ פאַרוואונדעט שעפּעלע און וואַשען איהרע וואונדען מיט ליעבע־טרערען? אָט דאָס האָט מיך די נאַטור גע־

לערענט. איהר ליעבע פאטערס! נײן. די נאַטור לערענט אונז ניט זינדיגען: די נאַטור איז אין גאַנצען גוטסקײט, ליעבשאַפט און שענקײט. אינ'ם שטילען שאָטען פון'ם גרינעם װאַלד איז קײן זינד ניט פאַראַן, װאָס דערצאָרענען אַנדערע: דאָרט איז קײן עלענד ניט פאַראַן און אויך קײן אָרימע מאָגערע מוטער, װאָס באַטראַכט איהרע הונגעריגע קינדערלאַך מיט אַזאַ מאַטאָװע אָנגעװעהטאָגטען בליק װאָס רעדט שװײגענדיג אַזוי שטאַרק, אַז די װעלט פון שטאַרקע װעלען דאַרויף אַמאָל פאַר געריכט מוזען ענטפערען!“ (פּראָזא — דער איבערזעצער).

דער אויפמערקזאַמער לעזער װעט שוין אין אָט דעם קלײנעם דעקלאַמאַציאָנס־שטיק דערקענען ניט נאָר דעם נאָכקלאַנג פון דער רעװאָלוציאָנערער לײדענשאַפט פון יענער זײט פון'ם קאַנאַל, װאָס האָט זיך דאָ פאַרװאַנדעלט אין נאַטור־פאַרהערליכונג, נאָר אויך, די אומפעהיגקײט פון'ם יונגען דיכטער צו געבען זײנע סוזשעטען אַן אמת'ע צײט־און לאָקאַל פאַרב. פראַנקרײך און מיטעלאַלטער זײנען פאַר איהם — שפּעטער זײנען פאַר איהם אויך די זאַגען־װעלט און דער אָריענט דאָסזעלבע — קאָסטומען אין װעלכע פאַרקלײדט זײנע ענגלישע און פּראָטעסטאַנטישע אידעען. עס האָט זיך געפאָדערט מוט דערצו צו פאַרהערליכען די פראַנצױזישע העלדען אין אַ צײט, װען דער נאַציאָנאַל־האַס קעגען פראַנקרײך איז געװען אַזוי שטאַרק. דאָס ליעד איז, טראָצדעם װאָס עס איז טרוקען, דאָך אַזוי שטאַרק אין געפיהל און פאַרב, אַז עס איז אַ כבוד פאַר אַ יונגען דיכטער, אָבער עס איז באַשערט געװען אָט דעם גײסט, װאָס גיט זײן טאַלאַנט מעהר שװאונג, מיט דער צײט אינגאַנצען צו פאַרשװינדען פון זײן פּאָעזיע.

װאָס מעהר זײן נשמה האָט פאַרלוירען די רײנע יוגענדליכע באַגײסטערונג פאַר די גרויסע אויפגאַבען און חלומות פון דער מענשהײט, אַלץ מעהר האָט ער זיך געפיהלט געצװאונגען אָט די טרוקענהײט דורך דעם בעסער צו מאַכען װאָס ער האָט זי באַפּרוכטעט מיט אַ גאַנצען שטראָם פון רײן־אויסערליכער ראָמאַנטיק. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם האָט ער באַקומען אַ געװיסע מאַכט איבער דער שפּראַך: ער האָט געשריבען שװאַך געבױטע, מעלאָדישע און שטימונגס־פולע פערזען, כאָטש זײ זײנען באמת געװען גאַנץ

מאַנאַטאַן. מיט אַט דער ווייכער און פיינער פאָרם האָט ער ארומגעוועבט אַלע אראַבישע אַבערגלויבענס און אַלע פאַנטאַסטישע חלומות פונ׳ם אָריענט. פון אַט דער צוזאַמענמישונג זיינען ענטשטאַנען זיינע הויפּטווערק: „דער פלוך קעהעמאַס“, און „טאַלאַבאַ דער צושטערער“. די ריכטונג קיין מזרח איז בכלל אַ ראָמאַנטישע, מיר געפינען זי אין דערזעלבער צייט ביי אַלענשלעגער (אַלי און גאַלינדי) און, ווען די באַוועגונג קומט קיין פראַנקרייך, ביי וויקטאָר הוגאָ (דער אָריענט). די ענגלישע דיכטער האָט אָבער באַזונדערס געצויגען צום אָריענט דערפאַר, ווייל דאָס פּראָטעסטאַנטישע לעבען אין זייער היימאַט איז געווען פאַרבלאַז און קאַלט. עס איז דאָך נויטיג געווען אַזאַ אירלענדער ווי טאָמאַס מאָר, אַ קאַלאָריסט מיט קעלטישען בלוט אין זיינע אָדערען, אום כאָטש אַביסעל צו פאַרשטעהען אַזאַ נאַציע אין אַזאַ מערכען־וועלט ווי די אַלט־פּערסישע און איבערגעבען אין דער ענגלישער שפּראַך די נאַטור פונ׳ם מזרח אין אַ סטיל, אין וועלכען עס זיינען איינגעוועבט בריליאַנטען און באַרבאַרישע אָרנאַמענטען. „לאַלאַ־רוק“ איז ניט קיין מייסטערווערק און איז צופיעל מענשליך אין די כאַראַקטערען און רעפלעקסיעס, אָבער „טאַלאַבאַ“ ווערט זעהר פיעל פאַרטונקעלט אין פאַרגלייך מיט „לאַלאַ־רוק“ און איז אַזוי פרום־מאָראַליש ווי אַן ענגלישער פּרעדיגט. אַט דאָס געדיכט, וואָס האָט אין יענער צייט דערגרייכט אַ געוויסע באַרימטקייט, ליידט פונ׳ם שרייענדיגען ווידערשפּרוך פון רייכקייט פון סצענעריפאַרבען און דער אויסגערעכענטער איינגעהאַלטענקייט פון געפיהלען. פון איין זייט געפינען מיר זיך אין אַ וועלט וואָס איז ניט ווענינגער וואונדער־רייך ווי „טויזענד און איין נאַכט“; פון דער אַנדערער זייט זעהען מיר פאַר זיך אַ וועלט, וואו מען הערט ניט אויף צו פּרעדיגען מאַנאַטעאיזם און פילאַנטראָפּישע מאָראַל. דאָס לעבען פונ׳ם העלד ווערט פון גאָט אַליין באַשטימט. ווען דער העלד דאַרף פאַרלאָזען דאָס הויז פון זיינע פלעגע־עלטערען, פּאַסירט ניט קיין קלענערע זאַך ווי דאָס, וואָס אַ גאַנצער שוואַרם פון סירישע הייזעריקען, וואָס ווערט פאַרפאָלגט פון אַ גאַנצער מאַסע פון פויגלען. פליהען איבער׳ן דאַך פון זיין הויז. איינער פון די פויגעל, וואָס האָט געכאַפּט אַ הייזעריק, פאַרלירט איהם דאָרט.

דער היישעריק פאַלט אַראָפּ צו טאַבאַלאַ׳ס פיס און אויף זיין שטע־רען זיינען אויפגעשריבען די שורות:

„ווען די זון וועט אין מיטען טאָג פאַרדונקעלט ווערען, זאָלסט דו, זון פון האדיירא, אוועקציהען פון דאנען!" (דריטער געזאַנג, 32טע שורה).

אָבער אין דערזעלבער צייט, וואו דער דיכטער באַנוצט זיך מיט אַזאַ נסים־מאַשינעריע, קען ער ניט אויסקומען אָהן דעם צו שיצען דעם לעזער, ווי ער טוט עס אויך אין „יאָהאַנאַ פון אַרק", פאַר די פאַרפיהרערישע רעליגיעזע אַנזיכטען פונ׳ם אָריענט. אַלע זיינע הויפּט־העלדען, זיינען קעגען זייער אָריענטאַלישער רעליגיע ראַציאָנאַליסטען און עס פעהלט זיי זעהר ווייניג צו זיין פּראָטעס־טאַנטען. ווען די היישעריקען באַווייזען זיך, זאָגט טאַבאַלאַ׳ס פלעג־פאָטער מאַאט: (דריטער געזאַנג, 29טע שורה).

„דענקסט דו אפשר, אַז דער גערוף פונ׳ם וואַסער וואָס איז מיט פּריסטערליכע קונצען און באַשווערונגען אוועקגעשטעלט געוואָ־רען אין אַ סירישען קלויסטער, האָט זיי אַהער געפיהרט פון כאַראַ־סאַן? ניין, אַלאַ, וואָס האָט זיי באַשאַפען פאַר אַ פּלאַג און אַ שטראָף פונ׳ם מענשען, האָט זיי אויך אַהער דעם וועג אָנגעוויזען". (פּראָזאַ — דער איבערזעצער).

עס איז אוממעגליך פאַר אַ געבוירענעם אַראַבער זיך אויס־צודריקען נאָך מיט מעהר קריטיק. אַזוי איז ביי איהם כמעט אומעטום. סאַוטיי זאַמעלט פאַנטאַסטישע מאָטיווען און, ווען זיי עסען זיך איהם צו אָדער ער דענקט, אַז מען מוז דעם לעזער אויפ־קלערען, מאַכט ער זיי דורך דעם אָדער יענעם שטיקעל עוואַנגעלישען טעקסט צו קליין־געלד.

טאַלאַבאַ טראָגט אויף זיין פינגער אַ טאַליסמאַן, וואָס דאַרף איהם שיצען קעגען בייזע גייסטער. דערפאַר באַמיהט זיך דער בייזער גייסט לאַבאַבאַ מיט אַלע כחות איהם אַראָפּצונעמען דעם רינג פון׳ם פינגער. איינמאָל, למשל, פּרואווט ער איהם אַרויפּצוריי־סען דעם רינג, ווען ער שלאָפט. אָבער עפּעס אַ גוטער גייסט שיקט אַראָפּ אַ מוק, וואָס טוט אַזאַ שטאָך טאַלאַבאַן אין פינגער אַז ער ווערט געשוואָלען און עס איז דערפאַר אוממעגליך אַראָפּצושלעפּען דעם רינג. אויף אַזאַ׳ן אופן ווערען תמיד זיינע פּלענער צושלאָ־

גען. סוף כל סוף גיט זיך עס איין דעם כשוף־מאַכער מאַהאַרעב צו פאַרנאַרען דעם בחור'ל. נאָכדעם ווי דער כשוף־מאַכער איז עט־ליכע מאָל פון איהם באזיגט געוואָרען, רייצט ער זיך מיט איהם, אז ער האָט ניט דעם מוט צו קעמפפען מיט זיינע פיינד אין אָן אָפענעם קאַמף און העלפט זיך תמיד מיט אַ טאַליסמאַן. אַזוי אַרום ברייננגט ער עס מיט זיין ראַפינירטקייט דערצו, אז דער אינ־גערמאַן פאַרוואַרפט דעם רינג אין אַן אפּגרונד. עס פאַנגט זיך אָן אַ נייער קאַמף. מען ערוואַרטעט, אז איצט וועט זיך דער אינ־גערמאַן מוזען אונטערגעבען, ווייל ער שטעהט וועהרלאָז קעגען אַן איבערנאַטירליכער מאַכט. אָבער ניין, טאַלאַבאַ איז דאָך מנצח. ווי אַזוי און פאַרוואָס? אַ בת קול רופט אויס: „דער רינג איז ניט געווען דער אמת'ער טאַליסמאַן, דער אמת'ער איז דער „גלויבען". (פינפטער געזאַנג, נומער 41.) אָבער צוליעב וואָס איז, אויב אַזוי, די גאַנצע געשיכטע?

דער דיכטער פיהרט אונז דורך אונטער־ערדישע היילען, וואו מען מוז די שלענג, וואָס היטען די טויערען, וואַרפען אָפּגעהאַקטע מענשען־קעפּ; דאָרט קען אַ ליכט נאָר ברענען, ווען עס שטעקט אין דער האַנד פון אַ היינגעריכטעטען מערדער א. א. וו. מיט איין וואָרט, ער פיהרט אונז דורך אַ וועלט ווי עס זעהט גאַנץ אַנדערש אויס ווי אין דער בריטישער מלוכה. אַבער דאָס גאַנצע איז מעהר ניט ווי אַ באַלעט און פּלוצלונג פאַרענדערט זיך די סצענע: די אָריענ־טאַלישע גאַרדעראָב פאַרשווינדט און דער סופלער לייענט פאַר אַ גלויבענס־אַרטיקעל. נאָכדעם פאַנגט ווידער אָן דער באַלעט. די ביהנע שטעלט פאָר אַ באַנקעט מיט לוקסוס־מאַכלים, מיט הערלי־כע ווייגען אין גאָלדענע בעכערס, מיט וויינען „רויזיג ווי די מאָר־גען־רויטקייט און זאַפראַן־גלאַנציג ווי דער זוניגער פאַרנאַכט־וואָל־קען, אָדער ווי רובין און אַמבראַ." אָבער צו וואָס נוצט אָט די גאַנצע רייצענדיגע הערליכקייט? טאַלאַבאַ איז אַ צו־גוטער מו־סעלמאַן, אַז ער זאָל זיך לאָזען פאַרפיהרען:

„דאָך טאַלאַבאַ האָט די משקה ניט געטרונקען: ער האָט געוואוסט, אז דער נביא האָט פאַרבאָטען אָט די משקה, וואָס מאַכט זינדיגען. די געסט האָבען פון איהם אויך אַ צווייט מאָל ניט פאַרלאַנגט ער זאָל טרינקען דאָס פליסיגע פייער, ווייל זיינע

אויגען האָבען עדות געזאָגט, אז זיין באשלוס איז אייזען־שטארק.״ — (פּראזא — דער איב.)

ווען מיר באטראכטען די זאך גענוי, זעהען מיר אינ׳ם „צור־שטערער״ א מיטגליעד פונ׳ם ענגלישען מעסיגקייטס־פאראיין, אלס עכטער „ניכטערער״ וויל ער נאָר טרינקען קוואלען־וואסער און פארבייסען מיט קאווען. (זעקסטער געזאנג, נומ. 24.) שפּעטער באווייזען זיך אויף דער סצענע פרויען־פיגורען.

„א גאנצע טרופּע פון טענצערינען האט זיך אלאָז געטאָן אין א ראָד, די גלאָקען־שפּאנגען אויף זייערע פיס האָבען שטיל געקלונגען אין טאקט. זייערע רייצענדיגע קערפּער־באוועגונגען זעהען זיך פרעך און אָהן בושה ארויס דורך די דורכזיכטיגע קליידער״ — (פּראזא — דער איבערז.)

נאָר עס איז ניט פאראַן וואָס מורא צו האָבען, טאלאַבא איז א שטארקער געגנער פון דער אראבישער פּאָליגאַמיע און אונזער אינגער רייזענדער ענגלענדער שיצט זיך דאָ מיט דעם, וואס ער דענקט וועגען זיין אינגער כלה אין דער היים.

„טאלאבא האט געקוקט, אבער אין זיין הארץ האט ער געטראַגען א טאליסמאַן, וואס האט ביי איהם פארוואנדעלט אַט דעם זינדיגען רייץ פון דער סצענע אין טוגענדהאַפטע געדאַנקען. פאַר זיינע אויגען איז געשטאנען דאס בילד פון אנעיזע, דאָס בילד פון זיין ליבער אראבישער מיידעל״ — (פּראזא — דער איבערזעצער).

„טאלאבא״ איז געבוירען אין ענגלאנד אין דערזעלבער צייט, ווען אין דענעמארק איז געשאפען געווארען „אלאדין״ (קעהאמא איז אָנגעשריבען געווארען 1801, אלאדין 1804, טאלאבא 1810). ווי קאלט זעהט ער אויס אין פארגלייך מיט זיין אראבישען ברודער!

ער דערגרייכט זיין צוועק. ער האט חתונה מיט זיין אראַבישער מיידעל. כדי דאס גאנצע זאָל ארויסקומען רעכט אסקע־טיש און רעליגיעז, שטארבט זיין כלה אין דערזעלביגער נאכט. כדי אלצדינג זאָל האָבען א מזרח־שאטירונג, ווערט טאלאבא גע־צוואונגען פונ׳ם אראבישען פאטאַליזם צו טויטען א אינג, אומ־שולדיג מיידעל מיט׳ן נאָמען לאַילאַ. כדי אלצדינג זאָל זיך ענ־דיגען אמת־עוואנגעליש שליסט ער דערמיט, וואס אין זיין פּאָע־טישער טרויער־רעדע איז ער מוחל דעם בשוף־מאכער, וואָס איז

שולדיג אין זיין גאַנצען אומגליק — ער איז מוחל אַט דעם, וועמען ער האָט זיין גאַנץ לעבען געזוכט אום צו נעמען נקמה פאר זיין פאָטער'ס טויט און וועמען עס איז איצט ניט מעגליך זיך ארויס־דרעהען פון זיינע הענד: „איך הרג'ע דיך ניט, אַלטער, האָט געזאָגט טאַלאבא, דאָס בעזע וואָס דו האָסט מיר און די מייניגע געטאָן האָט זיך אליין באַשטראָפט" (פראָזא — דער איבערזעצער.)

א, טאַלאבא! דו רעדסט ווי א בוך, אָבער ווי א בוך, וואָס מען ווארפט אוועק אינמיטען. מיר וועלען עס צומאַכען און צוואַרפען דעם פאַרפאַסער א געזעגענונגס־בליק! אַפילו טעקריי, וואָס ריהמט זעהר הויך סאוטיי'ס כאראַקטער, מוז צוגעבען, אַז אין קאַמף צווישען טאַלאבא און דער צייט, איז דאָך אפשר די צייט דער „צושטערער", וואָס זיגט אויפ'ן שלאַכטפעלד. איך וואָלט גערן געוואָלט וויסען, וויפיעל לעבעדיגע ענגלענדער עס לייענען נאָך אַט דאָס געדיכט. דער נאַכוועלט בלייבט סאוטיי'ס נאָמען באַקאַנט נאָר דורך זיינע היסטערישע אָנפאַלען אויף בייראָן און דורך יענעמס געטליכע קעגען־שלעג. די וויזיאָנען פון בייראָן האָ־בען מיר באַקומען א דאַנק דער „זעהונג פון יום הדין" פון סואטיי און דערפאר קענען מיר איהם שוין אויך מוחל זיין פאר זיין „קעהא־מא" און „טאַלאבא".

דאָך וויפיעל פוסטע פאַנטאַסטיק אַט די לידער האָבען ניט אין זיך, אָבער אין די נאַטור־שילדערונגען איז עס דאָך ניט אזוי וויים געטריבען ווי אין דייטשלאַנד. אפילו אינ'ם מיטען פון אַט די אַלע ראָמאַנטישע פארפלאָנטערונגען, זעהט זיך דאָך ארויס די ניכטערע און נאַטוראַליסטישע אנלאַגע. ווי שעהן איז שוין די ערשטע שורה פון'ם ליד מיט דער שילדערונג פון דער נאַכט אין דער מדבר! אַט דעם עדלען טאָן־גאַנג האָט שעלי אַלס בחור'ל נאָכגעאַמט אין זיין „קעניגין מאב".

„ווי הערליך איז די נאַכט־ טוי־פרישקייט פילט אָן די פרישע לופט; קיין וואָלקען פארטונקעלט ניט, קיין וואָלקענדעל שטערט ניט די פרעהליכקייט פון'ם הימעל. אין איהר פראַכט קייקעלט זיך די פולע לבנה אין דער בלויער טיעפקייט. אינ'ם שיין פון איהרע שטראַהלען רוהט דער ברוינער מדבר־קרייז איינגעהילט אינ'ם ברייי־

טען, ווי אן אַקעאַן, הימעל. אָ, ווי הערליך איז די נאַכט!" — (פּראָזא — דער איבערז.)

דער קאַראַוואַנען־געזאַנג אינ'ם פינפטען אַקט פון'ם „אַלאַדין" גיט ניט קיין שעהנער בילד פון'ם מאָנד־שיין אויפ'ן זאַמד פון דער מדבר. אַזעלכע בילדער געפינען זיך ביי סאַוטיי ניט קיין ביסעל. ווען ער שילדערט די שרעקעדיגע אינד, ווען זי הערט די טריט פון'ם וואַנדערער און שטעהט אין איהר אונענטשלאָסענקייט וואו־הין זי זאָל זיך ווענדען אין דער פאַרנאַכטיגער טונקעלהייט; אָדער ווען ער שילדערט דעם שרעקעדיגען שטרוים, ווען ער לויפט אין ווילדער איילינקייט זיינע כאַפּער אנטקעגען אין דער צייט ווען די אומבאַוועגליכע וואָלקען פון דער נאַכט שפּרייטען זיך אויס איבער דער מדבר, (זעקסטער געזאַנג, נומ. 19) איז דאָס ניט קיין סצע־נעריע פון'ם דייטש־ראָמאַנטישען סטיל, נאָר עס איז אַ נאַטור־געטריי בילד פון מזרח, אויסגעפיהרט דורכ'ן ענגלישען באַאָבאַכ־טונגס־גייסט.

ראָבערט סאַוטיי'ס צייט־גענאָסען און פריינד האָבען אויס־געשטעלט וואַרעמערע צייגנישען צו גונסטען פון זיין כאַראַקטער, ווי מען וואָלט עס באַדאַרפט טון פאַר אַ מענשען מיט אַזאַ צוויי־פעלהאַפטען פּאָליטישען און ליטעראַרישען רענאַמע. ער איז גע־ווען וואָרדסוואָרט'ס אַן אמת'ער פריינד, פאַר קאָלרידזש'ן איז גע־ווען די בעסטע און טייערסטע שטיץ און, וואָס איז ניט גאַנץ אומ־וויכטיג, וואָלטער סאַוואַדש לענדאָר האָט איהם באַעהרט מיט זיין פריינדשאַפט ביז צו זיין טויט, כאָטש ער האָט פאַרטרעטען אַ גאַנץ פאַרקערטען פּאָליטישען שטאַנדפּונקט. פון אָט דער פריינדשאַפט איז איבערגעבליבען מעהר ווי א י י ן דענקמאַל אין לענדאָר'ס „אימעדזשינערי קאָנווערזיישאָנס". נאָכדעם ווי עמערסאָן האָט אם 15 מאַי, 1833 געמיטאַגט ביי לענדאָר, האָט ער געשריבען: „איך האָב געגעסען ביי לענדאָר — ער האָט מיך געמאַטערט מיט סאַוטיי — אָבער ווער איז סאַוטיי?" מען זעהט דערפון, אז לענ־דאָר האָט זיך באַמיהט צו שאַפען פאַרעהרער פאַר זיין פריינד. סוף כל סוף האָט טעקעריי, וואָס האָט ארומגעזוכט נאָך אַ טיפּ פון'ם ענגלישען ערדלמאַן, זיך ניט אָפּגעזאָגט דערפון, אוועקצושטעלען

דעם אָרימען, פֿליסינגען און העלפֿרישען ראָבערט סאוטיי אַלס אַ מוסטער־בילד פאַר אַזעלכען.

אָבער קיין שום צייגניש צו גונסטען פון זיין פּערזענליכען כאַראַקטער, קען ניט ראַטעווען זיין ליטעראַרישען כאַראַקטער. ער האָט דורך זיינע לויב־געזאַנגען פאַר׳ן ענגלישען קעניגס־הויז און דורך זיינע מסירות אויף בייראָן זיין ליטעראַרישען כאַראַקטער איינמאָל פאַר אַלע מאָל געשטעמפּעלט. דאָס וואָס ער, ווי אויך די אַנדערע מיטגלידער פון דער זעע־שול, האָט גענומען אַ קאַלטע און אַפילו אַ פיינדליכע שטעלונג צו אָט דעם ליטעראַרישען פענאָמען, איז געווען גאַנץ נאַטירליך. אָבער דאָס וואָס ער — אַליין אַ דיכטער — האָט, דורך נידעריגע אַנקלאַגען פון אונמאָראַליטעט און אונרעליגיאָזיטעט, אויפגעהעצט דעם געבילדעטען המון קעגען אַן אַנדער דיכטער און נאָך אַ פיעל גרעסערען פון איהם — דאָס איז אַ פאַרברעך, פאַר וועלכען די געשיכטע קען ניט מוחל זיין. סאוטיי האָט אויך זיין שטראָף אין דעם, וואָס זיין נאָמען ווערט נאָר באַמערקט אין די זייטיגע באַמערקונגען צו בייראָן׳ס ליטעראַרישער טעטיגקייט.

ווען „דאָן זשואַן" איז ערשינען, האָט סאוטיי געשריבען:

„איך בין ניט בלינד פאַר דעם פאַקט, אַז דאָס פובליקום באַציהט זיך באַזונדערס אונטאָלעראַנט קעגען די ליטעראַרישע רעפאָרם־פאַרזוכען... אָבער איך וואָלט געוואָלט, אַז אָט די ליטעראַרישע אונטאָלעראַנץ זאָל אַרויסקומען פון אַ געזונטערער אורטיילס־קראַפט, זאָל זיך באַציהען מעהר אויף די מאָראַליטעט פון׳ם ווערק ווי אויף דער קאָמפּאָזיציע, מעהר אויפ׳ן גייסט ווי אויף דער פאָרם. איך וואָלט געוואָלט זי זאָל זיך ווענדען קעגען די אומגעלומפּערטע צוזאַמענמישונג פון שרעקען און שפּעטערייען, פון אונזיטליכקייט און גאָטלאָזיגקייט מיט וועלכער די איצטיגע ענגלישע פּאָעזיע איז פאַרפלעקט געוואָרען. שוין מעהר אַלס פופציג יאָהר, אַז די ענגלישע פרעסע האָלט זיך אין איין אויסצייכענען מיט איהר מאָראַלישער ריינקייט און דאָס איז אויך די ווירקונג און די סבה פון דער זיטען־פאַרבעסערונג אינ׳ם פאָלק. יעדער פאָטער האָט אָהן אַ שום געפאַהר געקענט געבען צום לייענען יעדעם ניי־ערשינענע בוך, אויב מען האָט ניט באַמערקט אין די סמנים אויפ׳ן שער־בלאַט,

אַז דאָס איז ספּעציעל געשריבען פאַר דער באַנוצונג אין די אונ־אַנשטענדיגע הייזער. עס איז געווען גענוג, ווען דאָס ווערק האָט אויף זיך געהאַט דעם נאָמען פון א בכבוד'יגען פארלעגער, אָדער, עס איז צוגעשיקט געוואָרען צום קונה פון א בכבוד'יגען בוכהענד־לער. דאָס איז באַזונדערס געווען דער פאַל מיט פּאָעזיע. עס איז איצט ניט מעהר אַזוי, און וועה צו דעם, פון וועמען דאָס שלעכטע קומט! וואָס גרעסער דער טאַלאַנט פון דעם פארערגערער, אַלץ גרעסער איז זיין זינד און אויף לענגער וועט אָנהאַלטען זיין שאַנד. דאָס געזעץ מעג אפילו ניט זיין אין שטאַנד צו פארמיידען אַזא אומגליק, אָדער אפשר ווערט דאָס אַזוי שוואַך און אויף אַזא אומ־גערעכטען אופן דורכגעפיהרט, אַז די באַריהמטקייט פון'ם פארער־גערער שיצט איהם פאַר דער שטראָף, אָבער יעדער איינער מוז דאָס באַדענקען, אַז אַזעלכע פארדערבליכע ווערק, וואָלטען ניט פאַר־עפענטליכט און אפילו ניט געשריבען געוואָרען, ווען דאָס אַלגע־מיינע געפיהל גיט זיי די ווידערשטאַנדס־אויפנאַם, וואָס עס קומט זיי. יעדער וואָס קויפט אַזעלכע ביכער, פארגרעסערט דערמיט דאָס אומגליק און מאַכט זיך אויף אַזוי צום מיטשולדיגען פון'ם פארברעך. דאָס פארעפענטליכען פון אַן אונזיטליכען בוך איז איינער פון די גרעסטע שאַדען, וואָס מען קען טון דער געזעלשאַפט. דאָס איז א זינד, וועמעס פאָלגען עס לאָזען זיך גאַר ניט באַגרעני־צען און צו וועלכער עס העלפט אויך ניט קיין שפּעטערדיגע תשובה. ווייל וואָס פאַר געוויסען־פּלאָגעניש דער פארפאַסער זאָל ניט האָ־בען, ווען עס קומט זיין שעה, — און זי מוז קומען — בלייבט עס דאָך נוצלאָז. די ביטערסטע חרטה אויף'ן טויטען־בעט קען ניט פארניכטען אפילו א י י ן בוך־עקזעמפּלאַר. מענשען מיט קראַנ־קע הערצער און פארדאָרבענער איינבילדונגס־קראַפט, וואָס האָבען זיך צוזאַמענגעשטעלט א סיסטעם פון אַנזיכטען, וואָס פּאַסט זיך צו זייער אייגענער שלעכטער אויפפיהרונג; מענשען, וואָס ווי־דערשפּעניען די הייליגסטע פּאָרשריפטען פון דער מענשליכער גע־זעלשאַפט און האַסען די רעליגיע, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט און צו וועלכער זיי קענען זיך טראַץ זייערע אָנשטרענגונגען און פּראָ־לערייען ניט פארהאַלטען אין גאַנצען אונגלויביג; אָט די מענשען באַמיהען זיך אַנדערע צו מאַכען אַזוי אומגליקליך ווי זיך דער־

מיט, וואָס זיי פאַרפעסטען זייערע נשמות מיט א גייסטיגען אייד־טער. די שול, וואָס זיי האָבען באַשאַפען, לאָזט זיך אַם בעסטען אַנרופען מיט'ן נאָמען: ד י ש ט ן ־ ש ו ל, ווייל כאָטש אין ליידענשאַפטליכע טיילען פון זייערע שאַפונגען אָטעמט דער גייסט פון בליעל און כאָטש אין זייערע אָפּשטויסענדיגע בילדער מיט זייע־רע גרויזאַמקייטען און שרעקליכקייטען פיהלט מען דעם גייסט פון מאַלאַך, ווען זיי שילדערען מיט א באַזונדערער ליעבע, קענען זיי דאָך אַם בעסטען כאַראַקטעריזירט ווערען דורך די שטן'שע הויכמוטיגקייט און פרעכער גאָטלאָזיגקייט, פון וועלכער עס ווייזט זיך אויך אַרויס זייער אומגליקליך־זיין און די האָפנונגסלאָזיגקייט, וואָס איז דערמיט פאַרבונדען."

איך האָב דאָ געגעבען אַזאַ לאַנגע פּראָבע פון אָט דער ביבלי־שער באַרעדזאַמקייט, ווייל זי איז אַזוי טיפּיש פאַר דער ראַסע פון'ם פּראָפעסער. אָט די מאָראַלישע קאַשע האָט אין זיך גענוג שטאָף פאַר א גאַנץ טוץ לייט־אַרטיקלען אין אַנטי־פּריידענקע־רישע אָרגאַנען און יעדער קרעפטיגער אויסגוס פון א שטאַרקען פּאַרטיי־גייסט האָט א קולטור־געשיכטליכען ווערט. אָבער איז דאָס ניט געווען א גאָט־זאַך, וואָס א בוך־הענדלער האָט אין 1821, אינ'ם זעלבינגען יאָהר, אין וועלכען סאַוטיי האָט אויסגעשאָסען אָט די זאַלפּ, בגנבה פאַרעפענטליכט סאַוטיי'ס אַלטע רעוואָלוציאָנערע ווערק „וואַט־טיילאַר"? און איז אין דעם ניט געווען נאָך מעהר די האַנד פון נעמעזידע, וואָס, ווען סאַוטיי האָט זיך געווענדעט צו געריכט מען זאָל אונטערדריקען די אויפלאַגע און באַשטראָפען דעם בוכהענדלער, האָט איהם לאָרד עלדאָן צוריקגעוויזען זיין אַנ־קלאַגע פון דער באַגרינדונג, אַז ער האַלט עס ניט פאַר ריכטיג צו שטיצען א שריפטשטעלער אין זיין רעכט, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַזעלכע שאַפונגען, וואָס זיינען שעדליך און געהען קעגען דער זיטליכקייט? ! אינ'ם זעלבינגען יאָהר האָט אויך סאַוטיי אַנ־דער געשריבען זיין לאַנגעם און לאַנגווייליג העקסאַמעטער־געדיכט, „די וויזיאָן פון'ם יום־הדין" ביי דער געלעגענהייט פון'ם טויט פון'ם אַלטען גייסטעס־קראַנקען קעניג געאָרג דער דריטער. דאָס איז א געדיכט, וואָס האָט גאַנץ אינטערעסאַנטע פּאַראַלעלען מיט וויקטאָר הוגאָ'ס לעגיטימיסטיישאַן געדיכט „די וויזיאָן" ניט נאָר צוליעב

דער איבעראײַנשטימונג פֿון׳ם סוזשעט, וואו עס ווערט באַנוצט דאָס איבערנאַטירליכע. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז סאוטיי לויבט דעם אָרימען אַלטען געאָרג דעם דריטען פֿאַר זײַנע מעלות — ביר־גערליכע און בעל־הבית׳ישע מעלות: ער איז געווען אַ געטרייער מאַן און אַ גוטער פֿאָטער — מעלות, מיט וועלכע מען קען אַזוי ווייניג זײַן אַ גוטער קעניג ווי אַ גוטער דיכטער. דאָ איז שוין פֿאַר בײַראָן דאָס מאָס געווען פֿול. דער באַליידיגטער אַפּאַלאַ האָט זיך אין זײַן צאָרן דערהויבען, האָט מיט אומבאַשרײַבליכען הומאָר גע־פּאַקט דעם אומגליקליכען מאַרזיאַס פֿאַר׳ן אויער און פֿון איהם געשונדען אַ פֿאַס לעבעדיגערהייד אין זײַן „וויזיאָן פֿון׳ם יום־הדין״.

10

דער היסטאָרישער און עטנאָגראַפישער נאַטוראַליזם — וואָלטער סקאַט.

פאַרלאָזענדיג סאוטיי'ן געהן מיר איבער צו א בעסערען מענשען, צו דעם דיכטער, וואָס האָט געפאָרמט די בריטישע ראָמאַנטיק אויף די יסודות פון דער פאָלקס־נאַטור און דער געשיכטע; א מאַן, וואָס איז ניט, ווי די פאַרטרעטער פון דער זעע־שול, געוואָרען א רענעגאַט כדי צו קענען זיין קאָנסערוואַטיוו אין רעליגיעזער און פּאָליטישער באַציהונג; א מאַן וואָס האָט זיך באַצויגען אָהן האס און אָהן כעס צו דער אנקעגענגעזעצטער ריכטונג; א מאַן, וואָס איז געווען שעהן און רוהיג פון דער נאַטור, עדעל און פעסט אין כאַראַקטער, פּאָעטיש איבערשוימענד־רייך באַגאַבט, אַזוי, אז ער האָט צוגעשטעלט אַלע לענדער פון אייראָפּאַ, אין א משך פון מעהר ווי צוואַנציג יאָהר, געזונטע און אונטערהאַלטענדע לעקטירע; א מאַן, וואָס איז געווען אַזוי טיעף־אָריגינעל אין זיינע אנשויאונגען איבער מענשען־ראַסען און וועלט־געשיכטע און וועמעס איינפלוס אויף דער אייראָפּעאישער געשיכטע־שרייבונג איז ניט געווען קלענער ווי זיין איינפלוס אויף די ראָמאַן־דיכטונג אין אַלע ציוויליזירטע לענדער.

ו ו אָ ל ט ע ר ס ק א ט איז אַלס דער נייַנטער זוהן פון אן אַלט־אדעליגער פּאַמיליע געבוירען געוואָרען דעם 15טען אויגוסט, 1771, אין עדינבורג. זיין פאַטער איז געווען א יוריסט און, ווי עס ווייזט אויס, האָט ער אין זיין חוש פאַר אָרדנונג געהאַט אן עהנליכקייט מיט געטע'ס פאַטער: ס'א סברא, אז דער זוהן האָט איהם אין זיין „ראָב־ראָי" געשילדערט אַלס דעם אַלטען סוחר. אין דער פּאַמיליע האָט געהערשט א שטרענג מאָנאַרכישע טראַדיציע —

צוערשט איז עס געווען די איבערגעבענקייט צו די סטואַרט׳ס און דערנאָך פאַר׳ן הויז האַנאָווער — און אויך די שטרענגסטע קירכ־ליכקייט. דער קליינער וואַלטער איז, זייענדיג ביז צו דער צייט געזונד און שטאַרק, ווען ער איז אַלט געוואָרען צוויי יאָהר, פּלוצ־לינג געלעהמט געוואָרען אויף א פוס. די געמיטס־רוהיגקייט, מיט וועלכער ער האָט זיין לעבען־לאַנג געטראָגען זיין חסרון, שטעהט אין א באַמערקונגסווערטען קאָנטראַסט צו דער ליידענשאַפטליכ־קייט מיט וועלכער זיין גרויסער ענגלישער חבר־געגנער האָט געלי־טען פון אן עהנליכען מיסגעשיק. ער איז אויפגעוואַקסען אין דער שווערמעריי פאַר דער פאַרטריבענער קעניגס־פאַמיליע און פאַר די פאָלקס־לידער וועגען הויך־לענדער און שאָטלענדער; נאָך אַלס גאַר א אינגע קינד האָט ער שוין געקענט אויף אויסווענדיג גאַנצע שטיקער פון דער באַלאַדע פון האַרדיקנוט, דורך וועלכע ער האָט 1815 ביי בייראָן אַרויסגערופען טרערען. אַלצדינג, וואָס איז געווען אַנעקדאָטענהאַפט, באַזונדערס אין ריים־און באַלאַדען־פאָרם, האָט ער זעהר שנעל אויסגעלערענט; דערפאַר אָבער האָט ער, ווי עס ווערט באַמערקט, מיט גרויסע שוועריגקייטען געקענט אויס־לערנען יאָהר־צאָהלען און אַלגעמיינע פּרינציפּען — און אנדייטונג אויפ׳ן כאַראַקטער פון זיינע שפּעטערע שאַפונגען. דער קליינער, פאַרקריפּעלטער אינגעל, וואָס איז תמיד אַרומגעריטען אויף א קליין־פערדעלע אזוי גרויס ווי א קצב׳ישער הונט, האָט גע־קענט די זאַמלונג פון די אַלט־שאָטישע לידער און פראַגמענטען, יא, וואָס ס׳איז נאָך מעהר באַמערקונגסווערט, ער האָט געזאַ־מעלט אַלטע לידער, אזוי ווי אַנדערע קינדער זאַמלען מטבעות אָדער געשטעמפּעלט פּאַפּיר, און האָט אַלס צעהן־יאָהריגער אינגעל, צוזאַמענגעבראַכט מעהר ווי צעהן בענד. אין זיין גאַנצען לעבען האָט ער זיך טאַקי תמיד געיאָגט נאָך באַלאַדען. גאַנץ פריה האָט זיך ביי איהם שוין ענטוויקעלט דער חוש פאַר דער נאַטור אין פּאָעזיע. ער פלעגט זיך אָפּשטעלען ביי יעדער חורבה, ביי יע־דען דענקמאָל, אפילו ביי יעדען אַלטען שטיין; אָבער ער האָט ניט באַטראַכט די נאַטור מיט אזא ליבע גלאַט לשם נאַטור, ווי וואָרדסוואָרט פלעגט עס טאָן; פאַר איהם האָט זי געהאַט מעהר א היסטאָרישען און פּאָעטישען אינטערעס. א גרופּע פון אַלטע

צוזאַמענגעוואַקסענע בוימער האָט ביי איהם ניט געקענט וועקען אַזא רעליגיעזע געמיטס־שטימונג, ווי דאָס פלעגט פּאַסירען מיט וואָרדסוואָרט; ביי איהם איז געווען וויכטיג: „אונטער אָט דעם בוים האָט קאַרל דער צוועלפטער גערוהט" — אָדער: „אָט דער בוים איז הייליג דורך דער ערינערונג אין מאַריא סטואַרט" — אַזוי אַרום האָט ער אָפּגעשניטען צווייגען פון'ם בוים צום אנדענקען פון זיין וויזיט ביי דעם פּלאַץ און האָט איהם שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

צו פופצעהן יאָהר האָט ער זיך באַקענט מיט'ן מאַלערישען שאָטישען הויך־לאַנד. דאָס האָט געהאַט א זעהר גרויסע באַדייטונג פאַר זיין שפּעטערדיגער פּאָעזיע און האָט באַשאַפען פאַר די געשטאַלטען פון זיין דיכטונג דעם הינטערגרונד פון א נייער סצענעריע, וואָס איז ביז איהם געווען אומבאַקאַנט אין אייראָפּא. פון דעם אויגענבליק אָן, וואָס ער ענטדעקט אין זיך די אייגענשאַפט אַלס דיכטער, נעמט ער זיך שטודירען די נאַטור גענוי ווי א מאַלער נעמט אויף זיינע שטודיען. האָט ער געוואָלט באַשרייבען א געגענד, איז ער אַהין אוועקגעפאָהרען מיט אַן עקספּרעס, האָט זיך פּינקטליך נאָטירט דאָס גאַנצע אויסזעהן פון די בערג, די לאַגע און די פאָרם פון די וועלדער, אפילו דעם כאַראַקטער פון די וואָלקען אין יענעם מאָמענט, אָפט אפילו די איינצעלנע בלומען און געבישען ביים אריינגאַנג פון א הייהל. דעם פּאָעטישען בליק אויף דער נאַטור, אין וועלכען ער טרעפט זיך צוזאַמען מיט די ראָמאַנטיקער אין דייטשלאַנד און דענעמאַרק, האָט ביי איהם ניט אויסגעשלאָסען דעם קרעפטיגען רעאַליזם און די גענויאיגקייט פון דער שילדערונג; אין דער צייט, וואָס איילשלעגער האָט זיך א לאַנגע צייט געהאָלפען נאָר מיט „פאַרגעס־מיך ניט" און רויזען, האָט געוואוסט יעדע בערגעל, יעדען טאָל, יעדע טעבעל, יעדע פעלזען־סקאַלע, יעדען שטיין, יעדען וועג און די גאַנצע שאָטלענדישע פּלאַנצען־וועלט.

סקאָט איז נאָך ניט געווען קלאָר וועגען דעם, אז איהם איז באַשערט צו זיין א דיכטער, ער איז געוואָרען א גוטער און פלייסיגער יוריסט, וואָס האָט געשריבען זיינע אַקטען מיט א צירליכער יוריסטטען האַנדשריפט מיט יורידישע צופוצונגען, מיט וועלכע

ער האָט שפּעטער אַזוי פיעל פּאָעזיע געשריבען. טראָץ זיין מוט, איז ער דאָך געווען קערפּערליך געזונד, געשמיידיג און קרעפטיג, און איז אין קערפּער־באַוועגונגען געווען אַזוי גוט געשולט, אַז ער האָט זיך איינמאָל, זייענדיג אַליין אין וועג, אַ גאַנצע שעה צייט מיט אַ שטעקען אין האַנד פאַרטיידיגט קעגען דריי חברה־לייט, וואָס האָבען איהם איבערפאַלען. עפּעס וואָס עס איז זעהר כאַראַק־טעריסטיש פאַר זיין גייסטיגער סטרוקטור איז: אָט די קער־פּערליכע געזונדהייט איז ניט געווען פאַרבונדען מיט קיין זעהר שאַרפע חושים. דער גערוך־חוש האָט איהם אינגאַנצען געפעהלט און זיין האַמערישער אַפּעטיט האָט אַרויסגעוויזען זעהר ווענינ טעם־חוש; ער האָט אין זיין גאַנץ לעבען ניט געוואוסט קיין אונטערשיעד צווישען גוטען און שלעכטען וויין, ער האָט אויך ניט געמאַכט קיין חילוק צווישען אַ גוטען און שלעכטען מיטאָג — דאָס איז אַ פּונקט מיט וועלכען סקאָט איז אַ שאַרפער היפּוך צו זיין צייט־גענאָסען קיטס. אין פאַרהעלטניס צום צווייטען גע־שלעכט איז ער געווען אַזוי קאַלט, אַז אָפּטמאָל פּלעגען זיינע פריינד מאַכען פון איהם לצנות. דערפאַר. פונדעסטוועגען האָט ער אין זיינע אינגלישע יאָהרען געהאַט ראָמאַנטישע עמפּינדונגען צו'ן אַ יונגער דאַמע, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַן אַנדערען; ער האָט זיך אָבער אַזוי פאָלקאָמען געקענט באַהערשען, אַז קיינער האָט דערפון ניט געוואוסט. ער האָט אויך איבערוואונדען זיין וועהטאָג און נאָך אַ קיישער און ליידענשאַפטסלאָזער יוגנעלשאַפט האָט ער חתונה געהאַט צו 26 יאָהר מיט אַ פּראָטעסטאַנטישער פּראַנצויזין, פרייליין קאַרפּענטער, ביי וועלכער דער פאַטער איז געשטאָרבען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע. דעם ווינטער פון 1796 ביז 1797 האָט ער זיך, אָפּגעגעבען, ווייל עס האָט געהערשט אומעטום די מורא די פּראַנצויזען זאָלען דאָרט ניט לאַנדען, דערמיט צו זאַמלען וואָלונטיר־רעגימענטען און, אַזוי ווי ער איז געווען פייער און פלאַם פאַר דער זאַך, איז ער אַליין געוואָ־רען קוואַרטיר־מייסטער און סעקרעטער פון אַזאַ רעגימענט. איך האָב שוין פריהער דערמאַנט זיינע איבערזעצונגען פון דייטש. ער, וואָס איז אַזוי לאַנג געווען אַ לעבעדיגע זאַמלונג פון שאָטלענ־דישע פאָלקס־לידער, וועלכע ער האָט געווידמעט זיין געבורט־לאַנד

„אלביאנס בעסערע העלפט" ; דער דריטער טייל „נייערע נאָכ־אהמונגען" ענטהאלט זיינע אייגענע לידער (גראד אין'ם זעלבען יאָהר איז אויך אין דער דענישער ליטעראַטור ערשינען א זאמלונג פון אומגעענדערטע אלטע פאָלקס-לידער פון עלענשלעגער). אין א קריטיק פונ'ם ווערק ווערט געמאַכט די פראָפעטישע באמערקונג, אז דאָרט איז פאראן שטאָף פאר הונדערט ראָמאַנען.

ביי זיין גאנצער געטריישאפט צום ענגלישען קעניגליכען הויז האָט ער זיך דאָך תמיד געפיהלט אלס א שאָטלענדער. עס איז אויך גאָר קיין ספק ניט, אז זיין שאָטלענדישע ראַסען־אייגענטימ־ליכקייט אליין איז די הויפט־גרונדלאַגע פאר זיין אָריגינאַליטעט. שוין דער פּאָעטיש־היסטאָרישער אינטערעס, וואָס רייסט זיך ביי איהם דורך אומעטום, איז שאָטלענדיש. קיין שום אלגעמיינער דערקענונג־צייכען איז ביי א שאָטלענדער אין אלע צייטען ניט געווען אזוי שטארק בולט ווי דאָס שטארקע ליידענשאפטליכע נאַציאָנאַל־געפיהל. די ווערטער Perfervidum ingenium Scotorum וואָס זיינ'ען זייט דעם מיטעל־אלטער יאהרהונדערטען לאַנג געברויכט געוואָרען אין שאָטלאנד, האָבען אויך אין אנפאנג ניט געהאט קיין אנדער באַדייטונג. אויסער דער אינערער פּארטייי־שפּאַלטונג אין לאַנד, וואָס שטערט אָבער דאָך ניט דאָס געפיהל פון געמיינזאמקייט, געפינען מיר שווער אין אן אנדער לאַנד אזא גע־פיהל פון צוזאַמען־געהעריגקייט ווי ביי אָט דעם קליינעם פּאָלק, וועמעס מלוכה עס העלנגט דירעקט אָפּ פון א באַדייטענד גרעסערען פּאָלק, וואָס רעדט אויף דערזעלבער שפּראַך. אויך דער ענגלענדער א לעבהאַפט נאַציאָנאַל־געפיהל, אָבער דאָס זעהט זיך ניט אזוי בולט אַרויס. ביים ענגלענדער האָט עס א ריין־פּאָזיטיווען כאראַק־טער און ענטהאַלט אין זיך א מין פּראָקלאַמירונג פון אָט די מעלות, וואָס אונטערשיידען איהם, נאָך זיין מיינונג, פון די אנדערע פעל־קער. דאָס נאַציאָנאַל־געפיהל פון די שאָטלענדער איז אָבער כסדר אויף דער וואַך, שטענדיג אויפ'ן פּאָסטען, ווייל עס איז אין תוך אַריין פון א נעגאַטיווען כאראַקטער. ווען דער ענגלענדער זאָגט : „איך בין אן ענגלענדער, מיינט ער געניי דאָס, וואָס ער זאָגט ; אָבער ווען דער שאָטלענדער זאָגט אָדער דענקט : איך בין א שאָט־

לענדער, באַדייטען זיינע ווערטער פאַר איהם: איך בין ניט קיין ענגלענדער *).

אום ריכטיג צו פאַרשטעהען אַט דאָס געפיהל, מוז מען אין זין האָבען די קליינע צאָהל פון די שאָטלענדער אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער צאָהל פון זייערע שטאַרקע שכנים. ווען מען ווייס, אז נאָך 1707 איז די גאנצע שאָטלענדישע באַפעלקערונג ניט געווען מעהר ווי א מיליאָן, קען מען באַגרייפען אז עס האָט זיך געפאָדערט א טיעף געפיהל פון שטאַרקער צוזאַמענהאַלטונג, עקשנות און דעפענסיווער שטרייטבאַרקייט, אז די קלענערע ראַסע זאָל ניט פאַרפלייצט און מיט איהרע אייגענטימליכקייטען אָפּגע־שטופּט ווערען אָן א זייט דורך דער ראַסע פון דרום. אזוי איז דאָס ארויסגעקומען, אז מען האָט זיך גענומען שטאַרק ליעבען דאָס רויהע און אונגאַסטפריינדליכע שאָטלאַנד אין היפוך צו דעם גרינעם און פרוכטבאַרען ענגלאַנד; מען האָט זיך גענומען פאַר־עהרען די שאָטלענדישע בערג, לאָנקעס, זומפּען און וואַלקען מיט א כמעט פאָלעמישער פאַטערלאַנדסליעבע. עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, ווען אין אַט דעם לאַנד ווערט געבוירען א גרויסער עפּישער דיכטער אין א צייט, וואָס דאָס נאַציאָנאַל־געפיהל האָט דורכגענומען די גאַנצע אייראָפּעאישע פּאָעזיע, עס איז קיין וואונ־דער ניט, אז אַט דער דיכטער ברייננגט ארויס די קרעפטיגסטע פּראָדוקטען פון דער היסטאָרישער און פאָלקס־פּסיכאָלאָגישער ראָמאַנטיק. וואָס איז נאָך אזוי נאָהענט געווען אזא דיכטער ווי זיך צו פאַרטיפען אין די אייגענטימליכע זיטען פון די בארג־לענ־דער און זיי שילדערן אין זייערע עפּטפּולע קאָסטיומען? וואָס איז נאָך אזוי נאַטירליך געווען פאַר א מענשען, וועמעס נאָמען עס פאָדערט שוין פון איהם די פאַרעהרונג פון זיין פאַטערלאַנד, ווי דאָס פאַרטיפען זיך אין איהרע דענקמאַלען און זכרונות וועגען איהר כדי אויף אזא׳ן אופן משלים צו זיין די קלענערע צאָהל אין באַדייטונג פון זיינע לאַנדסלייט אין דער איצטיגער צייט דערמיט, וואָס ער שילדערט זייער לעבען אין דער פאַרגאַנגענהייט און זייערע געשיכטליכע טאַטען?

---

*) מעסאָן, שאָטלענדישער איינפלוס אין דער בריטישער ליטעראַטור.

דאָס שאָטלענדישע נאַציאָנאַל־געפיהל האָט זיך ראשית כל אויסגעצייכענט מיט'ן געמיינשאַפטליכקייטס־געפיהל: דאָס פּראָווינץ־פאָלק האָט זיך מעהר געהאַלטען צוזאַמען, האָט ניט געהאַט אַזעלכע אינדיווידועלע געגענזאַצען ווי די הויפּט־נאַציע. סקאָט האָט אין עטליכע פלעצער געשילדערט אָט דאָס ענערגישע פאַרוואַנדשאַפטס־געפיהל פון זיינע לאַנדסלייט — אויף קיין פּלאַץ האָט ער עס דאָך שענער ניט געשילדערט ווי אין'ם דריטען טייל פון זיין ראָמאַן „דאָס געפענגעניש פון עדינבורג“, וואו אָט דאָס געזונטע און שענע געפיהל גיט די אָרימע פּויערען־מיידלאַך דעם מוט זיך צו ווענדען צום הערצאָג פון ארגעל ווי צו זייערן אַ קרוב נאָך הילף. אָבער דאָס שאָטלענדישע נאַציאָנאַל־געפיהל האָט געהאַט נאָך אַ גרונד־שטריך, וואָס איז אַלס אַזעלכער אונמאָדערן, טראַדיציאָנעל און דערפאַר אויך מיט אַלע אַלטע טראַדיציאָנען אין קרובה'שאַפט — דאָס איז די אָפּגעזונדערטקייט. דערפאַר איז ביי סקאָט'ן פאַראַן אַזאַ איבערטריבעניער יראת הכבוד פאַר דער קעניגס־מאַכט און איהרע נעבען־זאַכען. ווען ער איז געוועזען מיטגליעד פון דער אונטערזוכונגס־קאָמיסיע פאַר די אַלטע שאָטלענדישע קעניגליכע חפצים, איז ער, ווען מען האָט זיי געפונען, אריינגעפאַלען אין אַזאַ לעבהאַפטער רעליגיעזער אויפרעגונג, אַז, ווען איינער פון די באַאמטע האָט געוואָלט אנפּראָבירען אַ יונגער דאַמע דיאַדעם, האָט ער אויסגעשריען: „ניין, למען השם, ניין!“

די ערשטע גרויסע אָפּגעזונדערטקייט האָט נאָך זיך געצווייגען אַ גאַנצע רייהע אָפּגעזונדערטקייטען. אויב ניט פיעלע נאַציעס האָבען געקענט קאָנקורירען מיט די שאָטלענדער אין זייער צוזאַמענהאַלטען זיך, האָבען אָבער נאָך וועניגער נאַציעס זיך אַזוי פיעל געטיילט אין פּאַרטייען און אין גרופּען. דאָס געפיהל פון יעדען אינדיווידיום פאַר זיין פליכט אויפגעלעזט צו ווערען אין אַן אַלגעמיינער סובסטאַנץ האָט זיך ניט אָנגעפאַנגען ביים שטאַאַט, נאָר ביים שבט, ביי דער משפחה, ביי דער פאַמיליע.

דערפאַר געפינען מיר אויך ביי סקאָט דעם באַלאַדענזאַמלער אַ באַזונדערע פאָרליעבע פאַר אָט די באַלאַדען, וואָס באַציהען זיך אויף די טאַטען פון מענשען פון זיין שבט אָדער טאַקע נאָר פון זיינע אבות. און דערפאַר באַזיצט ער, אַלס שאָטלענדער, דאָס

שטאַרקסטע פאַמיליען־געפיהל. ער איז געווען אַ מוסטערהאַפ־טער זון, אַ זעהר גוטער מאַן, ער איז געווען — אַזוי באַווייזען זיינע בריעף צו זיין עלטערען זון — דער פיינפיהלענדסטער פאַטער; ער איז געווען אַ גוטער ערציהער פאַר זיינע קינדער, הן קערפּערליך, הן גייסטיג. און האָט פון זיי נאָר פאַרלאַנגט, דאָס, וואָס דער אַלטער פּערסישער שפּרוך פאַרלאַנגט: גוט רייטען אויף'ן פערד און ניט זאָגען קיין ליגען. אָבער אפילו אין אָט די געפיהלען איז ער ניט קיין מאָדערנער גייסט. אין זיין פּריוואַט־לעבען ווי אויך אין זיין פּאָעזיע האָט ער זיך מעהר גערעכענט מיט גאַנצען געשלעכט ווי מיט זיין אינדיווידיום. זיין ברודער דניאל איז געגאַנגען בדרך הישר און, כאָטש ער האָט נאָר ניט אַזוינס אונעהרענהאַפטעס געטאָן, איז ער דאָך געווען אַ פלעק אויף דער משפּחה. ער האָט אויף אַ שריפטליכען וועג באַזאָרגט זיין ניט־ווייטישען ברודער מיט אַ שטעלע אין מערב־אינדיען. אין די בריעף צו זיין עלטערען באַאמטען האָט סקאָט גערעדט פון זיין ברודער ווי פון אַ „קרוב", ער האָט פאַרלאַנגט פון זיין ברודער ער זאָל קיינעם ניט אויסזאָגען אַז ער איז וואָלטער סקאָט'ס ברודער; ער האָט איהם קיינמאָל ניט געוואָלט זעהען, ווען יענער איז געקומען קיין שאָטלאַנד, ער האָט זיין נאָמען ניט אָנגערופען, איז צו זיין לויה ניט געגאַנגען און האָט זיך ניט אָנגעטאָן אין טרויער נאָך זיין טויט. אָט די פעהלער געהן בסדר האַנד אין האַנד מיט די קאָנסערוואַטיווע טוגענדען. עס וועט דערפאַר קיינעם ניט וואונדערען, וואָס דער מאַן, וואָס איז געווען גאַנץ מילד אין זיינע געפאַלען, האָט געבראַכט אַזוי פיעל קרבנות אויף'ן מזבח פון זיין משפּחה, וואָס אָט דער מאַן איז ניט געוואָרען דער דיכטער פון דער אינדיווידואַליטעט און איז מיט אַמאָל פאַרדרענגט געוואָרען אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווען נאָר בייראָן האָט זיך באַוויזען.

אין יאָהר 1802 איז די „עדינבורג רעוויו" געגרינדעט געוואָ־רען און ער האָט פון אָנפאַנג אָן מיטגעאַרבייט אין דעם אָרגאַן, וועמעס הויפּט־רעדאַקטאָר עס איז געווען זיין לאַנדסמאַן דזשעפריי. דזשעפריי אַלס קריטיקער שפּיעלט זיעהר אַ גרויסע ראָלע אין'ם לעבען פון די דעמאָלטדיגע דיכטער, כאָטש ער האָט מעהר ניט באַזעסען ווי אַ טרוקענעם פאַרשטאַנד אָהן אַ שום געשיקטליכקייט

און אויך ניט געשולט. אָט די מיטאַרבייטערשאַפט האָט דאָך מעהר ניט אָנגעהאַלטען ווי זיבען יאָהר, ווייל סקאָט, זייענדיג אונ־צופרידען מיט דער ליבעראַלער האַלטונג פון דער „עדינבורג רעוויו" אין דער קאַטאָלישער פראַגע און, ווייל עס האָט איהם נאָך פאַרדראָ־סען דזשעפריי'ס פיינדליכע קריטיק איבער זיין „מאַרמיאָן", האָט אין 1809 געגרינדעט דעם „קוואַרטערלי רעוויו".

אין יאָהר 1805 איז ערשינען סקאָט'ס ערשטע ערצעהלערישע דיכטונג: „דאָס ליעד פונ'ם לעצטען מינסטרעל". דאָס ווערק איז געבוירען אין אַ גליקליכער שעה, מען האָט זיך זעהר געפרעהט איבער דאָס צוריקקעהרען צו דער פאָלקס־פּאָעזיע און צו דער נאַטור. באַזונדערס זיינען די נאַטור־שילדערונגען באַוואונדערט געוואָרען; פיט האָט באַהויפּטעט, אַז סקאָט האָט אין מעהרערע פּלעצער דער־גרייכט די מדרגה פון קונסט־מאַלעריי און זיין געגנער פאָקס איז דאָס מאָל געווען מיט איהם איינפאַרשטאַנען. אויב סקאָט איז שוין פריהער דורך זיין פּערזענליכער ליעבענסווירדיגקייט געווען אַזוי פּאָפּולער אַלס באַאַמטער, — אַזוי האָט זיך וואָרדסוואָרט אין יאָהר 1803 איבערצייגט, — אַז זיין נאָמען איז גענוג געווען, אַז עס זאָלען זיך ווי דורך אַ כשוף עפענען אַלע טירען פון זיין אַמטס־דיסטריקט, איז ער איצט ווידער אַמאָל אַזוי באַליעבט געוואָרען אַלס דיכטער. אין אַ קורצער צייט זיינען פאַרקויפט געוואָרע דרייסיג טויזענד עקזעמפּלאַרען. דאָס האָבען געמאַכט די דאַרשטעלונגען פון די פאַרהעלטענישען פונ'ם זעכצעהנטען יאָהרהונדערט, וואָס זיינען דעם לעזער אַזוי לעבעדיג ערשינען. די שילדערונג פון די האָלענדישע זיטען האָט אַלעמען אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז די וואַרעמע אויפנאַמע וואָס מען האָט דעם געגעבען, האָט געבראַכט דעם דיכטער אויפ'ן געדאַנק צו פּראָבירען אַן עהנליכע זאַך אין פּראָזא — אַ געדאַנק, וואָס איז שפּעטער פאַרקערפּערט געוואָרען אין די וועווערלי־ראָמאַנען. דערווייל איז דערוועקט געוואָרען דער אינטערעס פאַר'ן מיטעלאַלטער, פאַר'ן ריטערטום, פאַר דער קעניגס־הערליכקייט, פאַר די פעאָדאַל־הערשאַפט און פאַר די שאָט־לענדישע נאַציאָנאַל־אייגענטימליכקייטען. די ענגלישע טוריסטען האָבען אָנגעפאַנגען עולה־רגל צו זיין צו די אַלטע בורג־חורבות און צום שלאַכט־פעלד פון קיליקראַנקי, וואו זייערע לאַנדסלייט זיינען

אין זיבצעהנטען יאָהרהונדערט געשלאָגען געוואָרען דורך די באָר־וויסע און אין טאַרטאַן געקליידעטע מאָנסטערס.

ביז צו אַם דער צייט פלעגט סקאָט שרייבען אין אָבענד ביז שפּעט אין דער נאַכט. איצט, ווען עס פאַנגט זיך ערשט אָן זיין טעטיגקייטס־פּעריאָדע, האָט ער געענדערט זיין ארבייטס־צייט אויף אין דער פריה. ער פלעגט אויפשטעהען פינף אַ זייגער פאַר־טאָג, איז געגאַנגען אין די שטאַלען און זיך באַגריסט מיט זיינע פערד, ליעבלינגס־הינט און אַלע אַנדערע הויז־חיות. נאַכדעם פלעגט ער זיך זעצען צום שרייב־טיש און עס האָט זיך ביי איהם געאַרבייט אַזוי לייכט און שנעל, אַז, ווען ער פלעגט קומען צווישען ניין און צעהן דעם זייגער צו זיין אָנבייסען, האָט ער שוין געהאַט דעם הויפּט־טייל פון זיין ארבייט אָפּגעטאָן. ארום צוועלף דעם זייגער פלעגט ער פאַרלאָזען זיין ארבייטס־צימער און האָט פאַר־בראַכט דעם גאַנצען טאָג מיט זיין פאַמיליע און זיינע געסט. אין די פרישע אין־דער־פריה־שטונדען האָט יער געשאַפען זיינע אַלע ווערק להיפוך צו בייראָן, וואָס האָט געאַרבייט אין דער נאַכט. אַפילו דאָרט וואו די דיכטער שטעהן זיך גאַנץ נאָהענט, קומט דאָך פאָר, ווי מען וואָלט געפיהלט די העלערע און טונקעלערע שטי־מונג פון דער ארבייטס־צייט אין׳ם ווערק.

און אַם נאָהענטסטען טרעפט זיך סקאָט מיט בייראָן גראַד אין דעם געדיכט, וואָס ער האָט אָנגעפאַנגען אין נאָוועמבער 1806, „מאַרמיאָן, אָדער די שלאַכט פון פלאָדען־פעלד“. בנוגע צו דער פאַבעל שטעהט אָט די דיכטונג גאַנץ נאָהענט צו די אַנדערע דיכ־טונגען פון סקאָט. עס ווערט דאָ נאָכאַמאָל געשילדערט דאָס זעכצעהנטע יאָהרהונדערט, נאָכאַמאָל שאָטלאַנד און נאָכאַמאָל דאָס לעבען אין דער בורג און אין הויף. אָבער דער העלד פון׳ם געדיכט איז אַזעלכער, וואָס איז אַ דירעקטער איבערגאַנג צו בייראָן׳ס העלדען און דאָס גאַנצע ווערק איז אויך געשריבען אין אַזעלכע לייכטע, פליסיגע, אַפילו אַביסעלע איינטאָניגע, פיר־פיסיגע יאַמ־בען, מיט וועלכע בייראָן פלעגט זיך אַם מייסטען באַנוצען אין זיינע פּאָעטישע ערצעהלונגען. מאַרמיאָן איז אַ שטאָלצער און מוטיגער ריטער, אָבער פאַרברעכעריש פון דער נאַטור. ער האָט

פאָלגט איהם נאָך אומעטום אלס פּאזש אָנגעטאָן אין מענער־קליי־דער. ווען זי ווערט איהם נמאס, וויל ער זיך מיט גוואלד יראָבע־רען אַ יונגע אדעליגע דאמע, באַטש ער ווייסט, אַז זי ליעבט אַן אנדערען. געטריבען פון אייפערזיכטיגער פערצווייפלונג, מאכט קאָנסטאַנצע אַן אטענטאט אויף זיין ליעבען און ער איבערגיט זי נאכדעם מיט קאלטער גרויזאמקייט צום קלויסטער אלס אנטלאָפענע נאָנע, וואו זי האָט באַקומען איהר שטראָף. די קלויסטער־אויפ־זעהערין פאראורטיילט זי צום טויט. דאָ קומט אַ ראָמאנטישע שרעקען־סצענע נאָכ׳ן שטייגער פון בייראָן, אָבער מיט מעהר שוואונג פאר די נערוועון פונ׳ם לעזער, וואו עס ווערט געשילדערט ווי אזוי די נאָנע ווערט לעבעדיגערהייט איינגעמויערט אין אַן אונטער־ערדישער הייל. דאָ קען מען ביי סקאָט ניט פיעל רעדען וועגען פּסיכאָלאָגישער מאָטיווירונג: די פּראכט פון די אויס־שטאַטונגען, די טונקעלהייט פונ׳ם קלויסטער און די דייטליך געשילדערטע ארכיטעקטור פון די אַלטע שלעסער, אָט דאָס אַלעס איז איהם מעהר וויכטיג ווי די נשמה־רעגונגען. דאָך האָט ער אונז אין „מארמיאָן" געגעבען אַ גדיכט, וואָס שיינט אונז איצט ווי אַ פּראָטאָ־טיפּ פון „גיאאורא" און באזונדערס פון „לאַרא". אויך די געליעבטע פון גיאאורא שטאַרבט מיט אַ שרעקליכען טויט, אויך לארא ווערט באַגלייט פון אַ פרוי אין פּאזשען־קליידער, און עס קומט פאַר אַ סצענע אין „מארמיאָן", וואו דער העלד ווערט עפענטליך פארשעמט און דאָס איז עהנליך צו דעם, וואָס לאַרא׳ן ווארפט מען פלוצלינג מיט פאַראַכטונג אויס זיין פארגאנגענהייט. קלינגט ניט דאָס פאָלגענדע כמעט ווי אַ שטיקעל פון בייראָן? (מארמיאָן, דריטער געזאנג, נומ. פערצעהן):

„מארמיאָן פעסט און קלאָר אין זיין נשמה, איז פארבליבען אין דער אויסערסטער געפאהר. מארמיאָן, וואָס פלעגט זיין קעניגס שטאָלצען בליק מיט טראָץ צוריקווייזען, וואָס האָט קאָמאנדירט די שטאַרקסטע פון זיינע קאמפּס־גענאָסען, איצט האָט ער ניט געקענט רעדען, ניט דענקען; איצט האָט ער געמוזט אראָפּלאָזען די אויגען און זיין בלוט איז איהם אריין אין פּנים. דאָס וואָרט האָט אזוי שטראפעדיג אָפּגעקלונגען אין זיין נשמה, אַז ער האָט געמוזט שווייגען". (פּראָזא — דער איבערזעצער).

די ווערטער, מיט וועלכע זיינע געוויסענס־ליידען, ווערען געשילדערט (דאָרט, נומ. פּערצעהן).

„עס דרינגט אריין, חרטה, צו טיעף דיין פּיין און שטאָלצע נשמות, די בייטש שרעקט נאָר דעם פייגלינג, אָבער דו ביזט די פּלאָג פאַר די שטאַרקע" (פּראָזא — דער איב.)

אָט די ווערטער דערמאָנען באַלד אָן דער באַריהמטער שטעל אין „גיאאור" וואו דער גייסט, וואָס ליידט דורך זיין באוואוסטזיין פון דער שולדיגקייט, ווערט פארגליכען מיט א סקארפּיאן, וואָס איז ארומגערינגעלט פון די פייער־פלאַמען און וואָס שטעכט זיך אריין אין זייע געהירן זיין אייגענע גיפט־שטעכעלקע.

און אזוי ווי עס איז פאַראַן א געוויסע עהנליכקייט צווישען דער סיטואַציע און דעם כאראקטער פון מארמיאן און לארא, אזוי שטאַרבען זיי אויך אויף דעם זעלביגען אופן, געפאַלען דורך אַן אַפּענעם קאמף, שטאָלץ אויף דער שוועל פון'ם טויט, גאָטלאָז ביז'ן לעצטען אַטעם־צוג.

אָבער דערמיט איז די עהנליכקייט אויסגעשעפּט; זי איז אָבער גענוג גרויס אום קלאָר צו מאַכען בייראָן'ס אייגענטימליכ־קייט. פאַר סקאָט'ן איז מארמיאן'ס פּערזענליכקייט ניט קיין הויפּט־זאַך, ער גרופּירט נאָר אַרום איהר די געשטאַלטען און די סיטואַציעם פון דער פארגאנגענהייט פון זיין פאַטערלאנד; ער דאַרף די חטאים פון די העלדען, כדי אויף אזאַ'ן אופן צו אנטוויק־לען די פּשוט'ע האַנדלונג; אָבער זיי אינטערעסירען איהם ניט אַלס אַזעלכע און ער שטעלט זיי פאַלשטענדיג אומפּערזענליך. ווען אָבער בייראָן סקיצירט זיינע ערשטע פאַרברעכערישע העלדען, וויל ער ראשית כל געווינען אונזער אינטערעס פאַר זיי. שוין זייערע פּנים'ער דערוועקען אינטערעס און מיטפיהלען ביי יעדען, ווער ס'דערזעהט זיי און עס באַקומט זיך א פאָרשטעלונג פון שטאָלץ, שולדיגקייט, האַס און צו'להכעיס; אין קיין אויגענבליק פון זייער לעבען לאָזען זיי ניט אראָפּ די אויגען פאַר אַן אנקלעגער, ווי מארמיאן טוט; זיי לעבען אזוי ווי יענער סקארפּיאן פון דער לעגענדע: „אַרום און אַרום פייער־פלאַמען, אינעווייניג טויט". ניט קענענדיג געפינען קיין טרייסט פאַר זייער לעבען ניט אין הימעל און ניט אויף דער ערד, ווערט זייער האַרץ צוזאַמענגעצויגען אין

שטאָלץ און ליידען ביז עס הערט אויף צו קלאַפּען. מארמיאָן איז אפילו א האַרט־האַרציגער און עגאָאיסטישער ריטער, אָבער זיין לעצטער געדאנק און זיין לעצט וואָרט איז דאָך „ענגלאַנד“, ער איז צוגעבונדען צו עפּעס גרעסערס ווי צו זיין אייגענעם עגאָאיס־טישען לעבען. אנדערש זיינען בייראָן׳ס גאַנץ ערשטע העלדען: זיי לעבען פּאָלשטענדיג אין זייער אייגענעם אינערען, זיי זיינען אָן אָפּגעשלאָסענע וועלט פאַר זיך און דער דיכטער האָט דערפאַר געזאָרגט, אַז דאָס פּובליקום זאָל דאָ און דאָרט קומען אויפ׳ן געדאַנק, אַז אין זיין נשמה איז פאַראַן אָן עהנליכע פינסטערע און אָפּגעשלאָ־סענע וועלט. מען דערזעהט די אינדיווידואַליטעט הינטערן געדיכ־טעטען, מען פיהלט הינטערן ווערק א הארץ, וואָס האָט געליטען און וואָס זוכט זיין טרייסט אין האַלבע געשטענדענישען און פאַר־שטעלטע אויסברוכען; מיט איין וואָרט, די דאַרשטעלונג איז אין פולסטען זין פּערזענליך. דיערמיט איז איינגעטראָטען א רעוואָ־לוציע אין דער ענגלישער דיכטונגס־אַרט.

אין סקאָט׳ס ריין־עפּישען געדיכט איז דער ערפאָלג ניט געווען צו פאַרדאנקען דער הויפּט־פּערזאָן, דאָס זיינען געווען די פּאַסי־רונגען און באזונדערס די שלאַכטען־שילדערונגען אינ׳ם לעצטען געזאַנג, וואָס זיינען פון דער באַגייסטערטער קריטיק ערקלערט געוואָרען פאַר די בעסטע זייט האָמער. אויב דאָס געדיכט איז געווען גענוג, אַז עס זאָל ארויסרופען די באוואונדערונג פון זיינע לאַנדסלייט, איז דאָס ניט וועניגער גוט געווען, עס זאָל געפעלען אין הויף. בייראָן האָט רעכט געהאַט, ווען ער האָט געזאָגט דעם פּרינץ־רעגענטען, אַז סקאָט שיינט איהם צו זיין אָן אמת׳ער דיכטער פאַר פירסטען, זיי זיינען קיינמאָל ניט אזוי גלענצענד געשילדערט געוואָרען ווי אין „מארמיאָן“ און אין דער „בתולה פון זעע“. איך וואָלט אפילו באהויפּטעט, אַז אין „מארמיאָן“ טרעפט מען דירעקטע אָנדייטונגען אויפ׳ן פּרינץ־רעגענטען און זיין פרוי. דער פּרינץ־רעגענט האָט ניט געקענט אָהן געמיטס־באוועגונג לייענען די שיל־דערונג פון קעניג דזשיימס אויפטרעטען אין דער פּראַכטפולער הויפּט־טראַכט. די פון הויף־פאַרשטויסענע פּרינצעסין פון וועלס, מיט וועלכער סקאָט האָט זיך פּערזענליך באַקאַנט, ווען מען האָט איהם אין 1806 אין לאָנדאָן דאָס ערשטע מאָל פּראָקלאַמירט אלס לייב און ער האָט זיך דאַמאָלס אָנגעשלאָסען אָן דער טאָרי־פּאַרטיי,

אַט די פּרינצעסין האָט געקאָנט אויף זיך באַציהען די שילדערונג אין געדיכט פונ׳ם איינזאַמען לעבען פון דער פאַרלאָזענער קעניגין מאַרגאַרעטע, אין דער צייט, ווען דער ריכטערליכער און לייכטזיניגער מאָנאַרך פאַרברענגט די צייט מיט זיינע געליעבטע.

אַנגעפאַנגען אין 1806, איז „מאַרמיאָן" יערשיענען אין 1808, און ווען סקאָט איז מיט אַ יאָהר שפּעטער דעם צווייטען מאָל געווען אין לאָנדאָן, האָט מען איהם אַזוי באַגייסטערט אויפגענומען, אַז אַן אַנדערער וואָלט געקענט משוגע ווערען דערפון. ער האָט געשפּיעלט זיין לייב־ראָלע מיט אַזאַ גוטמוטיגקייט און אַזאַ הומאָר, וואָס מען געפינט ניט אָפט ביי דעם, וועמען עס איז באַשערט אין אַ וועלט־שטאָדט צו זיין דער העלד פונ׳ם אויגענבליק. מען זאָגט, אַז איינמאָל, ווען ער האָט אונטערגעהאַלטען אַ גאַנצע געזעלשאַפט מיט זיינע ערצעהלונגען און איז געבליבען, נאָכדעם ווי די געסט זיינען אַוועק, שפּעט ביי נאַכט מיט זיינע אינטימע פריינד, האָט ער מיט אַ פרעהליכער שטים אָנגעפאַנגען צו ציטירען די ווערטער פון שעקספּיר:

„איך וויים גאַנץ גוט, אַז איך בין האַנס שנאַק, דער שריינער, קיין בייזער לייב אודאי ניט".

און אַזוי האָט ער זיך פאַרהאַלטען גאַנץ באַשיידען און ווען עס איז געקומען צו רייד וועגען בערנס האָט ער מיט כעס געזאָגט, אַז ער פאַרדינט ניט דערמאָנט צו ווערען אין איין טאָג מיט בערנס.

אויב סקאָט איז געווען אַלס לייב גאַנץ גלאָסען און צוגענגליך איז ער אָבער דערפאַר אַלס טאָרי געווען זעהר בייז. זיין רייזע קיין לאָנדאָן האָט געהאַט באַזונדערס דעם צוועק צו פאַרשאַפען מיט־אַרבייטער דער „קוואַרטערלי רעוויו"; סקאָט האָט זיך געגרייט זי צו רעדאַקטירען אין אַ שטרענג קאָנסערוואַטיווען גייסט און באַזונדערס האָט איהם אויפגערעגט די פראַגע וועגען דער עמאַנציפּאַציע פון די קאַטאָליקען. זיין געדאַנקען־גאַנג איז אין ערך געווען אַזעלכער: ווען אַ רעליגיעזע סעקטע איז נאָך איהר כאַראַקטער ענג פאַרבונדען מיט די פּאָליטישע באַשטרעבונגען פון אַן אויסלענדישער מאַכט און איז אונטערוואָרפען דעם גייסטיגען איינפלוס פון אַ פּריסטערשאַפט, וואָס האָבען ניט זייער גלייכען

הן אין ראַפינירטקייט און הן אין טעטיגקייט, קען מען דאָס דעם שטאַאַט ניט פּאַראיבעל האָבען, אז ער וויל די אנהענגער פון אָט דער סעקטע ניט צולאָזען צו זיינע עמטער. „ווען איינער טראָגט ארום אַ פּאָר פונט שוס־פּולווער אין טאַש“, זאָגט סקאָט, „און איך בין אזוי גוט און טרייב איהם דערפאַר ניט ארויס פון מיין הויז, איז דאָס דאָך ניט קיין סימן, אז איך מוז אָפּגעבען אַ פּלאַץ ביי מיין הערד“. ביי אָט דער אנזיכט איז סקאָט געבליבען זיין גאַנץ לעבען; אַ פּאָר יאָהר פאַר זיין טויט האָט ער איינמאָל געזאָגט צו זיין איידעם: „איך האַלט די פאַפּסטעריי פאַר אזאַ אונניצ־ליכען און שרעקליכען אבערגלויבען, אז איך וואָלט שווערליך געגע־בען מיין איינווילינגונג דערצו מען זאָל ארונטערנעמען די פּיינליכע שטראָף, וואָס האָבען געגאָלטען ביז 1780. אָבער איצט, ווען מען האָט דער באַבילאָנישער דאַמע אָוועקגענומען דעם פּלאַסטער פון מויל, וויים איך ניט פאַר וואָס מען זאָל איהר ניט וועלען געבען קיין פּלאַץ אין פּאַרלאַמענט“. מען באַגרייפט ערשט רעכט, ווי נויטיג ענגלאַנד האָט באַדאַרפט אַזעלכע דיכטער ווי מאָר, בייראָן און שעלי, ווען מען הערט אַזאַ מאַן ווי סקאָט מיט אזאַ גייסטעס־אַדעל און בילדונג זיך אויסשפּרעכען מיט אזאַ שענדליכער און גרויזאַמער באַשרענקטקייט.

אין יאָהר 1810 איז ערשינען „די בתולה פון זעע“. דאָס איז דער גרעסטער פון די ביז־צו־יענער־צייטיגע ערפאָלגען. די הער־ליכע וואַלד־און־בערג־פרישקייט, וואָס פליסט דורכ'ן גאַנצען שע־נעם ווערק; די מילדע וואַרעמקייט; דאָס אמת'ע געפיהל, וואָס ווערט קיינמאָל ניט קיין שטורמישע ליידענשאַפט; דאָס גאַנצע נאַטור־בילד, וואָס ווערט אין ערגעץ ניט. ווי ביי וואָרדסוואָרט, גע־שטערט דורך צדקה־סימפּאַטיען און מאָראַל־פּרעדיגטען, דאָס אַלץ האָט געווירקט ווי אַ כשוף אויף דער לעזער־וועלט. די פּאָפּולאַריי־טעט פון אָט דעם געדיכט איז געוועזען אזוי גרויס, אז די איינגאַמען פון די פּאָסט־אַנשטאַלטען ביי די סטאַנציעס ניט וויים פון דער סצענעריע האָבען זיך פאַרדאָפּעלט. אום צו געפינען אַ פּאַראַלעל צו'ן אָט דעם דערמאָנטען פאַקטען, מוזען מיר זיך ווידער אַמאָל אומקעהרען צו סקאָט'ס ביאָגראַפיע. ווען עס איז ערשינען דער ראָמאַן „דער אנטיקוואַרמער“, פון וועלכען עס זיינען פאַרקויפט

געוואָרען אין צוויי טעג ניט ווייניגער ווי 6000 עקזעמפּלאַרען, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז וואָלטער סקאט האָט אַ נאָמען געגעבען די הינט פון דענדי דינמאָנטס מיט די נעמען „פּעפּער" און „זענף" נאָך די נעמען, וואָס אַן אַרענדאַר אין ליעדסדייל האָט געגעבען זיינע הינט. אָט דער מאַן מיט'ן נאָמען דייווידזאָן, וואָס איז באמת אין ראָמאַן גאָר ניט פאָרטרעטירט געוואָרען, איז אַזוי באַקאַנט געוואָרען, אַז מען האָט געמאַכט רייזען צו איהם אום איהם צו זעהן; אַ באַקאַנטע דאַמע, וואָס האָט געוואָלט האָבען צוויי הינטלאַך פון די באַקאַנטע הינט און ניט געוואוסט דעם אַדרעס פון דייווידזאָן, האָט אַדרעסירט איהרע בריעף צו דענדי דינמאָנט און — דער בריעף איז אָנגעקומען ריכטיג צו דייווידזאָן. „די בתולה פון זעע" איז ניט ווייניגער וואַרעם אויפגענומען געוואָרען. דער שאָטלענדישער קאַפּיטאַן אדאַם פערגיוסאָן שרייבט דער דיכטער אין אַ בריעף, אַז ער האָט אין פּאָרטוגאַל אויף זיין פּאָסטען אונטער דער סכנה פונ'ם פיינד'ס פייער אויף די קניעס פאָרגעלעזען די דיכטונג; די מאַנשאַפט איז געלעגען אויסגעשטרעקט אויף דער ערד און ווען ער האָט פאָרגעלעזען די באַשרייבונג פון דער שלאַכט אינ'ם זעקסטען געזאַנג האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, וואָס איז נאָר אונטערבראָכען געוואָרען מיט אַ דונערדיגען הוראַ ווען עס איז אַראָפּגעפאַלען אַ פראַנצויזישע קויל.

וואָס געפינט אַ מאָדערנער און אַן אויסלענדישער לעזער אין אָט דעם געדיכט ביי היינטיגען טאָג? ראשית כל דעם נאַציאָנאַלען שטעמפּעל, די פאַרהערליכונג פון די נאַציאָנאַלע און פּעאָדאַלע זכרונות און זיטען, פון דער קעניגס־מאַכט און פון דער געטריישאַפט צום שבט אין קלאָרע, לעבעדיגע און אומשולדיגע לידער, דערצו קומען נאָך נאַטור־שילדערונגען אַזוי ווי ביי כריסטיאַן ווינטער — קיין פּסיכאָלאָגיע. דאָרט זיינען פאַראַן אַן אַלטער דיכטער מיט'ן נאָמען אַלאַן; אַ ראָמאַנטישער אַלטער, האַלב־דרואיד, האַלב־נביא, מיט'ן נאָמען בריאַנד; ראָמאַנטישע חלומות, וואָס קומען אין דערפילונג; נבואות, וואָס פאַרווירקליכען זיך. אָבער דאָס אַלץ ווערט פּאָלקסטימליך באַשריבען אָבער ניט איינגעוועבט אין מיטאָלאָגיע. מיר געפינען אפילו קיין סימן ניט פון אָט די שרעקענס־ראָמאַנטיק, אין וועלכער סקאט אַליין וואָלט געוועהן דער

לעצטער צו גלויבען. וויפיעל ער זאָל זיך ניט באַגייסטערען פאַר זיינע גייסטער — און געשפּענסטער — געשיכטען, ער פערזענליך איז, להיפוך צו די דייטשע ראָמאַנטיקער, גאַנץ ווייט דערפון זיך צו לאָזען באַאיינפלוסען פון די שרעק און סודות־פולע איינדרוקען. ער דערצעהלט ערגעץ, אַז ער איז איינמאָל אין אַן אָבענד געקומען אין אַ דאָרף־האָטעל און מען האָט איהם געזאָגט, אַז ס'איז שוין קיין בעט פאַר איהם ניטאָ. — „איז גאָר קיין פּלאַץ ניט פאַראַן, וואו איך זאָל קענען שלאָפען?" — „ניין, דאָס איינציגע ליידיגע בעט, וואָס איז דאָ, שטעהט אין צימער, וואו עס ליגט איצט אַ טויטער". — „איז דער טויטער געשטאָרבען פון אַן אַנשטעקענדי־גער קראַנקהייט?" — „ניין" — „גוט, גיט זשע מיר דאָס צווייטע בעט". — „איך האָב מיך געלעגט אין בעט, דערצעהלט סקאָט, און — איך האָב קיינמאָל קיין געשטערטע נאַכט ניט געהאַט". שטעלט אייך פאַר נאָוואַלים אָדער האָפמאַן אין אַן עהנליכער סיטואַציע!

דער ראָמאַנטישער דופט פון אין דער „בתולה פון זעע" איז אויף אַזאַ'ן אופן גאַנץ ווייט דערפון צו האָבען אין זיך עפּעס פאַרעלטערטעס. דאָס וואָס עס מאַכט אונז היינט דאָס געדיכט ווייניגער אינטערעסאַנט, איז ניט אין דעם פאַרעלטערטען, נאָר אין דער טעאַטראַלישער פאָרם פון דער שילדערונג פון די זיטען און געברויכליכקייטען. דערצו נאָך האָט זיך סקאָט ניט איינגעגעבען זיך צו באַפרייען פונ'ם באַלעט; אַ ראָמאַנטישע עפּאָכע, דורך וועלכער אויך סאַוטיי איז געשטרויכעלט געוואָרען. עס ווערט, למשל, אין געדיכט דערצעהלט פון אַן אויפגעבאָט צו קריג און דאָ ווערט מיט גאַנצע אומשטענדען געשילדערט ווי עס געהט צו, ווי אַזוי אַ בחור'ל צוטראָגט די בלוט און פייער בשורה דורכ'ן גאַנצען לאַנד. צוליעב דעם טעאַטראַלישען עפעקט ווערט דאָ געטריבען אַלצדינג ביז צום אויסערסטען: דער יונגער מאַן טרעפט דאָס ערשטע אַ לויה און נעמט אַוועק דעם מלחמה־פעהיגען זון פון זיין פאָטער'ס לויה, שפּעטער באַגעגענט ער אַ חתונה און נעמט אַוועק דעם חתן פון דער כלה. עס זעהט אויס ווי דאָס וואָלט פאָרגעקור־מען אין טעאַטער, ווי מיר וואָלטען געזעהען ווי דער בחור'ל לויפט אַרום פון הינטער די קוליסען. אויף אַ פייף־סיגנאַל פילען זיך

באַלד אַן די טאָלען און בערג מיט באַוואַקסענטע מענער: א דרעה מיט דער האנט און זיי פארשווינדען צוריק. דאָס זיינען מאַ־סען־ווירקונגען און מען פיהלט, אז דעם דיכטער זיינען דער עיקר די מאַסען און ניט דאָס אינדיווידיום. ראשית כל וויל ער מיט שטאַרקע און דייטליכע שטריכען פאַרשטעלען די שעהנע זיטען פון זיין לאַנד: דער פרעמדער ווערט אויפגענומען אינ'ם שטיבעל גאַנץ גאַסט־פריינדליך און מען שטעלט איהם ניט קיין שום פראַגען, איינער טיילט זיך דאָרט מיט זיין פיינד מיט זיין מאַנטעל ווען דער פיינד ווערט מיד — אויך וויל דער פאָעט איבערראַשען דעם לעזער מיט די אומשולדיגע עפעקטען, פאַר־וואַנדלונגס־סצענעס און נאָך אַזעלכע זאַכען: דער בארג־פיהרער, וואָס באַגלייט פריץ דזשיימס אַנטפּלעקט זיך פלוצלינג אלס דער שבט־הויפּטמאַן ראַדעריק־דו, פאַר וועלכען מען האָט אַזוי שטאַרק מורא, און פריץ דזשיימס איז ניט קיין קלענערער ווי דער קעניג אליין. אָבער ווי געזונד, ווי לייכט, ווי פרעהליך און מיט וואַסער א ברייטען שטראָם עס גיסט זיך דאָ דער ליעב־געזאַנג אויף שאָט־לאַנד און די שאָטלענדער! דער קעניג, אַן אמת'ער עהרען־מאַן ווי די מלכים זיינען ביי קאַלדעראָן, באַהערשט זיין לידערשאַפט און די איינוואוינער פון די טאָלען און בערג, די מענער און די פרויען, אלע האָבען זייערע הערצער אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ. מען כאַפּט א קוק אין א האַרמאָנישער וועלט אריין און מען באַגעהט זיך אָהן וואָרדסוואָרט'ס שטראַפענדיגע און מאָראַליזירענדיגע פּסיכאָלאָגיע.

וויל מען באמת האָבען א גוטען פּאַראַלעל צו דער „בתולה פון זעע" זאָל מען לייענען וואָרדסוואָרט'ס אַן עפּאָס, וואָס איז באַגרינ־דעט אויף א באַלאַדע „די ווייסע הערשען פון רילסטאָן". אָט דער עפּאָס איז אויך אָנגעפאַנגען אין 1809, און דער פּאָעט פון רידאַל־מאַאונט, וואָס האָט זיך געפיהלט געטריבען צו קאָנקורענץ, קומט דאָ גאַנץ נאָהענט צו סקאָט'ס געבעט. עס וועט קוים אימיצער וועלען באַשטרייטען, אז דאָס געפיהל איז ביי וואָרדסוואָרט פיעל טיעפער. מיט זיין האַס קעגען אלע בלענדענדע טוגענדען און גלענצענדע חטאים, האָט ער זיך אויסגעקליבען א העלד, וואָס, כאָטש ער איז א געהאָרכזאַמער זון און א מוטיגער ריטער, זאָגט

יער זיך דאָך, צוליעב זיין פליכט־געפיהל, אָפּ צו פּאָלגען זיינע ברי־דער און זיין פאָטער, ווען זיי הויבען אויף די אויפשטאנדס־פאָהן קעגען דער קעניגין עליזאבעט פון ענגלאנד און ער, פארשטויסען און ניט אנערקענט, ניט האָבענדיג די מעגליכקייט צו טיילען מיט זיי די געפאהרען ארום זיי, מוז יער מיטמאַכען זייער דורכפאַל און די שענדליכע שטראָף. ער האָט באַזאָרגט זיין העלד מיט זעלבסט־פארלייקענונג, פעסטקייט, גוטסקייט און נאַצאַרענישער רעליגיאָזיטעט. אָבער וויפיעל געקינסטעלטער טיפזין, וויפיעל אַפעקטירטע איבערנאַטירליכקייט, סענטימענטאַליטעט און רעלי־גיעזע באַגייסטערונג עס פיהלט זיך דאָרט! סקאָט באַטראַכט די נאַטור און די אַלטע זיטען מיט'ן אויג פון אַ יעגער, וואָרדסוואָרט — מיט דעם אויג פון אַ מאָראַליסט. וואָרדסוואָרט'ס שווער אָנגע־לאָדענע משא־שיף באַוועגט זיך לאַנגזאַם, שטעלט זיך אַלע מאָל אָפּ און פארהאַלט זיך אונטערוועגס, סקאָט'ס דיכטער־שיפעלע פאָהרט שנעל און לאָזט נאָר איבער לייכטע שוים־בולבעס אין דער פאַנ־טאַזיע פונ'ם לעזער. עס איז מיט'ן שיפעלע ווי עס הייסט אין דריטען געזאַנג פונ'ם געדיכט: עס איז געלאָפען אַזוי שנעל, אַז ווען עס איז געקומען צו דער צווייטער זייט פונ'ם ברעג, האָט נאָך אפילו איין בולבע פון די אַלע, וואָס זי האָט פאַראורזאַכט געהענדיג איבער'ן וואַסער, ניט געפּלאַצט און זיי האָבען זיך נאָך געוויגט אויף די כוואַלים.

עס איז לייכט צו באַגרייפען, אַז סקאָט'ס פּאָעזיע מיט איהר ליידענשאַפט פאַר ריטערליכע טוגענדען, פאַר שטאַרקייט און מוט, ווען דאָס איז אפילו ביי רויבערישע שטאַם־הויפּטלינגע, ביי זעע־רויבער, א. אז. וו. — מיט איין וואָרט, מיט אַלע סימפּאַטיען, וואָס בילדען דעם איבערגאַנג צו בייראָנ'ס ליעבע צו דעם געוואַגטען און ווילדען, אַז דאָס אַלץ האָט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען אַן עקעל פאַר די מאָראַלישע און קריסטליכע דיכטער פון דער זעע־שול. איך געפין אין אָט דער באַציהונג אַ זעהר כאַראַקטעריסטישען אויסדרוק ביי קאָלרידזש, וואו ער באַשולדיגט סקאָט'ן אין דעם, אַז „ער העלפט דעם קראַנקהאַפטען פאַרלאַנג נאָך רייצמיטלען דערמיט, וואָס ער שילדערט מיט סימפּאַטיע דאָס נידעריגע און זינדיגע, ווען עס ווערט נאָר אויסגעפיהרט פון וואַגענדע מענשען.” קאָלרידזש

שליסט מיט די פארביסענע ווערטער: „קיין צוואנציג שורות וועלען פון סקאט דער נאכוועלט ניט איבערבלייבען, זיי האבען מיט קיין זאך קיין שייכות ניט.” די נבואה איז ניט מקוים געווארען.

אין יאהר 1811 זיינען ארויס די צוויי ערשטע געזאנגען פון „טשיילד־העראלד” און באלד נאך דעם האט סקאט באקומען א בריעף פון בייראן אין וועלכען ער ענטשולדיגט זיך אויפריכטיג פאר זיין נארישען אנפאל אויף סקאט'ן אין זיין סאטירע „ענגלישע פאעטען און שאטלענדישע רעצענזענטען”. דער אינגער היצקעפּיגער פאעט האט איבערהויפט זיין עלטערען קאלעגא מיט שפאטישע באמערקונגען ניט נאר דערפאר ווייל זיין ליעבלינגס־העלד איז „א געמיש פון וואלד־גנב, רויבער און געמיינער שופט”, נאר אויך דערפאר, וואס סקאט לאזט זיך באצאהלען פאר זיינע שריפטען און „ארבייט פאר זיינע ברויט־בעלי־בתים”. בייראן האט אין זיין ערשטער יוגענד, ווי נויטיג ער האט עס אויך באדארפט, האט זיך שטאלץ אפגעזאגט דערפון. ערשט נאך זיין צווייטען מאל אפפאהרען פון ענגלאנד האט ער זיך אויסגעלערענט ארויסצובאקומען א גרויסע איינקונפט פון זיינע ביכער. ער האט פונקט אזוי חרטה געהאט אויף זיין איבערגעאיילטען שריט קעגען סקאט, ווי ער האט אויך אויף אנדערע זאכען, וואס ער האט געמאכט אין איילעניש, חרטה געהאט. נאך דער קורצער מיספארשטענדניש צווישען די ביידע גרויסע און גוטע מענשען האט זיך איצט אנגעפאנגען א הארציג פארשטעהן זיך.

אבער אויף סקאט'ס שאפונגען האט דער „טשיילד־העראלד” געמאכט א טיעפען און לאנג אנהאלטענדיגען איינדרוק. ער האט מיט א קלארען בליק דערזעהן, אז אין דער פאעטישער ערצעהלונג קען ער מיט בייראן קאנקורירען און האט דערפאר באשלאסען אויסצוקלייבען אן אנדער קונסט־געביט, אויף וועלכען ער איז אין אייראפא טאקי געבליבען דער איינציגער.

די אויסערונגען איבער די לייט־מאטיווען דערצו, ווי איבערהויפט אלע אויסערונגען איבער בייראן, וואס זיינען צושטרייט ארומעטום אין סקאט'ס לעבענס געשיכטע, זיינען פול מיט דער בעסטער אפענהארציגקייט און צייגעניש פון דער עדעלסטער מענשליכקייט. אין יאהר 1821 זאגט ער צו א פריינד: איך האב שוין

לאַנג אויפגעגעבען צו שרייבען פּערזען. איך בין געווען אויף אַט דעם וועג א זיגער און האָב ניט געוואָלט דערלעבען די צייט, וואו אַן אַנדערער זאָל אָוועקגעשטעלט ווערען פאַר מיר. די קלוגשאַפט האָט מיר גע'עצה'ט מיך צוריקצוציהען פאַר בייראָנ'ס שטאַרקער זשעניאַליטעט. איך זאָל זיין דורשטיג נאָך דיכטער-באַריהמטקייט און אייפערזיכטיג אויף דעם, וואָלט איך מיך אפשר מיט אזוי פיעל מוט, ווי בייראָן האָט אַרויסגעוויזען ביי זיין אויפטרעטען, אַריינגעלאָזען אין א צוויי-קאַמף אָדער איך וואָלט איבערראַשט דאָס פּובליקום דערמיט, וואָס איך וואָלט אַליין דורכגעפיהרט די ראָל פון'ם שטאַרבעדיגען קערפּער, אָבער איך בין זיך מודה מיט דער אָפענהאַרציגקייט, וואָס דו קענסט שוין ביי מיר זייט צוואַנציג יאָהר, אַז איך האָב מיך ניט געפיהלט שטאַרק גענוג דערצו." און ווען מען האָט איהם א יאָהר פאַר זיין טויט געפרעגט, פאַר וואָס ער האָט מעהר ניט געשריבען קיין גראַמען, האָט ער געענטפערט: „וויל בייראָן האָט מיך באַזיגט". און ווען דער פרעגער האָט איהם באַמערקט, אַז ער קען אזוי פיעל שטעלען פון סקאָט'ס לידער ווי פון בייראָנ'ס, האָט ער געענטפערט: „דאָס קען זיין, אָבער ער האָט מיך דורך זיין שילדערונג פון די לײדענשאַפטליכע געפיהלען און דורך זיין טיעפע קענטעניש פון'ם מענשליכען האַרץ געשלאָגען אויף דעם פעלד." ווען אַט דאָס געפיהל איז פאַר'ן ערשטען אויגענבליק אַפילו געווען פאַר סקאָט'ן א ביטערס, האָט ער זיך דאָך מיט רעכט געקענט אין טרייסט דערהויבען מיט דעם געדאַנק, וואָס ער האָט אַמאָל אויסגעשפּראָכען: „ווען איך האָב געהאַט אורזאַך מיך צו נעמען צום האַרצען, וואָס די ענטוויקלונג פון זיין זשעניע שטעלט מיך אין שאַטען, האָב איך מיך אָבער געקענט טרייסטען דערמיט, וואָס די נאַטור האָט מיר דערפאַר געגעבען א פיעל גרעסערע פעהיגקייט צו זיין גליקליך."

מיט „וועווערלי", וואָס איז ערשינען 1814 אַנאָנים, פאַנגען זיך אָן א לאַנגע רייהע פון אַנאָנימע ראָמאַנען, וואָס האָבען סקאָט'ן אין זיין פאַטערלאַנד באַריהמט געמאַכט אין דער גאַנצער וועלט. זייער ערשיינען פאַלט אויס אין דער צייט ווען דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ און די האָפנונגספולע אויסזיכט אויף דער צוקונפט בליצט אויף ביים שלום-אָפּמאַך מיט פראַנקרייך. אַט די ווערק זיינען ניט

ווי די פון די בעסטע דיכטער, ווי די ווערק פון געטע און בייראָן, פּראָדוקטען פון פאַרשידענע ענטוויקלונגס־שטופען און בילדונגס־שטאַדיען; זיי זיינען אויך ניט קיין ווערק פון טיעף־איינגרייפענדע פערזענליכע עראייגניסען, זיי זיינען פול־אויסגעטראָגענע שאַפונגען פון אן אונערשעפּליכער ערצעהלונגס־פעהיגקייט און אן אונגע־וועהנליכען כאַראַקטעריזירענדען טאַלאַנט. זיי באַדייטען אין צוויי ריכטונגען אן אויסעראָרדענטליכען פאָרטשריט: בנוגע צו דער אויפפאַסונג פון היסטאָרישע ערשיינונגען און בנוגע צו דער שיל־דערונג פון'ם בירגערליכען לעבען.

די געשיכטס־שרייבער פון'ם אכצעהנטען יאָהרהונדערט, וועל־כעס אידעאַלען עס זיינען געלעגען אין זייער אייגענער צייט, האָבען אויפגעפאַסט זייער באַרוף מעהר אָראַטאָריש אַלס דיכטעריש און האָבען זיך מיט אבסטראַקטער פאַרשטענדיגקייט באַשעפטיגט מיט פּאָליטישע און ציוויליזאַטאָרישע פראַגען זיך ניט רעכענענדיג מיט'ן קלימאַט, מיט די געאָגראַפישע סיטואַציעס און די עטנאָגראַ־פישע סבות. דאָס פאָלק אַלס פאָלקס־שטאַם האָט ביי זיי איבער־הויפּט קיין ראָל ניט געשפּיעלט. וואַלטער סקאַט האָט אַלס היס־טאָרישער שריפטשטעלער להיפּוך צו זיי ראשית כל געגעבען די פאַרביגע שילדערונג פון'ם באַשטימטען צייט־פעריאָד און דעם באַשטימטען לאַנד. עס איז איהם אפילו ניט איינגעפאַלען צו קליידען זיינע העלדען און קאָסטיומען פון זיין אייגענער צייט, ווייל אינ'ם טיפען אינערען פון זיין נשמה האָט ער מעהר ליעב גע־האַט דאָס פאַרשידענאַרטיגע און פאַרבענרייכע לעבען פון דער פאַר־גאַנגענהייט ווי דאָס טרוקענע האַנדלען און געשליפענע רעזאַנירען פון זיין אייגענעם יאָהרהונדערט.

שאַטאָ־ביראַן האָט מיט עטליכע יאָהר פריהער אין „די מאַר־טירער" פאַרזוכט צו מעסטען יעדע צייט־פעריאָדע מיט איהר איי־גענער מאָס און איבערגעגעבען אין לעבעדיגע שילדערונגען די פיזיאָגנאָמיע פון אַלטערטום. אָבער וואַלטער סקאָט איז דאָך דער אמת'ער ענטדעקער און דורכפיהרער פון יענער לאָקאַל־פאַרב אין דער דיכטונג, וואָס איז געוואָרען די גרונדלאַגע פאַר דער גאַנצער ראָמאַנטישער פּאָעזיע אין פראַנקרייך און ער איז עס געווען, וואָס האָט פון אָנפאַנג אָן אינספּירירט מערימע, הוגאָ און גאָטיע. און

ניט געגוג וואָס ער איז דורך זיין היסטאָרישען חוש געוואָרען דער וועג־ווייזער פון א גאַנצער דיכטער־שול, האָט ער נאָך מיט זיינע באשיידענע ראָמאַנען געהאַט דעם גרעסטען איינפלוס אויף די געשיכט־שרייבער פון׳ם נייעם יאָהרהונדערט. מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אז וואָלטער סקאָט׳ס „אייווענהאָ" האָט געפיהרט אוי־גוסטען טיערי אויפ׳ן געדאַנק, צו זוכען הינטער די טאַטען פון כלאָדוויג, קאַרל דעם גרויסען און הוגא קאַפעט דעם ראַסען־קאַמף צווישען נאָרמאַנען און זאַקסען און די שפּורען פון א פראַנצויזי־שער עראָבערונג אַלס די אמת׳ע אורזאַכען פון די געשעהעגישען. אָט דער דיכטער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין טיעפען בליק פאַר דער נשמה פון די מאָדערנע יחידים און וואָס האָט זיך אויסגעוויזען פאַר דער מאָדערנער אינדיווידואַליסטישער צייט ווי א מענש, וואָס היינגט אָפּ פון נאַציאָנאַלע, מאָנאַרכישע און רעליגיעזע פאָר־אורטיילען, אָט דער דיכטער האָט, דורך זיין שטאַרקען נאַטוראַ־ליזם, געהאַט דעם שאַרפסטען ענטדעקער בליק אזוי שנעל ווי ער איז געקומען דערצו צו באהאנדלען די מענשען אַלס שבט, אַלס פאָלק, אַלס שטאַם, אַלס ראַסע. ער, וואָס איז געווען געוואוינט כסדר צו דענקען וועגען דעם געגענזאַץ צווישען שאָטלענדער און ענגלענדער, האָט ווי דורך א פּלוצלינגע אינספּיראַציע שנעל גע־פונען די באַדייטונג פון׳ם ראַסען־געגענזאַץ צווישען אנגלאָ־זאַקסען און נאָרמאַנען, און זיינע שילדערונגען האָבען דורכדעם באַקומען אזאַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער פעלקער־פּסיכאָלאָגיע ווי ביי־ראָן׳ס שילדערונגען פאַר דער פּסיכאָלאָגיע פון׳ם יחיד.

עס מוז דאָ נאָך צוגערעכענט ווערען די גרויסע באַדייטונג פון אָט די ביכער אַלס שילדערונגען פון אַלע בירגערליכע געזעלשאַפטס־שיכטען און שאַרף־בולט׳ע און טיפּישע רעפּרעזענטאַנטען. אין דער צייט, וואָס ביי די ראָמאַנען פון׳ם פאָריגען יאָהרהונדערט (פיעלדינג׳ס, למשל) שלעפּט מען זיך פון איין ווירטס־הויז צום צווייטען, אַנטפּלעקט זיך ביי סקאָט דאָס בירגערליכע לעבען אין זיין גאַנצער ברייטקייט. נאָך העכער ווערט די ווערדע פון אָט די ווערק דורך די רעאַליסטישע ענערגיע, מיט וועלכער דאָס אינדי־ווידיואום ווערט דאָ פאָרגעשטעלט. די ענגלענדער האָבען כסדר הויך געשאַצט אָט די באַזונדערע פעהיגקייט דורך ממשות׳דיגע און

אויגענשיינליכע איינצעלהייטען אזוי דייטליך אוועקצושטעלען די געשטאַלטען פאַר'ן לעזער. זייער הארטער, געזונטער פארשטאַנד פּרעהט זיך מיט'ן קרעפטיגען דייטליכען אויסדרוק. זיי האָבען אַם ליעבסטען אַט דאָס פּאַעטישע בילד, וואָס איז אויסגעפיהרט מיט אזא געזעטיגטער פארב, אז מען דערזעהט עס פאר זיך ווי אן עמבלעם אויף א שילד. אַט דער ליידענשאפט האָט סקאָט אַלס ראָמאַנשריפטשטעלער געדיענט. מען איז גערן מוחל די שרעקליכע ברייטקייט פון זיינע באַשרייבונגען און געשפּרעכען. אזוי ארום האָט מען באַקומען דאָס דייטליכסטע בילד ענטוועדער דורך דאָס צוזאַמען־חבור'ן פון די איינצעלנע שטריכען אָדער דורך דאָס שטענ־דיגע איבער'חזר'ן פון דיזעלבע כאַראַקטערשטריכען. ווען זיין פאָרם איז אפילו אזעלכע וואָס דערמידעט, אָבער ער איז דאָך פון דעסטוועגען איינער פון די גרעסטע כאַראַקטער־צייכנער, וואָס האָ־בען ווען עס איז געלעבט. אזא פרויען־געשטאַלט ווי דיאַנא ווער־נאן אין „ראַב־ראוי" אָדער דזשעני דינס אין „געפענגעניש פון עדינ־בורג" אָדער אזא היסטאָרישע פערזענליכקייט ווי לודוויג ז'ער עלפ־טער אין „קווענטען דיורוואַרד" שטעהען אויף דער לעצטער שטופע פון הויכקייט, וואָס איז ווען עס איז דערגרייכט געוואָרען אין דער ראָמאַן־דיכטונג.

דאָך איז מיט דער בוי־פאָרם פון אַט די ראָמאַנען געווען פון אָנפאַנג אָן פאַרבונדען א חסרון, וואָס איז איבערגעגאַנגען שפּעטער בירושה אויף א גאַנצען קלאַס פון טאַלאַנטפולע ראָמאַן־שריפטשטע־לער; די אונקינסטלערישע שנעלשרייבעריי, וואָס האָט צוליעב דער אויסזיכט אויף גרעסערע האָנאָראַרען, פאַרוואַנדעלט אין א פאַבריק־אַרטיגע אינדוסטריע. שוין אין 1809 איז סקאָט געווען פאַרבונדען מיט דער בוכהאַנדלונג באַלאַנטין, וואו די „קוואָרטערלי רעוויו" איז ארויסגעגעבען געוואָרען; אַלס ראָמאַנשריפטשטעלער האָט ער געמאַכט א שותפות'דיג געשעפט מיט זיין דרוקער און פאַרלעגער, א פירמאַ, וואָס איז ליידער געווען מעהר אונטערנעהמונגס־לוסטיג ווי פּאָרזיכטיג. ער האָט פון דאַמאָלס אָן פּראָדו־צירט מיט א פּאַבעלהאַפטער שנעליגקייט. „גיו־מאַנערינג" איז אין פינף און צוואַנציג טעג אָנגעשריבען און אָפּגעדרוקט געוואָרען. באַלד האָט ער עס געבראַכט אזוי ווייט, אז ער האָט דורכשניטליך

יעדען יאָהר פּארטיג געמאַכט צוועלף בענד. אָנשרייבען פּערציג דרוק־זייטען ביז צום מיטאג איז פאר איהם געווען א גאַנץ גע־וועהנליכע פארמיטאג־ארבייט. דער פארקויף איז געגאַנגען האנד אין האנד מיט דעם ריזיגען פּראָדוצירען: פון „ראב־ראי" זיינען אין פארלויף פון זעקס וואָכען פארקויפט געוואָרען 10,000 עקזעמ־פּלאַרען, פון די שפּעטערע ראָמאַנען איז דער פארקויף נאָך געווען א גרעסערער. כדי צו ווייזען דורך א צאָהל, וואָס פאר א גראד פון פארברייטונג אָט די ביכער האָבען דערגרייכט, וויל איך נאָר דער־מאָהנען, אז סקאָט'ס פארלעגער האָבען אין יאָהר 1822 אליין ארויסגעלאָזען ניט ווענינער ווי 145,000 נייע און אלטע בענד ראָ־מאַנען. דער האָנאָראר איז געשטיגען מיט'ן פארקויף: פאר די ערשטע צוויי אויפלאגען פון נאַפּאָלעאָנ'ס ביאָגראפיע האָט סקאָט באקומען 18,000 פונט, און ער פלעגט יעדען יאָהר ביז 1826 באַ־קומען ניט ווענינער פון 75,000 דאָלאר. ער האָט פארווענדעט זיין געלד אום צו פארגרעסערען זיין גוט אין אבאטספאָרד. ער האָט געפיהרט כמעט א בורג און פלעגט פירסטליך אויפנעמען א גאַנצע מחנה פון באזוכער, וואָס האָבען באלאגערט זיין הויז און אָפט דאָרט געבליבען וואוינען א לענגערע צייט. זיין שם און זיין פּאָפּו־לאַריטעט האָבען געהאַלטען תמיד אין איין שטייגען.

אין דער צייט פון זיין טריאומף־אויפענטהאלט אין לאָנדאָן, אין יאָהר 1815, וואו מען האָט איהם באעהרט ניט נאָר אלס פּאָעט, נאָר אויך אלס פּאַטריאָט, אלס עהרענבירגער פון עדינבורג, וואָס האָט זיך באקאַנט געמאכט דורך זיין פייערדיגען האס קעגען נאַפּאָלעאָן, דאמאָלס האָט ער באזוכט דעם פּרינץ־רעגענט און יע־נער האָט איהם אנגעלאדען מיט גנאָד־באווייזען. מען דערצעהלט פון יענעם באזוך אן אנעקדאָט, וואָס גיט אין דערזעלבער צייט א באגריף פון דער שאַרפזיניגקייט מיט וועלכער דער טראַנספּאָלגער פלעגט אויף א קורצער צייט געווינען מענשען פאר זיך. ביים פּרינץ־רעגענט איז געווען פארזאמעלט אן אבענד־געזעלשאַפט און סקאָט אלס עהרענגאַסט האָט געמוזט האלטען אין איין דערצעהלען; דער פּרינץ האָט מיט פארשידענע ווערטלאך געזוכט איהם צו פאר־נאַרען ער זאָל זיך מודה זיין, אז ער איז דער פארפאַסער פון די וועווערלי־ראָמאַנען. סקאָט האָט זיך די גאַנצע צייט געשיקט

אַרויסגעדרעהט און, כדי ער זאָל ניט דאַרפען ענטפערען אויף די פראַגען, האָט ער אָנגעפאנגען צו דערצעהלען אַן אמת'ע געשיכטע פון זיינעם אַן אַלטען באַקאַנטען, דעם אויבער־ריכטער בראַקספעלד, וואָס פלעגט אויף זיינע יוריסטישע געשעפטס־רייזען נעכטיגען ביי אַ רייכען גוט־באַזיצער; ביידע, סיי דער גוט־באַזיצער סיי דער ריכטער זיינען געווען ליידענשאַפטליכע שאַכשפּיעלער און פלעגען לאָזען שטעהן אונענטשידען די פאַרטי פון איין יאָהר אויפ'ן אַנ־דערען. דער גוט־באַזיצער האָט שפּעטער באַגאַנגען אַ גרויסען פאַר־ברעך און בראַקספעלד'ן איז צוגעפאַלען די שמערצליכע פליכט אויסצושפּרעכען איבער זיין פריינד און מיטשפּיעלער דעם טויט־אורטייל. ער האָט אָנגעטאָן דעם שוואַרצען הוט און האָט פאַרגע־לעזען דעם טויט־אורטייל, וואָס האָט זיך פאַרענדיגט מיט די ווער־טער: „און דו זאָלסט הענגען אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט שטאַרבען” אָט די טרויעריגע ווערטער האָט ער אויסגעשפּראָכען מיט גרעסטען פאַטאָס, נאָכדעם האָט ער אַראָפּגענומען דעם שיקזאַל־שווערען הוט און האָט מיט אַ וואויל־אינגערישען שמייכעל אַ זאָג געטאָן: „און איצט, דאַנאַלד, מיין פריינד, האָב איך דיך, ווייזט אויס, שוין פאַר שטענדיג מאַט געמאַכט!” אינ'ם זעלבען אויגענבליק האָט דער פרינץ־רעגענט אַ געשריי געטאָן: „לעבען זאָל דער פאַרפאַסער פון „וועווערלי”! און נאָך אַ גלאָז פאַר'ן פאַרפאַסער פון „מאַרמיען”! און וואַרפענדיג אַ בליק צו סקאָט, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ פאַרלע־גענהייטס־פּנים, האָט ער צו איהם געזאָגט: „און איצט, וואָלטער, מיין פריינד, האָב איך דיך שוין פאַר שטענדיג מאַט געמאַכט!”

„דאָס געפענגעניש פון עדינבורג”, איינס פון די פּערל פון סקאָט'ס ווערק, איז ערשינען 1818 און האָט דערהויבען דעם דיכ־טער אויפ'ן שפּיץ פון זיין באַריהמטקייט. נאָכדעם איז 1819 נאָכגעקומען „אייוועגהאָ” און איז אויפגענומען געוואָרען מיט אַ שטורעמדיגען בייפאַל. פון וואָסערע קליינינגקייטען און אומבאַדיי־טענדע ווירקליכקייטס־מאָמענטען האָט געקענט באַשאַפען זיין פּאָעטישע וועלט, קען מען זעהן פון אָט דעם מייסטערהאַפטען ראָ־מאַן. אַ געוויסער הער סקענע, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ רייזע איבער דייטשלאַנד, האָט דערצעהלט סקאָט'ן פאַרשיעדענע זאַכען איבער דעם דאָרטיגען צושטאַנד פון די אידען, זייערע פאַר־

שידענע טראַכטען און זיטען און וועגען דער האַרטקייט, מיט וועל־כער זיי ווערען דאָרט באַהאַנדעלט. דאָס איז פאַר סקאָט'ן גענוג געווען אום צו קענען אויפ'ן יסוד פון דעם אויספיהרען די הערליכע שילדערונג פון יצחק און רבקה. אויב ער איז אין זיין פּריוואַט־לעבען געווען זעהר באַשרענקט בנוגע צו דער פראַגע וועגען פּאָלי־טישע רעכט פאַר די קאָנפעסיאָנען, וואָס זיינען ניט מיט דער קירך, מאַכט איהם אַלס דיכטער נאָך מעהר עהרע דער פאַקט, אז ער האָט אָהן שום פאָראורטיילען גענומען אַ אידישע פרוי אַלס העלדין פון זיין ראָמאַן און זי אויסגעשטאַט מיט אַזעלכע הויכע אידעאַלען און מיט נאַטור־אמת'ער שעהנקייט.

אין יאָהר 1823 האָט סקאָט אָנגעשריבען „קווענטין דיור־ווארד". מיט אָט דעם ווערק טרעט דער דיכטער דאָס ערשטע מאָל אויף אויף פרעמדער ערד און דאָס האָט צו זיין באַריהמטקייט אין ענגלאַנד נאָך צוגעבראַכט די באַריהמטקייט אין פראַנקרייך, דייטש־לאַנד און איטאַליען. די טאַגביכער פון'ם הער סקענע איבער זיין רייזע אין פראַנקרייך זיינען געווען גענוג פאַר סקאָט אום צו געבען זיין דיכטונג אַזא וואונדערפולע פאָרם.

זיין נאָמען איז איצט באַקאַנט געווען אַלעמען אפילו די איינ־געבילדעטסטע פון זיינע לאַנדסלייט. אין דער צייט פון דער שרעק־ליכער ענגשאַפט אין לאָנדאָן ביים קרוינונגס־יום־טוב, איז דער דיכ־טער געשטאַנען אין געפאַהר מיט זיין לעבען, באַזונדערס איבער זיין לאַהמען פוס. אויף אַ פּלאַץ וואו עס האָבען זיך ווי אַ וואַנד אויסגעשטעלט אַ רייהע שאָטלענדישע גאַרדע־דראַגאָנער, האָט זיך סקאָט געווענדט צו איינעם פון די אונטעראָפיצירען און איהם גע־בעטען ער זאָל איהם לאָזען שטעהען אויפ'ן פרייען פּלאַץ הינטער'ן רעגימענט. דער מאַן האָט איהם קורץ געענטפערט, אז ער האָט אַ שטרענגען באַפעהל און קען עס דערפאַר פאַר איהם ניט טון. אין'ם זעלבינען אויגענבליק האָט איינער פון די באַגלייטער פון'ם דיכטער, ווייל ער האָט דערזעהן אַ מאַסע מענשען געהן, אויסגערופען: „סער וואַלטער סקאָט, גיט אַכט!" ווי נאָר דער דראַגאָנער האָט דער־הערט דעם נאָמען, האָט ער אויסגעשריען: „וואָס? סער וואַלטער סקאָט! פאַר איהם איז אומעטום אַ וועג!" און ווענדענדיג זיך צו זיינע קאַמעראַדען האָט ער אַ זאָג געטאָן: „מאַכט פּלאַץ, מענ־

שען, פאַר סער וואַלטער סקאָט, אונזער גרויסען לאַנדסמאַן!" די סאָלדאַטען האָבען געענטפערט: „סער וואַלטער סקאָט! גאָט זאָל איהם בענשען!" אַזוי האָט אויך דאָס פראַנצויזישע מיליטער אין אַפריקאַ אויפגענומען אראַס ווערנע מיט פויקען, מוזיק און מיט דיזעלבע מיליטערישע צערעמאָניען, וואָס מען גיט געוועהנליך אַן אויבער־גענעראַל. איך קען מיר קיין גרעסערען טריואומף פאַר אַ קינסטלער ניט פאָרשטעלען, ווי אָט אַזאַ מין כבוד פון׳ם פּראָסטען פאָלק.

אין יאָהר 1826 איז איינגעטרעטען אַ קריזיס אינ׳ם לעבען פון׳ם דיכטער. די בוכהענדלער־פירמאַ באַלאַנטין, פון וועלכער ער איז געווען אַ שותף, האָט באַנקראָטירט און עס האָט זיך ארויסגע־וויזען צום ערשטוינען פון וואַלטער סקאָט, וואָס איז אין זיינע פּריוואַט־אַנגעלעגענהייטען געווען אויסערסט עקאָנאָמיש און גע־ווויסענהאַפט, אַז די חובות זיינען ניט קיין קלענערע סומע ווי 17,000 פונט שטערלינג. ער האָט מיט העלדישקייט געטראָגען זיין אומגליק. די קעניגליכע באַנק האָט צו איהם געשיקט אַ דע־פּוטאַציע וואָס האָט איהם אין איהר נאָמען ערקלערט, אַז זי איז איהם גרייט צו דינען אין יעדער באַציהונג. ער האָט זיך אָפּגע־זאָגט דערפון. אַנאָנים האָט איהם אימיצער אָנגעבאָטען 30,000 פונט און אויך דערפון האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. ער האָט העלדען־מוטיג באַשלאָסען צו מאַכען דעם פּאַרצוויפעלטען פּאַרזוך, צו באַצאָהלען די גרויסע חובות מיט דער איינקונפט פון זיין פעדער און ניט צו רוהען ביז ער וועט ניט נאַכקומען אַלע פּליכטען, וואָס דער לייכטזין און די אומאָרדנונג פון אַנדערע האָבען ארויפגעלעגט אויף זיינע שולטערען. עס פאַרשטעהט זיך אָבער שוין פון זיך אַליין, אַז דער ווערט פון זיינע שאַפונגען האָבען פון איצט אָן אָנ־געפאַנגען צו זינקען. דער אומגליקליכער שריפטשטעלער האָט אונטערשריבען קאָנטראַקטען וועגען ביכער — אַזוי פיעל און אַזוי פיעל ביכער יעדען יאָהר צו־צושטעלען — וואָס ער האָט נאָך ניט געוואוסט זייער אינהאַלט, יאָ, אפילו זייער נאָמען ניט.

גראַד אין יענער אומגליקליכער צייט, אַ פּאָר חדשים נאָכ׳ן באַנקראָט, האָט ער פאַרלוירען זיין היים־געליעבטע פרוי. זיינע געשעפטען האָבען איהם אפילו ניט ערלויבט צו זיצען ביי איהר

שטאַרב־בעט. ער האָט געהאַלטען אין איין שרייבען — אַ האַלבען באַנד פון'ם ראָמאַן „וואודסטאָק" אין פיער טעג! — און די קרע־דיטאָרען האָבען איהם געשטורמט פון אַלע זייטען. וואַלטער סקאָט, וועמעס הויז עס איז געוועזן כסדר פול מיט געסט, האָט איצט גע־פיהרט אַן איינזאַם לעבען. קאַפּיטאַן באַזיל האַל שילדערט דעם שווערען איינדרוק, וואָס דער לעצטער באַזוך ביים דיכטער האָט אויף איהם געמאַכט, ווען ער האָט געזעהן, אַז סקאָט וואָס איז כסדר געזעסען ביים טיש אַקעגען זיין פרוי מיט קרובים און פרעמדע ארומגערינגעלט, האָט זיך איצט געזעצט גאַנץ אַליין צו אַ טיש, וואָס איז געגרייט פאַר איינעם.

ער האָט געמאַכט עטליכע רייזען, צווישען זיי איינע אויך קיין פּאַריז, צוליעב אַרכיוו־אַרבייט. דאָרט האָט איהם אַ דעפּוטאַציע פון פּאַריזער הענדלערינען דערלאַנגט אַ ריעזען־בוקעט. ער האָט אַרויסגעגעבען אַ געזאַמט־אויסגאַבע פון זיינע ווערק — דער פאַר־קויף פון די ערשטע ניין בענד איז געוועזן 35,000 עקזעמפּלאַרען אַ מאָנאַט — אַזוי האָט ער באַצאָהלט אַ טייל פון זיינע חובות. מיט טרויער האָט ער צוגעזעהן ווי ענגלאַנד געהט אויפ'ן וועג פון רע־פאָרם — אין יאָהר 1830 האָט ער זיך אויסגעדריקט: „ענגלאַנד איז מעהר ניט קיין פּלאַץ פאַר עהרליכע מענשען, זייט אָט די רע־פאָרמען פאַרשפּרייטען זיך דאָ." קראַנק און שוואַך, מיט אַ טייל־ווייזער לעהמונג פון'ם פּנים, האָט ער געמאַכט זיין לעצטע רייזע קיין אויסלאַנד, וואו ער האָט נאָך אין נעאַפּעל געזאַמעלט אַלע אַלט־איטאַליענישע באַלאַדען און לידער, וואָס ער האָט נאָר געקענט באַקומען. נאָך מעהר קראַנק האָט ער אונטערגענומען זיין רייזע צוריק אַהיים אום אין זיין פאָטערלאַנד צו שטאַרבען און איז גע־שטאָרבען אין סעפּטעמבער 1862, אַ האַלב יאָהר נאָך געטע'ס טויט. ער איז זיין גאַנץ לעבען אַ ראַציאָנאַליסטיש־גלויביגער און איז פון דער מוטיגער ערפאַהרונגס־וויסענשאַפט פון זיין יאָהרהונדערט גאָר ניט באַאיינפלוסט געוואָרען. אין יאָהר 1825 האָט ער אַמאָל אַ זאָג געטאָן: „איך האָף, אַז ווייניג מענשען לייקענען די עקזיסטענץ פון גאָט; יאַ, איך גלויב, אַז קיינער האָט נאָך אַזאַ עקעלהאַפטע מיי־נונג קיינמאָל ניט געהאַט!" ער האָט פון דעסטוועגען צוגעגעבען, אַז דער פייער פון'ם גיהנום און די מוזיק פון די הימלען זיינען נאָר

בילדליכע אויסדריקען, ער האט דאך אויך מיט פארגעגיגען אנגע־נומען בייראנ׳ס ווידמונג פון זיין „קין״. ער האט אין רעליגיעזער ווי אויך אין פאליטישער באציהונג נאך ניט דערגרייכט די באַ־פרייאונג פון דער פערזענליכקייט פון אט די צופעליגע טראדיציעס, אין וועלכע מען האט זי געבונדען פון קליינערהייט אן. אויך אין דער באציהונג האט ער איבערגעלאזט דעם אינגערן דיכטער־דור אן אונגעלעזטע, אבער דורכ׳ן גאנג פון דער געשיכטע דייטלאך אנ־געצייכענטע אויפגאבע.

ווען מיר באטראכטען פון׳ם שטאנדפונקט פון אונזער צייט די צווייטע פעריאדע פון זיין דיכטונג, די פראזא־פעריאדע און די גאנצע לאנגע קייט פון ראמאנען, איז עס אונז ניט מעגליך זי צו זעהן אינ׳ם זעלביגען ליכט אין וועלכען זי איז ערשינען זיינען צייט־גענאסען. מיר באגרייפען, אז אט די ראמאנען האבען זיי געמוזט צופרידענשטעלען, ווייל ווי מיר ווייסען האבען זיי קיינ־מאל ניט ארויסגערופען קיין אונצופרידענהייט הן פון דער דיכ־טערישער הן פון דער מאראלישער זייט און נאך תמיד מיט פרייד באגריסט געווארען. דאס אליין איז די סבה פאר וואס זיי זיינען פאר אונז וויניגער אינטערעסאנט. מען קען אין די מאדערנע לי־טעראטורען אהן איבערטרייבונג עס באטראכטען אלס א געזעץ, אז א שריפטשטעלער מוז ווענינסטענס פון איין דור פון זיינע צייט־גענאסען פאראורטיילט און אלס אונמאראליש באטראכט ווערען, אויב ניט, קומט ער ארוים פאר׳ן נעקסטען דור צו לאנגווייליג באַ־גרעניצט. די חסרונות פון סקאט׳ס ראמאנען ווארפען זיך אונז אין די אויגען. זיי געפעלען די לעזער דורך דער גוטער כאראקטער־צייכנונג און די לעבעדיגקייט פון די דיאלאגען; אבער זיי באַ־פרידיגען ניט דעם פארשטאנד, זיי אפעלירען ניט שטארק צום גע־פיהל, זיי דערוועקען אפילו ניט קיין נייגעריגקייט. זיי זיינען אינ־גאנצען נשמה אבער אהן אידעאל.

מיר פיהלען, אז סקאט האט זיך געמאכט אן אויפגאבע צו דערהאלטען אט דעם אינטערעס פאר שאטלאנד, וועלכען מעקפער־סאן בורנס האבען אויפגעוועקט אינ׳ם לעזער. דערפאר שרייבט ער אזוי, אז ער זאל ניט אפשטויסען פון זיך אפילו דעם באשרענק־טעסטען לעזער. ער, וועמען עס האט געפעהלט דער קינסטלער־

חוש, רעדט פון'ם געשלעכטס־פארהעלטעניש אזוי פּאָרזיכטיג, אז ערראטישע שילדערונגען זיינען כמעט ווי אויסגעשלאָסען. ער, וועמען די מאָראל איז וויכטיגער אלס די ליעבע צו דער קונסט, שטעלט פאר די אלטע צייטען מיט אזא שטארקער אָפּשוואכונג פון זייערע ברוטאלע עלעמענטען, אז דער היסטאָרישער אמת ליידט דערפון אין א הויכען גראד. די ליטעראַרישע פאָרם, וואָס ער האָט איינגעפיהרט און וואָס האָט באדייט אזא גרויסען פאָרטשריט אקעגען די עלטערע ראָמאנען, איז פאר אונזער צייט שוין צו אלט. מען האָט אומעטום אין אייראָפּא איינגעזעהן, אז דער היסטאָרישער ראָמאן מיט אלע זיינע מעלות איז דאָך אן אונרעכטע פאָרם. דער היסטאָרישער ראָמאן איז אזוי אָנגעלאָדען מיט היסטאָרישע פאקטען, אז עס שטערט אינגאנצען דער פּאָעטישער ענטוויקלונג און אין דערזעלבער צייט איז ער בנוגע צו דער פּאָעטישער באנוצונג פון'ם היסטאָרישען מאטעריאל אזוי פריי, אז דאָס צוזאמענטרעפען פון פּאָעזיע און געשיכטע געשעהט אויף א גאנץ אונהארמאָנישער ארט. עס ווירקט גאנץ אונאנגענעהם די ארט, ווי אזוי אינ'ם צענטען קאפיטעל, דריטען טייל פון „דעם געפענגעניש פון עדינבורג" עס ווערען צוזאמענגעשטעלט די אמת'ע און אויסגעקלערטע רעפליקען פונ'ם הערצאָג פון ארגיל. דערצו איז אונז נאָך אין דער לעצטער צייט קלאָר געוואָרען, אז די ראָמאן־בילדער פון דער אלטער צייט זיינען גאנץ ווייט פון די ווירקליכע היסטאָרישע בילדער; מיר ווייסען, אז ווען מען זאָל זיי מאָלען אונגעשמינקט אמת, וואָלטען זיי אָדער געוועזען אונפארשטענדליך אָדער זיי וואָלטען גאָר קיין סימפּאטיע ניט דערוועקט. סקאָט'ס „טאליסמאן" און „קרייץ־פאָרהער" זיינען לייה־ביבליאָטעק־ראָמאנען פון מערכען ליענדער און וואונדערליכע פּאסירונגען פון די קרייץ־נסיעות, כמעט אזוי אונ'אמת ווי טאסא'ס „באפרייטע ירושלים" אָבער פארפּאסט מיט א סך א קלענערען פּאָעטישען טאלאנט און אָהן טאסא'ס קינסטלערישער געוויסענהאפטיגקייט און אויספיהרונג אין סטיל.

ווי האָט עס דען געקענט זיין אנדערש ביי א דיכטער, וואָס האָט אזוי ווי סקאט געשריבען און ניט געהאט דעם מינדעסטען פארלאנג דאָס געשריבענע דורכצולעזען אָדער אויסצובעסערען;

ביי אַ דיכטער, וואָס האָט ניט געהאַט דעם פאַרלאַנג זיך צוזאַמענ־צונעמען און זיך בכלל ניט געשטעלט קיין שום פאָדערונגען בנוגע קורצקייט. נאָך קלענערע פאָדערונגען שטעלט ער דעם לעזער בנוגע צו אויפמערקזאַמקייט און פיינהייט פון אויפפאַסונג. ער חזר'ט זיך איבער און לאָזט זיינע פּערזאָנען זיך איבער'חזר'ן; ער רעדט אַליין אַריין אינ'ם מיטען פון דער ערצעהלונג; ער באַגנוגענט זיך ניט דערמיט, אַז זיינע פּערזאָנען זאָלען האָבען אַ באַשטימטען כאַראַקטער, נאָר ער לאָזט זיי, ווען מ'באַדאַרף, אַליין אָפּגעבען רעכענשאַפט איבער זייער כאַראַקטער דורך אויסרופונגען ווי, למשל: „איך רעד איצט רוהיג, כאָטש דאָס פּאַסט גאָר ניט צו מיין כאַראַקטער", אָדער דורך רעפּליקען, וואו די, וואָס רעדען, טייטשען אַליין אויס די מאָראַל פון זייערע שלעכטע מעשים, כדי דער לעזער זאָל דאָס ניט פאַרזעהען און חלילה פאַרפיהרט ווערען. (נעמט למשל די ווידוי פון געאָרג סטאַנטאַן צו זשעני צינס, אַ מוסטער פון שלעכטען סטיל און פאַלשער פּסיכאָלאָגיע) ביי אַזעלכע גרויסע חסרונות אין די איינצעלהייטען ווערט שוין די זאַך ניט בעסער דערפון, וואָס די גרונד־שטריכען פון דער קאָמפּאָזיציע אין די בעסטע ראָמאַנען איז זעהר גוט און שליסען זיך צוזאַמען צו איינער אָדער מעהרערע גרויסע דראַמאַטישע קאַטאַסטראָפען. אַ ווערק, וואָס זאָל אָנהאַלטען אַ באַדייטונג פאַר אַ גאַנצען יאָהר־הונדערט, מוז ניט נאָר זיין פּאָעטיש, נאָר עס מוז אין יעדען איינ־צעלנעם פּונקט זיין קינסטלעריש אויסגעאַרבייט. סקאָט אָבער, האָט פון דעם מאָמענט, וואָס ער האָט אָנגעפאַנגען שרייבען פּראָזאַ, קיינמאָל דערצו קיין צייט ניט געהאַט. אפילו די דראַמאַטישע סצענע, וואָס סקאָט האָט ווען עס איז אָנגעשריבען, די הערליכע און פּאַקענדיגע געריכטס־סצענע אינ'ם „געפענגעניש פון עדינ־בורג", וואו זשעני מוז מיט האַרצקלעמעניש אָבער מיט ליעבע צום אמת עדות זאָגען קעגען איהר אייגענער שוועסטער, אָט די סצענע פאַרלירט די העלפט פון איהר ווירקונג דורך די ברייטקייט און נאַכלעסיגקייט מיט וועלכער זי ווערט דערצעהלט. פון טאַמאַס מאָר'ס מעמוּאַרען ווערען מיר געוואָהר, אַז דער הויפּט־אינהאַלט פונ'ם בוך: דאָס יונגע מיידעל, וואָס וויל ניט עדות זאָגען אין געריכט פאַר איהר שוועסטער און מאַכט נאָכדעם אַ לאַנגע רייזע

כדי צו בעטען פאַר איהר באַגנאַדיגונג, אַז אַט די געשיכטע איז אַן אמת'ע פּאַסירונג, פון וועלכער סקאַט האָט זיך דערוואוסט דורך אַן אַנאָנימען בריעף. ער האָט געהאַט דעם שאַרפסטען קוק פאַר דער זיטליכער שענקייט פון אַט דער פּאַסירונג, אָבער אַ זעהר שוואַכען בליק פאַר איהר דראַמאַטישען כאַראַקטער. וואָלט סקאַט געוועזען געהאַט נאָר האַלב אַזוי פיעל טאַלאַנט ווי ער האָט געהאַט און אויף דעם אָרט צוויי מאָל אַזוי פיעל בילדונג און זעלבסט־קריטיק, וואָלט ער אמת ניט אָנגעמאַכט אַזאַ רעש מיט זיך, אָבער זיינע ווערק וואָלטען געוועזען פון אַ פיעל העכערען און לענגער־אָנהאַלטענדיגען כאַראַקטער *)

ער אַליין פיהלט, אַז דאָס אויספעהלען פון בילדונג האָט איהם אָפּגעהאַלטען דערפון צו דערגרייכען דאָס העכסטע אויפ'ן געביעט פון דער דיכט־קונסט. אין זיין טאָג־בוך געפינען מיר אַ קליינעם מערקווירדיגען רעזום פון זיין לעבען: „ווי מערקווירדיג מיין לעבען האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט! מיין בילדונג איז האַלב, מיין וויסענשאַפטליכע ערציהונג איז פאַרנאַכלעסיגט אָדער איבערגעלאָזט צו מיר אַליין. אַזוי אַרום האָב איך מיך אַ לאַנגע צייט געשטאָפּט מיט נאַרישע זאַכען און בין דערפאַר ניט אַנערקענט געוואָרען פון מיינע צייטגענאָסען. דאָך האָב איך מיך דערהויבען דערצו, אַז מען האָט מיך געהאַלטען פאַר אַ קלוגען צו דער שאַנד פון די, וואָס האָבען מיך געהאַלטען פאַר אַ בעל־חלומות. און איצט מוז איך מיט אַ צושאָסענעם פליגעל אַרונטערפאַלען פון דער הויכקייט פון מיין שטאָלץ נאָר דערפאַר, וואָס עס איז איינגעפאַלען דער לאָנדאָנער בערזע משוגע צו ווערען און איך אָרימער בכבוד'יגער לייב מוז איצט ליידען צרות פון די בערען און די אָקסען!“ א מאָדערנער פּאָעט אינ'ם איצטיגען יאָהרהונדערט קען ניט אונבאַשטראָפט

---

*) עס ווייזט אויס, אַז ער האָט פון בילדער־קונסט גאָר ניט געוואוסט. כדי ארויסצוברענגען אַ בילד פון'ם אַלטען פורטשאַנער אינ'ם „געפענגעניש פון עדינבורג“ מאַכט ער עס אויף אַן אומגעלומפּערטען אופן: „עס איז געווען אַ בילד, וואו עס שיינט, אַז רעמבראַנדט האָט געמאָלען די ליכטיגע זייטען, אָבער מיקעל־אַנדזשעלא'ס לעבענס־פולער, קרעפטיגער פּינזעל האָט אויסגעפיהרט די שאַרפע קאָנטור.“

בלייבען אומבאַריהרט פון׳ם ענטוויקלונגס־גאַנג פון דער מאָדער־נער וויסענשאַפט. ווייל ער האָט ניט, ווי בייראָן, געקענט דורך אינטואיציע קומען דאַרויף וואָס די וויסענשאַפט זוכט און שטעלט פעסט, האָבען זיך דערפאַר די געבילדעטע צוריקגעהאַלטען פון זיינע ווערק און זיי זיינען פאַרבליבען נאָר פאַר די לעזער, וואָס זוכען אונטערהאַלטונגס־־לעקטורע, אָדער ווען די געבילדעטע האָבען שוין יאָ געקויפט זיינע ווערק, האָבען זיי זיי איינגעבונדען — כדי זיי אוועקצולעגען זייערע זיהן, טעכטער, פלימעניקעס, און פלימעניצעס אלס געבורטס־טאָג אָדער קאָנפירמאַציאָנס־מתנות. דער דיכטער, וואָס האָט אין צווייטען און אין דריטען יאהר־צעהנדליג פון אונזער יאָהר־הונדערט באַהערשט דעם ליטעראַרישען מאַרק; דער דיכ־טער, וואָס האָט באַאיינפלוסט גאַנץ אייראָפּאַ און האָט געפונען אין פראַנקרייך אַזעלכע נאָכאַהמער ווי מעריטע, הוגאָ און דעם עלטערען דומאַ (די מושקעטירען); וואָס האָט אין איטאַליען אַזאַ תלמיד ווי מאַנצאַצאַני; וואָס האָט אין דייטשלאַנד אַזעלכע גלייכגעזינטע ווי פוקע און אַלעקסיס, אין דענעמאַרק — באַוואונ־דערער און תלמידים ווי פּאַאול מעלער, אינגעמאַן און הויך, אַט דער דיכטער איז דורך די שוויינעדיגע אָבער לער־רייכע קריטיק פון אונזער צייט געוואָרען דער ליעבלינגס־דיכטער פון פערצעהן־יעהריגע אינגלאַך און מיידלאַך; אַ דיכטער, וועמען יעדער דער־וואַקסענער האָט געלייענט, אָבער וועמען קיין דערוואַקסענער לייענט.

11.

דער אוניווערסאַלער סענסואַליזם. — קיטס.

אינ'ם וואונדערבאַרען געדיכט־פראַגמענט פון קיט'ס „היפעריאָן" קומט פאָר אַ סצענע, וואו דאָס גאַנצע געטער־געשלעכט ליגט באַזיגט אין אַ טיפער פעלזען־הייל אונטער דער ערד. מען האַלט אָפּ אַ באַראַטונג און דער גאָט פון די טיטאַנען, דער אַלטער סאַטורן, ענדיגט זיין מוטלאָזע רעדע מיט פאָלגענדע ווערטער:

„איהר זענט דאָ באַזיגטע, אויסגעלאַכטע, געשלאָגענע, טיטאַנען! ווען איך זאָג אייך: „שטעהט אויף!" קרעכצט איהר. ווען איך זאָג אייך: „דעמיטיגט אייך!" קרעכצט איהר. וואָס קען איך דען טאָן? אַ, גרויסע הימלען! אַ, אונדערגרייכבאַרער פאַטער! וואָס קען איך טאָן? זאָגט מיר, איהר אַלע, ברידער געטער, ווי אַזוי זאָלען מיר קעמפען, ווי אַזוי זאָלען מיר שטילען אונזערן צאָרן?" (פּראָזאַ — דער איבערזעצער).

צו אַלער ערשט שטעלט זיך אויף אָצעאַנוס, דער נאַכדענקענדיגער, געדאַנקען־פולער גאָט פונ'ם ים, ער שאָקעלט זיינע איצט טרוקענע לאָקען, פאַנגט אָן צו מורמלען ווי אַ קינד פונקט ווי ער וואָלט נאַכגעאַמט דעם זאַמד וועמען דער ים־שוים פאַטשט און עצה'ט זיינע גענאָסען, וואָס זיינען איצט אַזוי ליידענשאַפטליך אויפגערעגט זיך צו טרייסטען מיט'ן געדאַנק, אַז זיי זיינען באַזיגט געוואָרען פונ'ם נאַטור־געזעץ און ניט דורך די קראַפט פונ'ם דונער אָדער פון יופּיטער.

„גרויסער סאַטורן! דו האָסט די גאַנצע אַטאָמען־וועלט געזעהען, דאָך ווייל דו ביזט אַ קעניג און דערפאַר איז צו מיר דיין איבערהערשאַפט בלינד, איז פאַר דיר אַ סוד געבליבען איין וועג, דורך וועלכען איך בין געקומען צום אייביגען אמת. אַזוי ווי דו

ביזט ניט געווען די ערשטע מאכט אין דער וועלט, אַזוי ביזט דו אויך ניט די לעצטע און קענסט אויך די לעצטע ניט זיין. דו ביזט ניט דער אנפאנג און ביזט ניט דאָס ענדע. פונ'ם כאַאָס און פון דער פינסטערניש איז אַרויסגעקומען דאָס ליכט, די ערשטע פרוכט פונ'ם אינערליכען קאַמף, וואָס איז רייף געוואָרען צוליעב וואונ־דערליכע צוועקען. עס איז געקומען די שעה פון רייפקייט, מיט איהר איז געקומען דאָס ליכט וואָס האָט שאַפענדיג געווירקט אויפ'ן באַשעפער אַליין און אַזוי אַרום איז דער גאַנצער שטאָף באַלעבט געוואָרען. צו יענער צייט האָבען זיך אונזערע עלטערען, דער הימעל און די ערד, באַוויזען. דאַמאַלס האָסט דו, דער בכור, און מיר, דאָס ריזען־געשלעכט, אויף דער וועלט. איצט אָפּענבאַרט זיך פאַר אונז דער וועג פון אמת, אויף וועלכען עס איז שווער צו געהען. אָ, נאַרישקייטען! דאָס העכסטע פון הויכקייט איז צו קוקען מיט מוט דעם נאַקעטען אמת און דעם ביטערען שיקזאַל אין די אויגען. מערקט אייך! אַזוי ווי די ערד און דער הימעל זיינען שענער ווי די פינסטערניש און דער כאַאָס, וואָס האָט אַמאָל געהערשט; אַזוי ווי מיר וואָס מיר זיינען שענע אין פאָרמען און שטריכען, וואָס מיר זיינען פרייע אין ווילען און האנדלונג און דאָך ענג מיט אַנאַנד פאַרבונדען דורך געזעליגקייט, וואָס מיר האָ־בען נאָך אַ סך אנדערע צייכען פון שענערען לעבען, האָבען שענער געמאַכט די ערד און דעם הימעל, אַזוי קומט נאָך אונז נאָך אַ מעהר־פרישערע פאָלקאָמענהייט, אַ בעסערע און שענערע מאכט. זיי זיינען טאַקע פון אונז באַשאַפען געוואָרען. אבער זיי וועלען אונז באַזיגען אַזוי ווי מיר האָבען זיגרייך בייגעקומען די פינ־סטערניש. מיר ווערען דאָ ניט מעהר אונטערוואַרפען ווי דער כאַאָס איז אונז אונטערוואָרפען געוואָרען. ווי אַזוי? איז די ערד אין כעס אויפ'ן וואַלד, וועלכען זי האָט ערנעהרט און ערנעהרט איהם נאָך איצט, דערפאַר וואָס ער איז שענער פון איהר? פאַר־גינט די ערד ניט די הערשאַפט דעם גרינעם פּלוין? און איז דער בוים מקנא דער טויב, וואָס האָט שענע ווייסע פליגעל און קען אומעטום אַרומפליהען? מיר זיינען געגליכען צו'ן אָט די בוימער אין וואַלד. אונזערע צווייגען האָבען ניט אויסגעבאַוועט קיין איינזאַמע בלייכע טויבען נאָר גאָלד־געפעדערטע אדלערס, וואָס

שוועבען אין זייער שענקייט הויך איבער אונז און דערפאַר מוזען זיי רעגירען: ווייל עס איז אן אייביג געזעץ. אז ווער ס'איז דער ערשטער אין שענקייט דער איז אויך דער ערשטער אין מאכט. יאָ, אַט דאָס געזעץ קען פיהרען דערצו, אז אונזערע באזיגער זאָלען דורך אַנאַנדער מוזען קלאָגען אזוי ווי מיר קלאָגען איצט דורך זיי. האָט איהר געזעהען דעם יונגען ים־גאָט, וואס האט פארנומען מיין טראָן? האָט איהר זיין פּנים אַנגעקוקט? האָט איהר געזעהען זיין שענעם שפּאַן מיט די שענע פליגעל־פערד, וואָס ער האָט זיך אַליין געשאפען? איך האָב איהם געזעהן פאַהרענדיג אויף דער אויבערפלאַך פון די שטילע וואסערען מיט אזא שיינענדיגען גלאַנץ אין זיינע אויגען, אז איך האָב מיך געמוזט אפּגעזעגענען מיט מיין מלוכה". (פראָזא — דער איב.)

אזוי רעדט אצעאנוס. און ווען די דערשלאָגענע געטער שוויי־גען, אפשר ווייל אָט די ווערטער האָבען זיי איבערצייגט אָדער ווייל זייער וועהטאָג איז דורכדעם נאָך שטארקער געוואָרען, אונטער־ברעכט דאָס שווייגען די געטין קלימענא, וועמען קיינער האט גאָר ביז איצט ניט באמערקט, און נעמט זיך פארשעמט, מיט ציטער־דיגע ליפּען, רעדען און קוקט דערבייַ רוהיג מיט די אויגען:

„אָ, פאטער! איך בין די קלענסטע דאָ און וויים נאָר דאָס, אז דאָס גאנצע גליק איז אוועק, א וועהטאָג האָט זיך אריינגעקליבען אין אונזער הארץ, און איך האָב מורא, ער וועט דאָרט שוין אויף תמיד פארבלייבען. איך וואָלט ניט געוואָלט זאָגען שלעכטע נביאות, אָבער לאָזט מיך מיין זאָרג אויסדערצעהלען, לאָזט מיך אייך זאָ־גען, וואָס איך האָב געהערט און מיט ביטערע טרערען געקומען צום באוואוסטזיין, אז מיר האָבען פארלוירען אלע האָפנונגען. איך בין געשטאַנען אויף א שעהנעם ברעג וואו עס האָבען זיך פון דער טיעפקייט פון לאַנד דערטראָגען זיסע דופטען פון שטילקייט, פריי־דען, בוימער און בלומען. דאָס אלץ איז געווען אזוי פול מיט פרייד ווי איך בין פול מיט ליידען. עס איז געווען צו פיעל פרייד, רייץ און ליעבקייט, אזוי אז עס האָט מיר געריהרט מיין הארץ און איך האָב געוואָלט באקלאָגען די איינזאמקייט מיט קלאָג־לידער פון אונזער לייד. איך האָב אויפגעהויבען א מושעל און גענומען בלאָ־זען א טרויעריגע מעלאָדיע. אך, מעלאָדיע און ניט מעהר. ווייל

איך האָב געזונגען און אַזוי דאָס פּייפען פון׳ם מושעל געלאָזט געהן האָט זיך פון יענער זייט פון אַ וואַלדיגען אינזעל דורכ׳ן שפּיע־לען פון׳ם ווינד דערטראָגען צו מיר אַ צויבער־קלאַנג, וואָס האָט מיר פאַרטויבט די אויערען מיט זיין זיסקייט. איך האָב אוועק־געוואָרפען די מושעל אויפ׳ן זאַמד און אַ כוואַליע האָט זי אָנגע־פילט מיט וואַסער, פונקט ווי מיינע אַלע חושים זיינען געוועזן פול פון דער שעהנער מעלאָדיע. אין יעדען קלאַנג איז געוועזן אַ טויט פאַר די לעבעדיגע, אין יעדען שטראָם פון ענטציקטע טענער, וואָס האָבען געקלונגען ווי פּערל, וואָס שיטען זיך, ווען עס צורייסט זיך פּלוצלינג דער שנור אויף וועלכען זיי האַלטען זיך. און דאַן איז געקומען נאָך אַ ליד און נאָך אַ ליד, אַזוי ווי פליהענדיגע טויבען, וועמעס פליגעל עס זיינען ניט קיין פעדערען נאָר מוזיקאַלישע טע־נער. און דאָס האָט מיך קראַנק געמאַכט פאַר גליק און טרויעריג־קייט. מיין טרויער איז שטאַרקער געוועזן, איך האָב מיר פאַר־שטעלט די בארוישטע אויערען. אָבער דורך מיינע ציטערדיגע הענד האָט זיך דורכגעריסען אַ שטים, נאָך אַ פיעל זיסערע, ווי די פריהערדיגע מעלאָדיען און איך האָב געהערט: „אַפּאַלאָ, דער ליכ־טיגער, אינגער גאָט, אַפּאַלאָ! איך בין אַנטלאָפען אָבער מיר איז נאָכגעלאָפען די שטים: אַפּאַלאָ!" (פּראָזאַ — דער איבערז.)

קיטס האָט מעהר אין ערגיץ ניט אָנגעשריבען אַזאַ שעהנע שטעלע ווי אָט די. און זי איז פונקט אַזוי געדאַנקען־טיעף ווי שעהן. איך שטעל דאָס פון אָנפאַנג ניט נאָר אַלס אַ פּראָבע פון דער גרויס־קייט און שטאַרקייט פון זיין פּאָעזיע נאָר אַלס אַן אַנגלייטונג צו זיין אויפטרעטען און אויך צום אויפטרעטען פון׳ם גאַנצען אינגערען דיכטער־געשלעכט, נאָכדעם ווי די זעע־שול און סקאָט האָבען אריינ־באַקומען דעם דיכטער־סצעפּטער אין זייערע הענד. אין נאָמען פון די ערשענדע געטער באַטראַכט זיך דער מענשען־גייסט כסדר פאַראורטיילט צו אונבאַוועגליכקייט און שטילשטאַנד. דער פאָרט־שריט האָט פאַרלאַנגט אַ טראָן־איבערבייט. וואָרדסוואָרט און סקאָט זיינען געגליכען צו די שטאַרקע טעטאַנען־געטער, וועמעס גלאַנץ עס איז בלייך געוואָרען אין די אויגען פון׳ם אינגען דור און קיטס איז דער שטראַהלענדיגער פליגעל, וואָס פליהט אוועק פון וואָרדסוואָרט׳ס אַלטען־בלעטעריגען דעמב און שווינגט זיך אין דער

לופט. איז דען בייראָן ניט געווען דער נייער ים־גאָט, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגען איבער לײדענשאַפטס־וואַסערען מיט אַזאַ גלאַנץ אין זיינע אויגען, אַז ער האָט געבראַכט דעם גרעסטען דיכ־טער זשעני פון זיין צייט דערצו זיך אָפּצוזאָגען פון זיין מלוכה, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט דעם וועט־קאַמף ניט קענען ביישטעהן? און קלינגען ניט שעלי'ס מעלאָדיען אַזוי פאַר'שכור'נ־דיג זיס און אונערהערט שטאַרק אין דער לופט, אַז זיי דרינגען נאָך היינט אריין אומעטום, כאָטש מען פארשטעלט זיך די אויערען, ווי קלימענע, און מען וויל ניט הערען די נייע טענער? עס העלפט אָבער גאָר ניט, ווייל פון אלע זייטען הערען מיר איצט די שטים: „אפאלא, דער ליכטיגער אינגער גאָט, אפאלא!"

די אַלטע געטער האָבען, ווי אין געדיכט, גענומען פארשידענע שטעלונגען. סקאָט, דער עדעלסטער פון אלע, האָט, ווי מיר האָבען געזעהן, ארונטערגענומען זיין פאָהן פאַר בייראָן מיט אַזוי פיעל עדעלקייט און אַזוי פיעל מילדקייט, אַז דאָס ברייננגט איהם איין נאָך אַ קראַנץ צו די פיעלע קרענץ, וואָס ער האָט געהאַט; וואָרדס־וואָרט האָט זיך מיט כעס צוריקגעצויגען צו זיינע זעען מיט אַ פּלאַגיאַטס־באַשולדיגונג אויף זיינע ליפען; סאוטיי האָט געשפּיגען מיט גיפט און גאַל — אין דערזעלבער צייט האָבען די נייע אינגע געטער פארנעמען זייערע טראָנען און ארומגערינגעלט מיט גלאָריע־שטראַהלען זייערע קעפּ.

קיטס איז געווען דער אינגסטער פון אלע און איז געווען אויסגעשטאַט מיט אייגענטימליכע אייגענשאַפטען און מיט אַן אייגענעם לאַנד, אין וועלכען קיינער האָט פארזוכט איינצוגרייפען. ער איז איינער פון די פיעלע ביישפּיעלען דערפון, ווי עס קענען זיך, אין גראָבע, אויסערע פאַרהעלטענישען און אין שלעכטע אומשטענ־דען, ענטוויקלען די פיינסטע און זעלטענסטע אָרגאַניזמען. אָט דער בחור'ל, וואָס איז געשטאָרבען ניט עלטער פון 27 יאָהר, האָט דאָך איבערגעלאָזט אַזעלכע מייסטערווערק וואָס קיינער, ווער עס האָט זיי נאָר געלייענט קען זיי ניט פארגעסען. און שעלי האָט אין זיין „אדאָניאַס" אריינגענומען קיטס צווישען זיינע שטערען. קיטס איז געווען דער זון פון אַ לאַנדאָנער אָנטרייבער ביי אַ בעל־עגלה און איז ערצויגען געוואָרען אלס אַפּטעקאַר־געזעל. די מייסטען

פונ'ם עלטערען דור האָבען איהם ניט געקאַנט. װאָרדסװאָרט, דער איינציגער עלטערער דיכטער, אויף װעמען קיטס האָט כסדר געקוקט מיט אַ פיעל גרעסערען יראת הכבוד װי די אַנדערע יונגע האָבען עס געטאָן, — אפילו װאָרדסװאָרט האָט זיך פאַרהאַלטען צו'ן איהם זעהר קאַלט. װען קיטס איז אַמאָל אין אַן אָבענד ביים מאַהלער היידאָן, װאו דער װעטעראַן פון רידאַל־מאונט איז געזעסען, אויפגעפאָדערט געװאָרען, איבערצולייענען זיין שעהנעם הימן צו פאַן פונ'ם ערשטען געזאַנג פון זיין „ענדימיאָן", האָט דער גרויסאַרטיגער דיכטער איהם אויסגעהערט אָהן אונטערברעכונג ביז'ן סוף און דערנאָך באַמערקט: „דאָס איז אַ שעהן שטיק היידענטום". דאָס איז עס טאַקי געװען און דאָס מאַכט קיטס'ן עהרע. אָבער װאָרדסװאָרט האָט זיכער ניט געמיינט מיט זיינע װערטער צו שמייכלען. אָט דאָס איז געװען די װיכטיגסטע שטים פון דער אַלטער שול. זי האָט געקלונגען גאַנץ הייזעריג. די „קװאָרטערלי רעװיו" און די „בלעקװאוד רעװיו" האָבען אויף אַ רויהען אופן אויסגעלאַכט דעם „ענדימיאָן". מען האָט געזאָגט דעם פאַרפאַסער ער זאָל זיך בעסער „צוריקציהען צו זיינע אַפּטעקאַר־אַרבייטען", װייל עס איז דאָך בעסער צו זיין אַ הונגעריגער אַפּטעקאַר איידער אַ הונגעריגער פּאָעט. אָט דאָס שטעכען האָט איהם געװיס פאַרװאונדעט און טיעף געשמערצט, כאָטש דער יונגער דיכטער האָט זיך אין זיינע בריעף גאַנץ רוהיג אויסגעשפּראָכען איבער די שענדליכע מיסהאַנדלונג. עס איז העכסט אומװאַרשיינליך, אַז אָט די טראַדיציע װאָס געהט אַרום צװישען די באַקאַנטע פון קיטס, אַז אָט דער אַרטיקעל האָט געהאַט אַ צושטערענדע װירקונג אויף זיין געזונדהייטס־צושטאַנד, זאָל זיין אינגאַנצען אַן אויסגעטראַכטע. דורך אַן אַרטיקעל, װי עס הייסט ביי בייראָן אין „דאָן זשואַן" איז קיטס נאַטירליך ניט געגאַנגען פון דער װעלט און זיינע אויסערונגען באַװייזען אויף יעדען פאַל גאַנץ גענוג װאָס פאַר אַ טיעפע פאַראַכטונג ער האָט געהאַט צו'ן אָט די דערמאָנטע אָפּשפּעטונגען פון זיין קונסט און זיין פּערזענליכקייט; אָבער דער אמת איז געװען שטאַרק עמפּינדליך און זיין קערפּער האָט געטראָגען אין זיך די קערנדלאַך פון טויט. קיין װאונדער ניט, װאָס אַזעלכע שענדליכע אַנגריפען פון דרויסען האָבען געקענט ערשיטערען אָט

דעם אָרגאַניזם, וואָס איז אינערליך געווען פון קראַנקהייט און פון ליידענשאַפט אָנגעגריפען.

קיטס איז געבוירען געוואָרען אין אָקטאָבער 1795; צו ניין יאָהר האָט ער פאַרלוירען זיין פאָטער; זיין מוטער האָט איהם געשיקט לערנען אין א גוטער שול און צו זיין אונבאשרייבליכען טרויער האָט ער, נאָך אלס אינגער אינגעל, אויך זי פארלוירען. אויסערליך האָט ער געמאכט אָט דעם איינדרוק, וואס מען האָט געקענט ערוואַרטען, לעזענדיג זיין פּאָעזיע. אין צייט ווען דער עטערישער און ווייבליכער שעלי האָט געהאַט א שלאַנקע, פיינע און שמאָל־ביינערדיגע געשטאַלט האָט דער גמֹת־ערדישער און שוואַר־פּיסיגער קיטס געהאַט א צימליך קליינעם אונטער־קערפּער, א ברייטע, קרעפטיגע ברוסט, שטאַרקע שולטערען און א טיעפע, ערנסטע שטים. זיין קליינער קאָפּ איז געווען באוואקסען מיט געדיכטע ברוינע לאָקען; די אויגען — גרויס, פייעריג, טונקעל־בלוי און, ביי שטאַרקער אויפרעגונג, בלישצ־דיג; דער מויל — שעהן־געפאַרמט, אבער די אונטערליפּ אזוי ווייט נאָך פאָרנט ארויסגערוקט, אז עס האָט איהם צוגעגעבען א כאראקטער פון א קריגערישען מענשען. דער גרונד שטריך פון זיין כאראקטער, וואס האָט זיך ביי איהם ארויסגעזעהן נאָך אלס אינגעל, איז געווען די עקשנות און ענטשלאָסענקייט פון א קליינעם ענגלישען דאַקס־הונד; פון אָט דעם כאראקטער־שטריך האָט מען געקענט אורטיילען, אז קיטס איז גיכער א צוקינפטיגער קריגער איידער א ליטעראַט. ער האָט ארויסגעוויזען א גרויסען פּערזענליכען מוט און איז געווען א מייסטער אין קערפּערליכע שפּילעריען; א קורצע צייט פאר זיין קראַנק ווערען האָט ער אין א באקס־קאַמף גוט דורכגע׳הרג׳עט א קצב־אינג.

ער האָט געענדיגט די שולע ווען ער איז 15 יאָהר אלט געווען. און פון 15 ביז 20 יאָהר האָט ער פארנומען א שטעלע, וואָס ער האָט געקראָגען דורך דער הילף פון זיינע אייגענע אין עדמאַנטאָנ׳ס אפּטייק, אלס געהילף פון א זעהר גוטען כירורג, וועלכער איז, לויט דער פיהרונג פון יענער צייט געווען אי אפּטייקער, אי דאָקטאָר. אין יאָהר 1816 האָט ער באזוכט די לאָנדאָנער האָספּיטאַלען, נאָר אין גיכען האָט ער אוועקגעוואָרפען די מעדעצין און זיך פארנומען

אויסשליסליך מיט ליטעראַטור. נאָך עטליכע יאָהרען פון צוזאַ־מענלעבען זיך מיט עטליכע יונגע לייט, וועמעס אינטערעסען עס האָבען זיך קאָנצענטרירט אויף ליטעראַטור און פּאָעזי, איז ער קראַנק געוואָרען אויף א קראַנקהייט וואָס האָט געפיהרט אין קבר אריין זיין מוטער און יונגערען ברודער. דיזע קראַנקהייט האָט זיך ענטוויקעלט אונטער'ן איינפלוס פון שטענדיגע זאָרגען וועגען חיונה און פון דער דריקענדער נויט. זי איז פארשאַרפט געוואָרען, א דאַנק דער טיפער און גענעזיימיטיגער, נאָר צוליעב קיט'ס אָרימ־קייט, האָפנונגסלאָזער ליידענשאַפט צו א יונגער, ענגלישער פון אָסט־אינדיען פרוי. צוליעב דער קראַנקהייט האָט ער געמוזט זיך שיידען מיט זיין געליעבטער, אום צו פאָהרען קיין דרום. אין רוים איז ער געשטאָרבען.

באַטראַכטענדיג די גאַנצע ניט־ליטעראַרישע טייל פון קיט'ס לעבען, געפינען מיר אין איהר דריי כאַראַקטעריסטישע שטריכען: די פולע האָפנונגסלאָזיגקייט אין באַצוג צו לעבענס־מיטלען. (ער האָט געטרוימט וועגען דרום אַמעריקא, וואוהין ער האָט געהאָפט קומען באַגלייטענדיג אַלס א דאָקטאָר א רייכען רייזענדען) זיין טיעפע און האָפנונגסלאָזע ליידענשאַפט צו „איהר“, צו יענער, אָהן וועלכער זיין גאַנץ לעבען איז ביי איהם גאָרניט ווערטה געווען, און ענדליך, די אַפּצעהרענדע קראַנקהייט.

מיס פּאַני (אייגענטליך פרענסיס) בראַון איז געווען מיט פינף יאָהר איגער פון קיטס'ן — דאָס מיינט, זי איז אַלט געווען 18 יאָהר ווען ער האָט זיך מיט איהר באַקאַנט. ער האָט דאַמאַלס געוואוינט אין ווענטוואָרט־פּליים נעבען גאַמפּשטאַדט, אין א גוט, וואָס האָט פאַרמאָגט נאָר צוויי הייזער און סעדער פון פאָרענט און הינטען. אין איינע פון די הייזער האָט געוואוינט די פאַמיליע בראַון, א מוטער און א טאָכטער, אין צווייטען — קיטס מיט זיין חבר בראַון. דאָ האָט קיטס פאַרבראַכט דאָס ערשטע האַלבע יאָהר פון זיין ליעבע אין יוגענדליכען גליק. אין דעצעמבער האָט ער אָנגעהויבען שרייבען „הייפעריאָן“. אין יאַנואַר האָט ער אָנגעהויבען שרייבען „איזאַבעלאַ“. אין פּעברואַר פון יאָהר 1819, דער פרוכטבאַרסטער מאָנאַט אין זיין לעבען, האָט ער פאַרפאַסט זיין „אָדאַ צו פּריי־כעיען“, „דער אָוועגד פון דער הייליגער אַגנעסע“ און א טייל פון

„היפעריאָן". אין פריהען פריהלינג האָט ער, זיצענדיג אונטער א בוים אין גאַרטען פון די בראַון'ס, געשריבען זיין „אָדא צום סאַלאָוויי". מיט אַנדערע ווערטער, אַלעס בעסטע וואָס ער האָט אָנגעשריבען באַלאַנגט צו יענעם ערשטען האַלבען יאָהר, אין פאַר־לויף פון וועלכען ער פלעגט פיעל אַרומשפּאַצירען מיט פאַני'ן און איז נאָך געוועזען געזונד. אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ מעגליכקייט יעדען טאָג זיך זעהן מיט זיין געליעבטער, איז פון יענעם קורצען פעריאָד פון זיין גליק, צום באַדויערען ניט פאַרבליבען קיין איין ליעבע־בריעף. נאָר אין יולי פון 1819 האָט ער דאָס ערשטע מאָל איהר געשריבען, און אַלע בריעף וואָס ער האָט פון איצט אָן ביז'ן טויט געשריבען צו איהר זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען אין יאָהר 1878.

די ערשטע בריעף זיינען נאָך ניט געוועזען מעלאַנכאָליש. אין איינעם פון די נאָכפאָלגענדע, פון די סאַמע ערשטע, שרייבט ער:

„איך נויטיג זיך אין אַ מעהר פריינדליכען וואָרט, ווי פריינד־ליך, אין אַ מעהר שענערען ווי שענעס".

און ער ענטפערט אויף איהר'ן אַ אויסרייד מיט פאָלגענדע ווערטער:

„פאַרוואָס איך קען ניט רעדען פון דיין שענקייט וואָס אָהן איהר וואָלט איך דיך ניט ליעב באַקומען? עס איז מעגליך, אַז עס עקזיסטירט אַן אַנדער סאָרט פון ליעבע, צו וועלכער איך פיהל אַן אונגעהייערע אַכטונג און פון וועלכער איך קען ניט ניט־באַגייס־טערט ווערען ביי אַנדערע; נאָר יענע פאַרמאָגען ניט די רייכקייט, די קלאָרקייט, יענע פולקייט און באַצויבערונג, מיט וועלכע מיין האַרץ איז איבערגעפילט".

נאָר אין די שפּעטעריגע בריעף הויבט ער אָן רעדען פון אייפערזוכט, וואָס האָט געהאַט אַזאַ טרויעריגע ווירקונג אויף קיטס'ס געזונד. ווידער און ווידער אַמאָל פאָדערט ער פון איהר די פאַרשפּראָכענע איבערגעבענהייט. ניט זייענדיג נאָך קראַנק האָט ער שוין אַ פאָרגעפיהל וועגען דער נאָהענטקייט פון דער ענד. עס עקזיסטירען, זאָגט ער, צוויי אונאויסשעפּליכע סוזשעטען, וועגען וועלכע ער האָט געטראַכט אין דער צייט פון זיינע איינזאַמע שפּאַ־

צירען: איהר שענקייט און זיין אייגענער טויט: „העלף גאָט, אַז איך זאָל זיי ביידע מיט אַמאָל באַהערשען".

איהרע בריעף האָבען, אייגענטליך, איהם נאָר צערייצט. ער האָט אַזוי אָפּט זיי איבערגעלייענט, אַז יעדע פראַזע, האָט באַקומען אַן אומנאַטירליכען כאַראַקטער, און די בריעף, האָט זיך איהם געדוכט, זיינען אָדער קאַלט אָדער פול מיט פאָרוואורפען. ער האָט זיך, און נאָכדעם זי געמוטשעט, מיט זיין קליינליכער פאַר־דעכטונג, ער פלעגט, צום ביישפּיעל, אָהן שום אורזאַכע פון איהר זייט פארבייפאָהרען פארביי איהר הויז קיין געמפּשטאַדט, און צו איהר ניט אריינפאָהרען, וויסענדיג, אַז ער וועט איהר דערמיט צרות פארשאַפען. פון אָקטאָבער 1819, זיינען דאָ צוויי גליקליכע און גאַנץ ליעבליכע בריעף. נאָר אין פעברואר פון 1820 טרעט אריין אין זיין גייסטיג לעבען אַ צושטאַנד פון העכסטער אויפרעגונג. ער הויבט אָן שפּייען מיט בלוט און ער לייענט „אין דער פארב זיין טויט־אורטייל". די נאָכפאָלגענדע בריעף זיינען קורץ; אייניגע זיינען נאָך פול מיט האָפנונגען און שפּאַסענדיגע, אַנדערע — זיינען שאַרף און אין זיין אייפערזיכטיגער ליעבע פול מיט פאַר־דאַכטען. אַלע זיינען זיי דורכגעדרונגען מיט אַן אונגעהייערער ליידענשאַפט.

לייענט דיזען אויסצוג:

„דו ווייסט אונזער לאַגע, דו ווייסט וויפיעל קליינע האָפנונ־גען מען קען לעגען אויף דער צוקונפט, אויב אַפילו איך וועל זיך באַלד אַביסעל ערהאָלען — דער צושטאַנד פון מיין געזונד וועט מיר ניט ערלויבען צו מאַכען די מינדעסטע אַנשטרענגונג. מיר איז פארווערט ניט נאָר צו שרייבען, נאָר אַפילו לייענען פּאָעטישע ווערק. אָ, גאָט, ווען איך זאָל כאָטש פארמאָגען אַ פונק פון האָפ־נונג! איך קען ניט זאָגען: פארגעס מיך, — נאָר איך וויל באַמערקען, אַז אין דער וועלט איז פאַראַן אוממעגליכקייטען. נאָר גענוג וועגען דעם, איך בין נאָך ניט גענוג שטאַרק, אַז איך זאָל זיך אָפּגעוואוינען פון... נאָר קיין וואָרט וועגען דעם אין דיין אווענד־בריעף!"

זיינע קרעפטען, ווי ס'קוקט אויס, קעהרען זיך אום, און ער בעט זי זיך ווייזען אויף אַ רגע ביים פענסטער, ער זאָל קאָנען אויף

איהר אַ קוק טאָן, אָדער זיך דורכשפּאַצירען אין גארטען. מיט אַ שטיקעל צייט שפּעטער בעט ער זי ניט קומען צו איהם יעדען טאָג: ניט שטענדיג קען ער פאַרטראָגען איהר אַנוועזענהייט. נאָר אויב זי איז ניט געקומען, ווערט ער אייפערזיכטיג און אומרוהיג.

די בריעף ווערען אומעדיגער, עס ווערט אַלץ שווערער זיי צו לייענען וואס נעהענטער מען קומט צו דער אומפאַרמיידליכער ענדע. די לעצטע בריעף צרייסען דאס הארץ. אין די ליידענשאַפטליכע אויסברוכען צייגט ער זיך ארויס פאָלקאָם אומבאַהילפיג און ער פאַלט אריין אין אַ שרעקליכער פארצווייפלונג, גלייך ווי אַ קינד, וואָס פיהלט זיך פארלאָזען. פאַר דעם פיזישען קאמף מיט'ן טוידט קומט אַ גייסטיגער.

זיין געליעבטע צייגט איהם ארויס ביז דער לעצטער מינוט אַ זעלטענע צערטליכקייט. זעלבסטפארשטענדליך, אז די אינגע, עטוואס קאָקעטישע מיידעל האָט קיין באַגריף ניט געהאט, וואָס פאַר אַ קרעפטען און פעהיגקייטען עס פארמאָגט דער שווינדזיכטיגער אינגערמאַן, וועלכער האָט זי אין איין צייט געפייניגט און פארגעטערט, נאָר זי האָט איהם ליעב געהאט צוליעב איהם אליין, און ווען זיין לעצטער בריעף האָט איהר ענטדעקט ווי שלעכט ער פיהלט זיך האָט זי און איהר מוטער ניט געלאָזען איהם מעהר אויף די הענט פון זיין גוטען פריינד נאָר זיי האָבען איהם איבערגעטראגען אין זייער אייגענער הויז אין וועגטווארט-פּליים, וואו ער האָט פארבראכט דעם לעצטען מאָנאט פאַר זיין אָפּפאָהרען נאָך איטאַליען. די רייזע קיין איטאַליע איז געווען דער לעצטער מיטעל פון רעטונג, וואָס די דאָקטוירים האָבען צוגעטראכט.

ביי אַנדערע געלעגענהייטען וואָלט ער געהאלטען פאַר'ן גרעסטען גליק פאַר זיך צו זעהן דאָס לאַנד, די נאַטור פון וועלכען עס האָט איהם שטענדיג געלאָקט און וועמעס גיטער ער האָט מחיה מתים געווען, נאָר איצט שרייבט ער:

„די געדאנקען וועגען פאָהרען קיין איטאַליע וועקען מיך אויף יעדען פריהמאָרגען, פאַרטאָג. איך וועל פּרובירען דאָס טאָן, כאָטש איך האָב אַ געפיהל, גלייך ווי איך וואָלט געגאַנגען געגען אַ שונא'ס האַרמאַטען.”

אויף דער שיף שרייבט ער וועגען זיין ליעבע:

„ווען מיין קערפּער זאָל אפילו זיך ערהאָלען, וואָלט די ליע־בע געשטערט; אפילו דאָס, צוליעב וואָס איך וויל, מעהר ווי צו־ליעב עפּעס אנדערש וואס לעבען, ווערט די הויפּט אורזאכע פון מיין טוידט. איך ווינש אויף זיך דעם טוידט ביי טאג און ביי נאכט, אום זיך צו באפרייען פון די שרעקליכע ליידען און אין דער זעלבער צייט, וויל איך דערוויטערען פון מיר דעם טוידט, דער־פאר וואס ער פארניכטעט די זעלבע ליידען, וואס זיינען דאָך בעסער ווי גארניט. הימעל און ים, שוואכקייט און קראנקהייט — זיינען גרויסע צושיידער, נאָר דער טוידט צושיידעט אויף איי־ביג... איך קלער ווינציג וועגען מיין ברודער און שוועסטער, וועל־כע לעבען אין אמעריקא; נאָר דער געדאנק וועגען פארלאזען מיסס בראון איז ערגער פון אלץ ביי מיר; ווען דער געדאנק באפאלט מיך, הילט מיך ארום א פינסטערער געפיהל. איך זעה שטענדיג פאר זיך איהר געשטאלט, וואָס באהאלט זיך פון מיר אלץ ווייטער און ווייטער."

און אין א צווייטען בריעף שרייבט ער:

„די זיכערקייט, אז איך וועל זי מעהר ניט זעהן, וועט מיך טוידטען. מיין טייערע בראון! ווען זי זאָל געווען זיין מיינע ווען איך בין נאָך געזונד געווען, וואָלט איך קיינמאָל ניט קראנק געווארען. איך קען ניט פארטראָגען די געדאנקען וועגען טוידט — איך קען ניט פארטראָגען דעם געדאנק אז איך דארף זי פאר־לאָזען! אָ, גאָט, גאָט, גאָט! אלעס וואָס איך פארמאָג, וואס דערמאָנט מיך אָן איהר איז ווי אַ פייל וואָס לעבערט דאָס הארץ. דער זיידענער אונטערשלאג וואָס זי האָט איינגענעהט אין מיין היטעל, בריהט מיר דעם קאָפּ. מיין פארשטעלונגס־קראפט וועג־גע איהר פארמאָגט אָן אומגעווןעהנליכע לעבעדיגקייט: איך זעה זי... און הער זי. ס'איז גאר ניטאָ אין לעבען אזעלכעס וואס זאָל זיין אימשטאנד כאָטש אויף א מינוט אוועקציהען מיין געדאנק פון איהר... איך קען קיין ווארט ניט זאגען וועגען נעאפּאָל, און בין גארניט געריהרט פון די טויזענדער זאכען, וואס רינגלען מיך ארום. איך האָב מורא איהר צו שרייבען. נאָר ס'וואָלט מיר גע־ווען אנגענעהם, ווען זי ווייסט, אז איך האָב זי ניט פארגעסען. אָ, בראון, אין מיין הארצען זיינען פייערדיגע קוילען! איך חידוש

מיך, ווי אזוי א מענשענס הארץ איז אימשטאנד אויסצוטראגען אזוי פיעל ליידען! צי בין איך טאקי געבוירען געווארען אויף דער וועלט נאָר כדי צו שטארבען אזוי."

אין לעצטען טאָג פון נאָיאבער אין יאהר 1820, שרייבט ער זיין לעצטען בריעף. איין ווייסענדער דאָקטאָר, א נאָהענטער יו־גענד פריינד פון קיטסען, קלארק, האָט פארצויגען זיין לעבען אי־בער'ן גאנצען ווינטער. אין נעאפאל האָט ער געקראגען א הארצ־ליכען בריעף פון שעלי'ן, וועלכער האָט איהם איינגעלאדען ארי־בערצופאָהרען קיין פיזא און האָט איהם פארגעשלאָגען הילף און ארומגעהן ארום איהם. נאָר ער האָט דעם פארשלאג ניט אָנגענו־מען. נאָך עטליכע טעג פון שמערצליכע ליידען איז אָנגעטרעטען א צושטאנד פון רוהיגקייט, באגלייט פון א גייסטיגער דערמינטע־רונג און שלאָף. ער האָט געבעטען אז דער בריעף פון זיין געליעב־טער, וועלכען ער האָט ניט איבערגעלייענט זאל מען אריינלעגען אין זיין קבר צוזאמען מיט זיין טייסטער און מיט'ן בריעף פון זיין שוועסטער און ער האָט אָנגעזאָגט, אז אויף זיין מצבה זאל מען אויסקרציען פאלגענדע ווערטער: „דאָ ליעגט יענער, וועמעס נאָ־מען עס איז אויפגעשריבען אויף דעם וואסער." דאָס צורייבען זיך פון שעלי'ס כשוף־שטעקעלע האָט פארוואנדעלט די וואסער אין אייז און האָט באהאלטען אויף דער שפּעטערדיגער צייט דעם נאָ־מען, גלייך ווי אויסגעשניטען אויף קריסטאל*).

קיט'ס פּאָעזיע איז דער שמעקענדיגסטער בלום פון דעם ענג־לישען נאטוראליזם. ווען קיטס איז ארויס אויף דער ארענע, האָט דער נאטוראליזם שוין לאנג עקזיסטירט און האָט שוין געלאָזט שטארקע שפּראָצען. זיין לאָזונג, ווי מיר האָבען געזעהן, איז פון אָנהויב פאָרמירט געוועזן פון וואָרדסווארטען, און ער האָט איהם אזוי פלאנמעסיג אויסגעשטעלט, אז זיינע ליעדער זיינען צוטיילט געווארען אין גרופּען, וואס האָבען געשטימט מיט'ן לעבענסעלטער און פארשיעדענע נשמה־געפיהלען. קאָלרידזש האָט איהם גע־

*) „אין דעם לויף פון דער צייט איז פארוואנדעלט געוואָרען אין א קריסטאלענער אויבערפלאך, אויף וועלכער עס טוילט זיך ארויס אַדאָ־נאַאיסעס נאָמען" — שעללי, אויסצוג 77, וועגען „קיטסען."

שטיצט מיט דער האַלב־שעלי׳שער נאַטור־פילאָזאָפיע. סקאַט האָט איהם אַרויסגעהאָלפען מיט דער ליעבע צו דעם פאַטערלאַנד, ער־לערנען די מענשען און די ערטער. ער ערשיינט, ענדליך, ביי מור׳ען און קיטס׳ען אַזוי פּראַכטפול, רייך אין סענסואַליזם, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די איינגענשאַפטליכקייט פון די אָרגאַניזמען, וועמעס געפיהלען זיינען אַזוי עמפּפינדליך צו די שעהנע איינ־דרוקען פון דער אויסערער וועלט, אַז די געפיהלען פון געוועהנליכע מענשען זיינען אין פאַרגלייך מיט זיי זעהר שוואַך און כאַראַקטער־לאָז. נאָר ביי מור׳ען איז דער געפיהל וואָס ווערט אויסגעדריקט אויף אַ קינסטלערישען אופן אין אַ וואַרימען און גלענצענדען קאָ־לאָריט, איינזייטיג געריכטעט צו עראָטיקע און צייכענט זיך אויס מיט אַ גרינגען און שפּילעוודיגען כאַראַקטער. ביי קיטס׳ען אָבער איז ער אַלץ אַרומכאַפּענד, שווער־געוויכט, ווייט פון עראַטישען כאַראַקטער, נאָר אַלצזייטיג, און אין דיזער אַלצזייטיגקייט דריקט זיך אויס אַן אויסגעצייכענטע ערשיינונג פון דעם אַלגעמיין־ענג־לישען נאַטוראַליזם, וואָס האָט געבראַכט ביי וואָרדסוואָרט׳ען צו איין, שוין באַשריבענער פון אונז, מעסיגקייט, און ביי קיטס׳ען האָט עס געבראַכט צו אַ גאָר אַנדערער, וואָס פאַרמאָגט אין פּאָעטי־שען זין אַ זעהר גרויסע באַדייטונג.

צווישען אַלע פּאָעטען פון ענגלאַנד האָט קיטס זיך אַרויסגע־צייגט מעהר פון אַלץ אַלס קינסטלער. ער איז געווען איינער פון יענע, וואָס אינטערעסירען זיך מיט דאָגמאַטען וויניגער ווי מיט אַלעם. זיין פּאָעזי שטיצט זיך ניט אויף דער ליעבע צו דעם פאַטערלאַנד, ווי די פּאָעזי פון סקאַטען און מורען; זי רופט ניט צו פרייהייט ווי די פּאָעזי פון בייראָן און שעלי, — דאָס איז ריינע קונסט, וואָס שטיצט זיך נאָר אויף פאַנטאַזי. איינער פון זיינע באַליעבטע אויסדרוקען איז געווען, אַז אַן אמת׳ער דיכטער טאָר ניט האָבען קיינע טעאָריען און מיינונגען, קיין מאָראַל, אַפילו זיין אייגענעם איך. און פאַרוואָס? דערפאַר וואָס דער דיכטער פערעהט זיך אין דער זעלבער מאָס מיט דער ליכטיגקייט ווי מיט דער פינסטערניש, און ער האָט דעם זעלבען פאַרגעניגען ווען ער באַשאַפט דאָס געשטאַלט פון יאַגאָ, ווי דאָס געשטאַלט פון אימאָגען. ווענען אַלע פּאָעטען, וואָס האָבען זיך פאַרגעסען צוליעב זייערע

פאַנטאַזיעס, קען מען זאָגן, אַז זיי האָבען אין דער צייט פון שאַפען אוועקגערוקט אַן אַ זייט זייערע אייגענע זייטיגע אייגענטימליכ־קייטען און געפיהלען; נאָר וועגען קיטס׳ען קען מען די ווערטער זאָגען נאָך מעהר ווי וועגען אנדערע דיכטער. אויב אנדערע האָבען ריין געמאכט זייערע ארבייטס־צימערען פון זייערע אייגענע זייטיגע האָפנונגען, פארלאנגען און געפיהלען, האָט עס קיינער ניט געטאָן אזוי געוויסען־ריין ווי ער. זיין קאַבינעט, ווי ס׳האָט געזאָגט איינער פון זיינע אנהענגער, איז עהנליך געווען אויף „אַ ארבייטס־צימער פון אַ קינסטלער מיט איין איינציגער שטיק מעבעל — אַ מאַלבערט“.

קיטס פּאָעטישע גלייכגילטיגקייט צו פּרינציפּען, איז אייגענט־ליך דער אייגענאַרטיגער פּרינציפּ, וואָס ברענגט ארויס פון פּאָעטי־שער פארגעטערונג די נאַטור, פאר אַ שטרענגען אנהענגער פון פּאַטעאיזם אין דער פּאָעטישער קונסט זיינען אַלע פאָרמען, אַלע געגענשטאנדען, אַלע ערשיינונגען אויף דער ערד, אין וועלכער די פאַנטאַזי פארטיעפט זיך, טייער אין דער זעלבער מאָס. קיטס אנערקענט ניט פאַר אַ דיכטער אזא אמת, וואָס שטרעבט צו עפּעס צו פארבעסערען אָדער עפּעס ארויסוואַרפען; נאָר ער האָט כמעט אַ רעליגיעזען גלויבען אין דער פאָרשטעלונגס קראַפט, ווי אין אַ קוואַל פון אמת. אין איינעם פון זיינע בריעף זאָגט ער:

„איך גלויב ניט אין קיין זאַך אין אזא גרויסער מאָס, ווי אין דעם, אַז די געפיהלען פון׳ם הארצען זיינען הייליג, און די פאַנטאַזיע איז אויפריכטיג. דאָס וואָס זי אנערקענט פאַר שעהן, דאַרף זיין אמת, אַלע איינס, אויב אימיצער האָט עס נאָך פריהער אנערקענט אָדער ניט — דערפאַר וואָס איך האָב דיזעלבע מיינונג וועגען אַלע אונזערע ליידענשאַפטען, ווי וועגען ליעבע: וואָרום זיי זיינען אַלע זעהר שעהן אין דער העכסטער שטופע פון זייער ענטוויקלונג. די פאַנטאַזיע קען מען פארגלייכען מיט אדם׳ס חלום: ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געזעהן, אַז ס׳איז אַן אמת“.

ער ענטוויקעלט ווייטער דעם אונטערשיעד צווישען דיזען אמת און דעם, צו וועלכען מען דערגעהנטערט זיך דורך׳ן טראַכטען און ער זאָגט פאָלגענדע ווערטער וואָס גיבען דעם שליסעל צו פאַר־

שטעהן זיין גאַנצע פּאָעזיע: „אָך, אויף וויפיעל דאָס לעבען פון געפיהלען איז בעסער ווי דאָס לעבען פון געדאַנק!"

ער האָט ווירקליך פאַרבראַכט די גרעסטע טייל פון זיין לעבען אין איינדריקען פון געפיהלען, אין פאַרגעניגען און ליידען, וואָס די געפיהלען פאַרשאַפען.

„געהמט, זאָגט מאַסאָן, די פיזיאָלאָגיע און קוקט איבער איינעם נאָך דעם צווייטען די אַזוי־גערופענע גראַדען פון עמפּפינדליכקייטען — די עמפּפינדליכקייטען, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט פּשוט'ער פיזישער ארבייט, מיט די, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט לעבענס־פּראָצעסען ווי די בלוט־צירקולאַציע, עסען, אָטעמען און די עלעקטרישע פאַראייניגונג מיט די אַרומיגע קערפּער־טיילען — מיט איין וואָרט, די עמפּפינדליכקייטען פון טעם, שמעקען, אָנטאַפּען, הערען, זעהן, און מיר דאַכט, אַז קיטס איז מיט זיי געווען באַשאָנקען אין אַ גרויסער מאָס".

צום ביישפּיעל, ער איז געווען אומגעהייער עמפּפינדליך צו אַלע אַנגענעהמע ערשיינונגען אויפ'ן הימעל און ער האָט זיך באַמיהט זיך צו באַרוהיגען, מיט פאַרשידענע אויפרעגענדע מיטלען. איינער פון זיינע פריינד האָט דערצעהלט, אַז ער האָט געזעהן ווי קיטס האָט אַרויפגעלעגט אויפ'ן צונג אַזאַ שטאַרקען פעפער אום ער זאָל האָבען אַ בעסערע הנאה פון דעם אַנגענעהמען טעם פון'ם קאַלטען רויטען וויין.

„אויב מיר ריידען שוין פון פאַרגעניגען, זאָגט ער אין זיינעם אַ בריעף, טאָ שרייב איך אין דער מינוט מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער טראָג איך אונטער אַ פּאַפּיראָס צום מויל".

דערפאַר דאַרף מען זיך ניט חידוש'ן, וואָס עס טרעפען זיך אַזעלכע אויסדריקען ביי איהם. אין זיין אין אמת'ען געזאָגט, באַוואוסטער „אָדע צו דער מעלאַנכאָליע" רעדט זיך וועגען דער געטליכקייט, אַז זיין אַלטאַר דערהויבט זיך אין דעם טעמפּעל פון פרייד, וואָס עס קען נאָר זעהן דער וואָס „מיט זיין שטאַרקען צונג צעקוועטשט אַ וויינטרויב פון פרייד אויף זיין צאַרטען גומען". און אין איינעם פון זיינע לעצטע סאָנאַטען באַשרייבט קיטס די דערנעהנטערונג פון'ם טויט מיט פיעל־באַדייטענדע ווערטער, — אַז

„דער הימעל פון זיין נשמה האָט פארלאָרען די פעהיגקייט צו פיהלען א טעם".

עס פארשטעהט זיך, אז דאָס זעהן און הערען האָבען איהם פארזאָרגט נאָך מיט מעהר פארשידענארטיגע עמפפינדליכקייטען ווי די צווייטע־גראדיגע און ווינציגער דאנקבארע געפיהלען. ער האָט פארמאָגט די ליעבע פון א מוזיקאנט צו מוזיק, און דאָס וויסען פון א מאָלער צו דערקענען די שאָטענס פון ליכט און קאָלירען. דערפון איז פארשטאנדליך, וואָס ער האָט פאר אַלע סאָרטען קלאנגען, טעם, אָנטאפּען, און גערוך פארמאָגט אזא גרויסען אוצר פון ווערטער, וואָס עס טרעפט זעלטען ביי גרעסערע דיכטער, און דערפון קען מען זעהן, אז ער איז געבוירען געוואָרען מיט אזעלכע אייגענשאפטען, וואָס ווערענדיג ענטוויקעלט און פאַרמירט האָבען איהם געגעבען די אויסערגעוועהנליכע מעגליכקייט צו פיהלען און אויסדריקען יעדער שענקייט אין דער נאטור.

צו באשרייבען די נאַטור איז געווען זיין טרוים פון דער סאַמע יוגענד אָן, און כאָטש ער האָט וועגען זיך געזאָגט, אז ער האָט ניט קיין אנדערע „מיינונגען" אויסער דער מיינונג וועגען קונסט, דאָך האָט ער ליידענשאפטליך זיך אָנגעשלאָסען אין דער באוועגונג, וואָס ווארדסווארט און קאלרידזש האָבען באשאפען אום צו דיסקרעדיטירען וועגען די פּאָעטען פון'ם פארגאנגענעם יאהרהונדערט. כפּענסער איז ווענען זיין גאָט, דער פסעוודא־קלאסיציזם, האָט אויף איהם אָנגעוואָרפען א שרעק, און אין דער געדיכט „חלום און פּאָעזיע" האָט ער אויסגעדריקט זיינע קינסטלערישע מיינונגען, וואָס שארפער וואָלט מען עס ניט געקאָנט ארויסזאָגען. באשרייבענדיג די פריהעריגע ענגלישע פּאָעטישע טריאומפען, שרייט ער אויס: (קיטס פּאָעמען, זייט 54).

„קען עס פארגעסען ווערען? יא, דאָס צופאלעניש, וואָס איז באשאפען געוואָרען פון נארישקייט און בארבאריזם, האָט געמאכט דעם גרויסען אפּאָלאָן צו שעמען זיך פאר זיין לאנד. פאר צו קלוגע האָבען זיך גערעכענט די מענשען, וואָס האָבען ניט געקאָנט פארשטעהן זיין באריהמטקייט: מיט א קינדערשער באגייסטערונג האָבען זיי זיך געוויגט אויפ'ן פערד־וויגעלע, אָננעמענדיג איהם פאר פּעגאסען. אך, נאראָנים! א הימעלשער ווינד האָט געבלאָ־

זען, דער אַקעאַן האָט געקאַטשעט זיינע זיך־הויבענדע כוואַליעס — איהר האָט עס ניט געפיהלט. די בלויקייט פון׳ם הימעל איז געווען איבער אייער קאָפּ, און דער טוי פון די זומער־נעכט איז געפאַלען אויפ׳ן גראָז, אום צו פאַרשענערען דעם פריהמאָרגען; די שענקייט האָט ערוואַכט! פאַרוואָס־זשע האָט איהר ניט אָפּגע־וואַרט? דערפאַר וואָס איהר זענט געווען טויזט... זיי האָבען געשפּריזט פאַראויס, האַלטענדיג אין די הענד די אומגליקליכע פוילע פאַהן, וואָס האָט געפינקעלט מיט אומגעלומפּערטע דעווייזען, ווען איבער די דעוויזען האָט זיך געהויבען דער נאמען נאַר פון׳ם איינציגען בוּאַלאָ!“

נאָך לאַנג צוריק איידער אין פראַנקרייך האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטורעם געגען דעם באַוואוסטען אַלטען נאָמען, איז קיטס ארויס אין שלאַכט געגען איהם; טעאָפיל גאָטיע אַליין האָט ניט דערמאָנט מיט גרויסער ענטריסטונג זיין נאָמען.

עס זעהט אויס, אַז דער אויסצוג, וועמעס ענערגישער סטיל דערמאָנט קאָולבאַר׳ם בילד אין מינכען, וואו עס ווערט אויסגע־מאָלט דער מאַלער פון דער אַלטער צייט, שלאָפענדיג מיט אַ מאַנע־קען אין האַנד, איז געווען די אורזאַכען פון באַיראָנ׳ס שטענדיגע אָנפאַלען אויף קיטס׳ען, ווי אויף פּאָפּס געגנער. נאָר קיטס האָט קיינמאָל ניט אָפּגעדרוקט קיין איין שורה וועגען סאָסאָן, און ווען די גרעפין גוויטשיאָלי אין איהר נאָאיווען ווערק וועגען באַיראָנ׳ען קעהרט זיך אום צו די אָנפאַלען, וואָס האָבען ארויסגעבראַכט אין כעס איהר ליעבלינג, איז דאָס ניט מעהר ווי אַ לייכטער פרויען־פּלאַפּלעריי. נאָר, ווייזט אויס, אַז קיטס האָט געטראַכט אויך וועגען פּאָפּאָ׳ן, ווען ער האָט גערעדט וועגען יענע, וועמענס אויערען עס זיינען פאַרשטאָפּט צו דער מוזיק פון ים און ווינד, און וואָס שלאָפען דאַמאָלס ווען דער טאָג צעוואַרפט זיך אין זיין גאַנצער שענקייט.

ער האָט זעלבסט ניט באַלאַנגט צו די סאָרטען מענשען. באַמיהענדיג זיך אַריינצודרינגען אין דער טיעפקייט פון קיטס אָריגינאַליטעט, זעהן מיר אַז אין זיין יסוד ליגט דער אינערליכער סעקסואַליזם. לייענט איבער אין דער „אָדע צום סאָלאָוויי“ די פאָלגענדע סטראָפען: (קיטס׳עס פּאָעמען, זייט 272).

„אַך, ווען מען זאָל מיר געבען אַביסעל פון דעם ווייַן, וואָס האָט זיך לאַנגע יאָהרען געקיהלט אין דער טיעפער ערד, פון וואָס עס הערט זיך דער גערוך פון בלומען און גרינס, פון טענץ, פּראָווענסאַלישע ליעדער און פרייד, וואָס האָבען זיך ענטוויקעלט אונטער די ברענענדע שטראַהלען פון דער זון! אַך, ווען מען זאָל מיר געבען א כוס, וואָס איז פול מיט'ן געטראַנק פון'ם הייסען דרום, אַן אמת'ען, רויטען, איפּפּאָקרענישען, מיט פּערלדיגע בלעזלאַך פון אויבען, און מיט העל־פּורפּורנע ראַנדען, איך זאָל קענען טרינקען ניט זעהן פאַר זיך די וועלט און פאַרשווינדען ווערען מיט דיר אין דעם טיעף־געדיכטען וואַלד".

און פאַרגלייכט זיי מיט די פאָלגענדע שורות פון „ענדאַמיאָן" (קיטס'עס פּאָעמען זייט 117).

„פאַרזוכט דיזע זאַפטיגע זאַכען, וואָס דער אומעדיגער ווערטואַן האָט מיר צוגעשיקט... און אָט די פלאַמען, וואָס וואַקסען געדיכט אונטער א שניי־צודעק, — זיסער פון יענע, וואָס אמאָלטיעם אַם האָט אַראָפּגענומען פאַר'ן קליינינקען יופּיטער; און אָט איז א בינטעל פלוימען, וואָס זיינען נאָך ניט קאַליע געוואָרען פון עמיצענס צורירען זיך, וועלכע זיינען גרייט צוצוגעהן הינטער די יאַפּלעס פון א קינד".

די פאַרפיינטע און רייכע געשמאַקס־געפיהלען באַקומען אַן איינקלאַנג מיט דער אידעאַלישער פאַרפיינקייט פון דעם גערוך און אָנטאַפּען. אין „איזאַבעלאַ", א געדיכט, אין וועלכען, נאָך באָקאַטשיאָ'ן, ער באַארבייט דעם זעלבען סוזשעט, ווי אַנדערסאָן אין זיין „ראָזעווער עלף", רעדט זיך אין יענעם פּלאַץ, וואו די יונגע מיידעל נעמט אין איהרע הענט אַריין דעם אָפּגעהאַקטען קאָפּ פון איהר געליעבטען. (קיטס'עס פּאָעמען, זייט 9—218).

„זי האָט גענומען א זיידענעם שאַרף, וואָס האָט געשמעקט מיט קאָסטבאַרע בלומען, וואָס מען האָט אָפּגעריסען אין אַראַביען, און האָט אין איהם איינגעוויקעלט דעם קאָפּ; און פאַר א קבר האָט זי אויסגעקליבען א טאָפּ פון'ם גאַרטען, וואוהין זי האָט אַריינגעוואָרפען די וואונדערבאַרע פליסיגקייט, וואָס האָט זיך אַרויסגעגאָסען פון א קאַלטער, באַגילדיטער רער, באַפרישענדיג דעם טויטען קערפּער; זי האָט זי פאַרדעקט מיט ערד און פון

אויבען האָט זי אַרויפגעלעגט דעם קאָפּ פון איהר געליעבטען באַזיל, באַגיסענדיג איהם מיט טרערען."

אין „לאַמיאַ" דערצעהלט זיך פאָלגענדעס ווי אַזוי אויף אַ חתונה האָט מען אויפגענומען געסט. (קיטס'ס פאָעמען, ז. 6-305).

„נאָכדעם ווי יעדער איינער פון די געסט האָט אין פאָדער־צימער דערפיהלט דאָס אנגענעהמע אַנריהרען זיך צו זייערע פיס און הענד פון די קאַלטע, מיט שוים־פולע כוסות, וואָס געהאָרכזאַמע קנעכט האָבען איהם אונטערגעטראָגען, און האָט באַגאָסען די האָר מיט אַ שמעקענדען זאַלבּ, זיינען אַלע אַריינ־געגאַנגען אין זאַל אין ווייסע אַנצוגען און האָבען אין אָרדנונג זיך צעזעצט אַרום די זיידענע דיוואַנען".

אין איינעם פון זיינע געדיכטע באַגעגענט זיך אַזאַ שורה וועגען אַ שוואַן, וואָס אַ דאַנק דער געפיהל־פאָרם האָט עס אַ מערקווירדיגע פאַרקורקייט: „דו האָסט אויסגעקושט דיין טעגליכע שפּייז פון נאַיאַד'ס פערלדיגע הענד".

ס'איז איבעריג פאַרנעהמען דעם לעזער'ס אויפמערקזאַמקייט מיט איינציגע פראַכטפולע זייטען פון דיזע אויסצוגען. נאָר איבערגעהענדיג איצט צו דער אַפּטיילונג פון זעהן, טרעטען מיר אַריין אין דער העכסטער ספערע פון קיטס'עס פּאָעזי, כאָטש דאָס זעהן אַליין ווירקט קיינמאָל ניט אין זיין פּאָעזי. ווען די באַשריי־בונג פון דער נאַטור ביי וואָרדסוואָרט'ען פיהרט אונז אַריין אין דער העכסטער פּלאַכע, געהן מיר מיט קיטס'ען אַריין אין אַ ווינטער־גאַרטען: אַ ווייכע, פייכטליכע וואַרימקייט נעמט אונז אַרום; שענע בלומען און זאַפטיגע פרוכטען גלעטען אונזערע אויגען, און די שלאַנקע פּאַלמען, וואָס דורך זייערע צווייגען קען קיינמאָל ניט דורכגעהן דער בייזער ווינד, שאָקלען זיך, אַביסעל איינבויגענדיג זייערע לאַנגע, ברייטע ווי פאָכערס בלעטער. ער האָט פאַרפאַסט אַ געדיכט צום הערבסט, אַ מעסיג טיפּישע פאַר זיין נאַטור־באַשריי־בונג. ער צייגט, ווי אַזוי דער הערבסט רעדט זיך צונויף מיט דער אַלט־וואַרענדיגער זון, אום צו באַפּרוכפּערען די טרויבען־צוויי־גען, וואָס פלעכטען זיך אַרום דעם שטרויענעם דאַך, וואָס מאַכט אַז די מיט ווייכען גראָז באַדעקטע עפּעל־צווייגען זאָלען זיך איינ־בויגען אונטער דער שווערקייט פון די עפּעל, אַז אַלע פרוכטען

זאָלען זיך אָנפילען מיט זאַפט ביז'ן הארצען, אז די ארבוזען זאָלען זיך אָנגיסען, און דער נוס — זאָל א זים קערענדיל באקומען. דער־נאָך באשרייבט ער מייסטערהאַפט דעם הערבסט ווי א לעבעדיגער ווּזען: (קיטס'עס פּאָעמען, זייט 284).

„ווער האָט זיך אָפט ניט געזעהן צווישען זיינע אוצרות! אָפט מאָל האָט דער, וואָס האָט דיר נאָכגעפאָלגט, געזעהן, ווי דו ביזט געזעסען זאָרגלאָז אויף דער פּאָדלאָגע פון דער שפּייז־קאמער און דער ווינד האָט גרינג צעבלאָזען זיינע האָר; יעדערער האָט זיך געזעהן אָפּרוהענדיג זיך אויף א האלב־אָפּגעשניטענעם שטיק פעלד, וואָס איז פאר'שיכורט געווען מיט'ן גערוך פון מאָן, און דיין סערפּ האָט געשוינט די שכנה'דיגע שטיק פעלד מיט איהרע פראכט־פולע קוויטען".

קיטס קען ניט דערמאָנען וועגען עפּעס א באגריף אָדער געגענ־שטאנד, אז ער זאָל עס גלייך ניט באצירען אין ליעבליכע, פלאסטי־שע פאָרמען. זיינע אונצעהליגע אַלעגאָריען זיינען פול מיט פייער און לעבען: זיי זיינען גלייך ווי אויסגעקריצט אויף שטיין מיט די הענט פון די בעסטע איטאליענישע מאלערס פון דעם זעכצענטען יאהרהונדערט: ער רעדט וועגען מעלאנכאָליע: זי פאָלגט נאָך דער שענקייט, — דער שענקייט, וואָס איז באשערט צו שטארבען; און דער פרייד, וועמעס האנד, געפינט זיך שטענדיג ביי די ליפּען, שיקענדיג אַן אבשיעדס־קוש.

ער רעדט וועגען פּאָעזי:

„דאָס איז אַן אונערשעפּליכער קוואַל פון ליכט; דאָס איז די גרעסטע קראַפט; דאָס איז די מ א כ ט א ל י י ן, א ה א ל ב־ד ר י מ ל ע נ ד ע א ו י ף א י ה ר ר ע כ ט ע ר ה א נ ד".

אזוי קענען מיר זעהן, ווי קיטס'עס פּאָעטישע פעהיגקייטען צעוואַקסען זיך אין דער גאנצער גרויס. זיין אויסגאנגס־פונקט ווי דער אויסגאנגס־פונקט פון זיינע קלענערע ליעדער (ווי צ. ב. „די אָדע צום סאָלאָוויי") איז א באשרייבונג פון ריין־פיזישען צושטאנד, ווי: שוואכקייט, נערוועזיטעט, דומקייט, וואָס קומען נאָך'ן געברויך פון אָפּיום, דאָרשטיגקייט און אָפּצעהרונג; אויפ'ן פּאָהן פון אויפרעגונג, און אויפרייצונג טרעטען ארויס די געפיהל־

פאַרמען אזוי דייטליך און פארקיילעכדיגט, גלייך ווי רעליעפען אויף א שילד. זעהענדיג די געשטאַלטען, וואָס קיטס מאָלט אויף, קומט ניט ווילענדיג אַרויף אויף די געדאנקען דאָס וואָרט „אויסגעשמיעדטע". אין זיי איז פאַראן אזוינס פאַרענדיגטעס און פולגעוויכטיגס, גלייך ווי זיי זאָלען זיין אַרומגעשליפט.

קוקט זיך צו, ווי די געשטאַלטען ענטוויקלען זיך ביסלעכווייז אין דער ערשטער און צווייטער שורות פון דער „אָדע צו דער פוילקייט".

„ניט לאַנג צוריק האָב איך געזעהן דריי פיגורען אין פראָפיל, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, מיט פריי צונויפגעלעגטע הענט. זיי זיינען געגאַנגען מיט מעסיגע טריט איינער נאָך'ן צווייטען, אָנגעטאָן אין ווייסע אנצוגען, גלייך ווי פיגורען אויף מאַרמאָרנע אורנעס, וואָס פארשווינדען ווען דו קעהרסט אום די אורנע אויף דער צווייטער זייט, זיינען זיי פארשווינדען, און באַלד צוריק ערשינען, גלייך ווי מען זאָל די אורנע געווען אויסקעהרען צוריק אויף דער צווייטער זייט, זיך אומקעהרענדיג צו דעם לעבען פון די אויסגעקליבענע, פרעמדע פאר מיר, גלייך ווי די טאַז, וואָס באלאנגט צו קיינעם ניט, ווי וועזענס, וואָס קיין פאָרשער ווייסט ניט וועגען זיי. — זיי זיינען דורכגעגאַנגען דאָס דריטע מאָל פאר מיר, און דורכגעהענדיג, האָבען זיי אָן אויגענבליקליכען קוק געוואָרפען אויף מיר. דערנאָך זיינען זיי פארשווינדען. איך האָב דערפיהלט א דרינגענדען באַגעהר נאָכגעהן זיי אהינצו, וואו קיינער קען דאָרט צו מיר ניט צוגעהן. די ערשטע פון זיי איז געווען ל י ע ב ע, א פראכטפול מיידעל, די צווייטע — עהרגייציגקייט מיט בלאַסע באַקען, מיט מיעדע אויגען, וואָס שליסען זיך ניט בייטאָג און ביי נאכט, — די לעצטע, די וואָס איך באַקום אַלץ מעהר ליעב, וואָס מעהר מען שפּעט אָפּ פון איהר, איז געווען די גרויסמוטיגע פּ אָ ע ז י ע".

נאָר אין איינינע פון די אינגאַנצען פאַרענדיגטע געדיכטען פון „הייפעריאָן" האָט זיך קיטס'ען איינגעגעבען אזוי צו באהערשען זיינע קונסט־מיטלען, אום צו פאַרווירקליכען דעם אידעאַל פון דער פּלאַסטיש־געפיהלפולער באַשטימטקייט, וואָס האָט זיך געטראָגען פאַר זיינע אויגען. דער רעליעף פארליערט זיך דאָ, נאָר אויפ'ן

ארט פון׳ם רעליעף ווערט א סטאטוע, נאָר אזוי סטיליש, אז עס דוכט זיך אונז, אז נאָר אזא קונסט־קריצער ווי מייקעל אנדזשעלאָ האָט געהאָלפען זי צו באשאפען. עס איז גאַנץ מעגליך, אז לייענענדיג די ווערק, פיהלסטו די ווירקונג פון מילטאָן׳ען אויפ׳ן דיכטער, נאָר אין זיי איז פאראן עפּעס גרעסערס, ווי ביי מילטאָן׳ען. דער כאראקטער פון׳ם סוזשעט אליין דערפיהרט די געשטאלטען ביז דער העכסטער שטופע.

לייענט איבער די פאָלגענדע ווערטער וועגען דער געטין טעיע. (קיטס׳עס פּאָעמען, זייט 245).

„געבען איהר וואָלט די הויכע אמאזאנקע אויסגעקוקט ווי א קארליק; זי וואָלט געקענט נעמען פאר די האָר אכילעס׳ען, צווינגענדיג איהם אָנבויגען דעם קאָפּ, און מיט איין פינגער אָפּשטעלען די ראָד — פון איקסיאָנען“.

אָדער לייענט איבער די באשרייבונג פון דער הייל, אין וועלכער ס׳האָבען זיך צונויפגענומען די טיטאנען נאָך זייער פאלען. (קיטס׳עס פּאָעמען, זייט 6—255).

„דאָס איז געווען א הייל, וואו די באליידיגענדע ליכט האָט ניט געקענט באלייכטען זייערע טרערען, וואו זיי האָבען געפיהלט זייערע אייגענע קרעכצען, נאָר זיי האָבען זיי ניט געהערט, דערפאר וואָס זיי האָט פארהילכט דער רעש פון די רוישענדע וואסערפאלען און די הייזעריגע קלאנגען פון די ריטשקעס, וואָס האָבען זיך געיאָגט אויף פאָראויס ניט וויסענדיג וואוהין. איין בארג האָט זיך געהויבען איבער א צווייטען, גלייך ווי ערוואכענדע פון שלאָף, ארויסרוקענדיג איינער נאָך דעם צווייטען זייערע אונגעהייערע שפּיציגע קעפּ, און האָבען פאָרמירט פון טויזענדער פאנטאסטישע וואָלקענס א דאך איבער דער נעסט פון ליידען, ווי קיין פּאסיגערס קען גאָר דערפאר ניט זיין. אויפ׳ן אָרט פון טראָנען זיינען די טיטאנען געזעסען אויף הארטע שטיינערדיגע סקאלען און אויף שטיינערדיגע אָפּרייסען, וואָס זיינען געמישט מיט אייזען. ניט אלע זיינען זיי דאָ געווען פארזאמעלט: אייניגע האָבען זיך געפּייניגט אין קייטען, אנדערע האָבען געוואנדערט ערגעץ אין וויטע מקומות. קעי און גיגעס און בריארעי, טיפאָן, דאלאר און פּאָרפירי, און פיעל אנדערע, די מוטיגסטע אין קאמף, זיינען געווען

פאַרשלאָסען אין אַזעלכע ערטער, וואו זיי האָבען געקענט אטעמען מיט שווערקייט, איינגעפּרעסטע אין אַ איינגען שטח, אַזוי אַז זיי האָבען ניט געקאָנט דעם מויל עפענען, און זייערע אַלע אברים זיינען געווען צונויפגעדרעהט און צונויפגעקאַרטשעט ווי די אָדערען פון מעטאַלען; זיי זיינען געזעסען אָהן באַוועגונג — נאָר זייע־ע שטאַרקע הערצער האָבען זיך געהויבען, אין פּיין, קאָנוואולסיוו צענויפדריקענדיג זיך און האָבען פּולסירט מיט קרעפטיגע, פיבער־האַפטע, הייסע קלעפּ."

באַיראָן, וואָס האָט זיך צום אָנהויב אַזוי שטרענג באַצויגען צו קיטס'ען, האָט ניט איבערטריבען, ווען ער האָט געזאָגט וועגען דער פּאָעמא „גיפּעריאָן", אַז זי איז אין דער „ווירקליכקייט אָנגע־פילט מיט טיטאַנען און אַזוי דערהויבען ווי עסכיל אַליין". מיר האָבען שוין געגוג באַווייזע וועגען דער מאַכט פון דער פאַנטאַזיע פון דעם יונגען דיכטער; ווי זים זיינע מעלאָדיען זיינען, נאָר זיין אָריגענעלע אָפּגעזונדערטקייט פון די איבעריגע ענגלישע דיכ־טער באַשטעהט נאַמענטליך אין זיין אייגענאַרטיגער קראַפט פון פאַנטאַזי. אַ דאַנק דעם ריין קינסטלערישען כאַראַקטער פון זיין פּאָעזי, באַשאַפט ער דעם איבערגאַנג פון די קאָנסערוואַטיווע פּאָעטען צו די ליבעראַלע פּאָעטען, נאָר דאָך מיט אַ קלאָרער שטרע־בונג צו פּראָגרעס — די שטרעבונג, דער בעסטער באַווייז פון וועל־כער עס איז זיין באַגייסטערטע פריינדשאַפט מיט לעיג הונט'ען, דער ראַדיקאַלער רעדאַקטאָר פון'ם „עקזאַמינער". *) ער האָט געפיהלט דאָס, וואָס ער האָט געשריבען, ווען אין אַנפאַל פון זיין ניט־צופרידענהייט מיט דער פאַרוואַלטונג פון ליווערפּול־קעסטלרי, האָט ער אויסגעשריען אין זיין געדיכט „צו דער האָפנונג".

„אָ, לאָזט מיך זעהן מיין לאַנד, וואָס פאַרמאָגט איהר נשמה, איהר שטאָלץ און איהר פרייהייט, און ניט נאָר אַ שאָטען פון פרייהייט".

---

*) באַמערקט זיין שעהן־קלינגענדעס געדיכט פון די עלפען: „ניט פאַרגיס קיין טרערען; ניט פאַרגיס קיין טרערען: די בלומען וועלען זיך צובליהען אויפן צווייטען יאָהר! ניט וויין! די אינגע בוטאָנען שלאָפען אין די הערצער פון די וואָרצלען."

די נעמען פון ווילהעלם טעלל, וויליאם אועלס און צום מיט־מען פון קאָסטיושקאָ'ן ווערען אָפט דערמאָנט אין זיינע ליעדער מיט דער גרעסטער עהרפורכט און באַגייסטערונג. אין וואָס ער וואָלט זיך געווען ענטוויקעלט, ווען ער זאָל געווען דערגרייכען זיין רייפע עלטער, קען מען ניט זאָגען. ווען ער האָט געשריבען זיינע לעצטע ליעדער, האָט ער נאָך אלץ אזוי ווינציג געוואוסט די וועלט, ווי א קינד.

מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אז ער האָט זיי געשריבען אין מיטען שרעקליכע ליידען, אין מיטען דער פולער אבוועזענהייט פון זיין גייסטיגער רוהיגקייט אין דער צייט ווען ער האָט געאַרבייט. מעגליך, אז דערפאַר טאַקע זיינען זיי אזוי גוט, אויב אפילו דער קינסטלער וואָלט גאָרניט אריינגעטראָגען פון זיין פריוואַטען לעבען אין זיינע ווערק, אַבוואָהל ער וואָלט, ווי קיטס, קוים דערמאָנט עפּעס אין זיי וועגען זיין טיעפער ליידענשאַפט. נאָר קיין אַרבייט באַקומט ניט אזוי פיעל לעבען, אזא קאָלאָריט, אזא געטליכען פייער אויף'ן שטערען, ווי עס קריצט זיך אוים די אַרבייט ווען זי ווערט געטאָן אין אזא צייט ווען דער שאַפער ניט נאָר שרייבט, נאָר אויך ער לעבט און ליידט. ניט די זאָרג וועגען א שטיקעל ברויט, ניט די שווינדזוכט, ניט די ליידענשאַפט צו דער אָסט־אינדיאַנער מיידעל האָבען ניט אַרויפגעלעגט זייער שטעמפּעל אויף קיטס'עס אַרבייט; נאָר פון דעם גאַנצען גיפט, וואָס זיי האָבען אין איהם אריינגעגאָסען, האָט ער געצויגען יניקה פאַר זיין אַרבייט.

אזוי איז קיטס אַוועק אין פריהען קבר, און נאָך איידער ער איז באַגראָבען געוואָרען, איז ער אויפגעשטאַנען תחית המתים אין א ליעד וואָס שעלי האָט פאַרגעלייענט אויף זיין קבר. ער האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען ווי קיטס און איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א מיף, אין אדאָניס'ען, אין א זעלטזאַמען אינגעל, דער באַליעבטער ביי אלע מוזעס און וועלט־יסודות און ווערענדיג א מיף, האָט ער זינט דאַמאַלס אָנגעהויבען פיהרען אין דעם באוואוסטזיין פון די שפּעטערדיגע דורות א צווייטענדיגע עקזיסטענץ.

„ער לעבט, ער איז געזונד — דער איצט איז געשטאָרבען, נאָר ניט ער. טרויערט־זשע ניט אויף אדאָניסען!... איצט איז ער איינס מיט דער נאַטור. זיין שטימע הערט זיך אין איהר יעדען

קלאַנג, אָנהויבענדיג פון דער זונס־דונערען און ענדיגענדיג מיט דער זיסער מוזיק, וואָס קומט אַרויס פון סאַלאַוויי׳ס ברוסט... ער איז אַ טייל פון יענער זאַנדערבאַרער וועלט וואָס ער האָט פאַרגרע־סערט. ער האָט גענומען אַן אַנטייל אין דער באַשאַפונג פון יענער קראַפט, מיט דער הילף פון וועלכער די הערשאַפט פון דעם גייסט גיט צו צו דער מענגע פון נייע וועזענס יענע פאָרמע, מיט וועלכער עס באַזאָרגט זיי דאָס לעבען און די נשמה... אַלע, וואָס קענען זיך גיט פאַרגלייכען מיט זיין רוהם און געניאַליטעט שטעהן צורודערטע אויף פון זייערע הימעלשע טראָנען ביי זיין אָנקומען. דער אָרימער טשאַטערטאָן, מיט זיין געזיכט, אויף וועלכען ס׳האָט זיך אָפגע־שטעמפּעלט דער קאַמף מיט׳ן טויט; סידניי... און פיעלע אַנדע־רע, וואָס זיינען קוים באַוואוסט אויף דער ערד... זיי שרייען אויס: „דו ביזט געוואָרען איינער פון אונזערע. לאַנג האָט אויף דיר געוואַרט די שטומע וועלט אָהן אַ מלך, וואָס טראָגט זיך שוין אַזוי לאַנג אָן אַ רודער אויפ׳ן ווינד. ער האָט דער איינציגער געשוויר־גען אין הימעל, וואָס איז פול מיט געזאַנג. זעץ־זשע זיך אַרויף אויף דיין שטערען־טראָן און באַפויל זיין באַוועגונג“. (שעללי, אַדאָניס, שורה 43—41).

איך צווייפעל, אויב מען קען געפינען אין דער היסטאָריע פון דער פּאָעזיע עטוואָס עהנליכעס צו דיזער עלעגיע. דאָס איז די אונמיטעלבאַרע אויסלייטערונג פון דעם וועזען נאָך׳ן טויט, די אונמיטעלבאַרע אויסלייטערונג אויף אַ ריין־נאַטוראַליסטישען און ריין מענשליכען אַרט. שעללי׳ס פאַרגעטערען קיטס׳ען איז אַ פאַנטאַזיע; ער איז איצט איינס מיט דער נאַטור.

.12

דער אירלאַנדישער אויפשטאַנד און די אָפּאָזיציאָנס פּאָעזיע.

אין נאָוועמבער פון דעם יאָהר 1825 האָט וואָלטער סקאָט געשריבען אין זיין טאָגע־בוך:

„טאָמאָס מור איז היע... אין זיין כאראקטער פאראייניגט זיך די מענערשע אָפענהערציגקייט מיט דער אונפּאָרוואורפדיגער אַנשטענדיגקייט און גוטע ערציהונג... אין איהם איז ניטאָ קיין סימן פון א דיכטער אָדער א פעדאנט... אין זיין געזיכט איז ניטאָ קיין שום אויסערגעוועהנליכעס, נאָר זיינע געזיכטסציגע זיינען אזוי באַלעבט — צום מיינסטען ווען ער רעדט אָדער ער זינגט — אַז ער קוקט אוים פיעל מעהר צוציהענד, ווי ווען ער וואָלט געהאט ריכטיגע שענקייט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז באַיראָן האָט אין געשפּרעך און אין זיין טאָגע־בוך אָפט דערמאָנט מור'ען און מיך איינציייטיג און מיט דערזעלבער עהרעפורכט און איך האָב געוואָלט וויסען, וואָס פאר אַן אונטערשיעד עס איז פאראן צווישען מיר און מור'ען, ווארום מור האָט שטענדיג פארבראכט אין העכערע געזעלשאפטען, דאמאלס ווען איך האָב אַם מערסטען געלעבט אין א דאָרף צווישען געשעפטס־לייט, און אויך אָפט אין דער געזעלשאפט פון רעגירונגס באאמטע; ווארום מור איז געבילדעט און איך ניט; ער איז א וואונדערבארער מוזיקאנט און איך וויים ניט קיין איין נאָט אפילו; ער איז א דעמאָקראט און איך בין א אַריסטאָקראט, שוין ניט רעדענדיג דערפון וואָס ער איז א אירלאַנדישער און איך בין א שאָטלאַנדער. נאָר אין איין זאך האָבען מיר געמיינעם, דאָס וואָס איז דער הויפּטפּונקט פון אונזער עהנליכקייט: מיר זיינען ביידע גוטהערציגע מענשען, וואָס האָבען הנאה פון דער איצטיגער מינוט, ניט זאָרגענדיג זיך וועגען אָפּהיטען אונזער ווירדע, און מיר ביידע וויסען גוט די וועלט, אַז מיר זאָלען פון'ם

גאַנצען האַרצען האַסען די באַריהמערישע הערען, וואָס דערמאָנען מיט זייער ליטעראַרישער גרויסהאַלטונג יענעם מאַן, וואָס דזשאַנסען האָט באַגעגענט אין אַ האָטעל און וואָס האָט זיך פאַר איהם אַזוי פאָרגעשטעלט: „דער גרויסער טואַלמי, דער ערפינדער פון אַ פרעס־אייזען אין דער פאָרמע פון אַ וואַסער־טויער“. עס וואָלט געווען אַ פרעהליכער צוגאָב צו מיין גליק, ווען טאָמאַס מור זאָל נאָך פאַרמאָגען אַ גוט אין אַ צוויי מיילען פון מיר. מיר זיינען צוזאַמען געגאַנגען אין טעאַטער, און אַזוי ווי, צום גליק, עס איז דעם אָווענד געווען אַ פיין פובליקום אין טעאַטער, האָט עס מיט באַגייסטערונג באַגעגענט טאָמאַס מור'ען. איך בין גרייט געווען זיי אויסקושען, וואָרום, זיי האָבען דערמיט אַזוי ווי באַצאָהלט מיין חוב פאַר דער גוטער אויפנאַמע, וואָס מען האָט מיר ארויסגעצייגט אין אירלאַנד“.

אין דיזע האַרציגע גוטמוטיגע און פרעהליכע ווערטער האָט דער גרויסער וואָהלטעטער פון שאָטלאַנדיע דורכגעפיהרט אַ פאַראַלעל צווישען זיך און דעם גרויסען דיכטער פון אירלאַנד. די עהנליכקייט אין זייערע שטאַנדען, אַלס די אַנערקענטע און זעהר געעהרטע פאָרשטעהער פון די צוויי רעגירונגען, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט ענגלאַנד און זיינען פון איהר אָפּהענגיג, צווינגט דעם אונטערשיעד צווישען זיי ארויסצוטרעטען נאָך מיט מעהר שאַרפקייט. עס באַגרינדעט זיך, צוערשט, אויף דעם אונטערשיעד אין די לאַגעס פון שאָטלאַנד און אירלאַנד, אין באַצוג צו דער הערשענדער נאַציאָן. שאָטלאַנד'ס לאַגע איז געווען אַן אונטערדריקטע, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט זיך אינגאַנצען געשטיצט אויפ'ן געזעץ, און די שאָטלאַנדער האָבען געשיקט זייערע פאָרשטעהער אין דעם ענגלישען פאַרלאַמענט. די אירלאַנדער, פאַרקערט, אַ דאַנק אַביסעל דעם טיעפערען ראַסען־אונטערשיעד, אַביסעל אַ דאַנק דער רעליגיע וואָס די מערהייט פון'ם פאָלק האָט דאָרט געפּרעדיגט, וואָס האָט זיך שאַרף אָפּגעשיידעט פון דער אנגליקאַנישער, האָבען זיך אין פאַרלויף פון זעקס הונדערט יאָהר געפינען אונטער דער הערשאַפט פון דער רעגירונג, אויף וועלכער זיי האָבען געהאַט אַזאַ קאָנטראָל־רעכט, ווי די אינדוסען אָדער די סינגאַלעזען האָבען געהאַט אויף זייערער. דער פּראָטעסטאַנטישער פאַרלאַמענט פון

דעם לאַנד האָט געהאַט איין צייט זיינע זיצונגען אין דער קאַטוי־
לישער אירלאַנד, נאָר אַלס דער גאַרניזאָן פון דעם שונא אין אַ
באַזיעגטען לאַנד. דאָס איז געווען אַ המון פון הערשער, וואָס
האָבען רעגיערט אין׳ם נאָמען פון אַ אויסלענדישער מלוכה, מיט
דער פולער רעכט צו פרעסען, נאָר מען האָט זי בארוהיגט מיט
כאַבאַר, אָדער מען האָט זיי אונטערדריקט מיט דער הילף פון
געוואַלט־מיטלען, ווען זיי האָבען נאָר געפּרובירט מאַכען דעם
מינדעסטען פאַרזוך צו אַ ווידערשטאַנד. דער אירלאַנדישער געגנער
האָט זיך, אין דער ווירקליכקייט, געפונען אין ניט קיין בעסערער
לאַגע, ווי זיינע קאַטוילישע לאַנדסלייט; ער האָט געקאָנט קויפען
די גוטסקייט פון זיין האַר, נאָר אָפּפערנדיג די נוצען פון זיין לאַנד,
און האָט זיך נאָר באַנוצט מיט דער טרויעריגער פריוועלעגיע —
„צו זיין איינצייטיג אַי אַ קנעכט, אַי אַ האַר“.

דער ענגלישער נאַציע האָט אָפּגעגליקט נאָר אין דער הינזיכט
וואָס איהרע חסרונות, ווי איהרע מעלות, האָבען איהר פאַרזיכערט
אַ זיעג פאַר דער פּאָליטישער מאַכט און זעלבסט־שטענדיגקייט;
איהר ענגאַאיזם און גרויסהאַלטונג האָבען איהר געבראַכט כמעט
דיזעלבע נוצען, ווי איהר געזונדער געדאַנק און איהר ענערגיע. די
אירלאַנדישע נאַציע, פאַרקעהרט, איז ווי די פוילישע, מיט איהרע
מעלות, ווי מיט איהרע חסרונות איז, ווייזט אויס, געווען פאַר־
אורטיילט צו פּאָליטישער אָפּהענגיגקייט. מען דאַרף, פאַרשטעהט
זיך, נעהמען אין באַטראַכט, אַז דער כאַראַקטער פון אַ באַזיעגטען
פאָלק, ווערט שטענדיג אין די באַשרייבונגען פון איהרע באַזיעגער
געמאָלען אין אַ פאַלשער פאָרמע. נאָר דאָך קען מען ניט צושטי־
מען, אַז די לייכטזיניגקייט, לעבעדיגקייט, צוציהענדיגקייט און
הייסקייט פון די אירלאַנדער, זייער רעבעלישער ריטערישער כאַ־
ראַקטער, זייער ליעבע צו פרייהייט אין אַ געוויסע געגנויגטקייט צו
אויפשטאַנדען, וואָס ווערט ביי זיי פאַראייניגט מיט דער ליידענ־
שאַפט צו דער פראַכטפולקייט און בלאַסק פון דער קעניגליכער
הערשאַפט, זיינען ווייט ניט קיין שטאַרקער יסוד פאַר דעם רוהיגען
און אונאָפּהענגיגען רעגירונגס־לעבען. זיי פאַרמאָגען ניט די ביר־
גערישע מעלות פון דער נייער צייט, און די, וואָס זיי פאַרמאָגען
באַלאַנגען נאָך צו דער אַלטער צייט. זייער פרומקייט גרענעצט

זיך מיט דעם בלינדסטען אבערגלויבען, זייער לאָיאַליטעט באַשטעהט ווי די לאָיאַליטעט פון זייערע ברידער אין ברעטאַן, אין דער וואסאַלער איבערגעבענהייט צו דעם אַלטען אדעל־קלאַס פון זייער לאַנד, און זייער גלענצענדע מעכטיגקייט איז ניט דיסציפּלינירט און דרוקט זיך אויס אין אויסברוכען. און דערצו האָט דער לאַנג־יאָהריגער יאָך ארויפגעלעגט זיין שטעמפּעל אויף זייער נשמה. זיי האָבען ניט קיין גלויבען אין זייערע קרעפטען, זיי פאַלען גרינג אריין אין חניפה און אַזוי אין זאַרגלאָזיגקייט: זיי זיינען זעהר ניט פאָרזיכטיג אין דער צייט פון אַ געפאהר און שרעקען זיך זעהר שטאַרק ווען זי קומט אָן; זיי קענען זיך ניט באַנוצען מיט דער פרייהייט, אפילו ווען זי קומט צו זיי אויף אַ שטיקעל צייט, ווארום מענשען קענען זיך נאָר אויסלערנען זיך באַנוצען מיט איהר נאָך אַ גאַנצער צייטיגער ערפאַהרונג.

עס זיינען פאַראַן אונערפאַהרענע פעלקער־שטאַמען, אַזוי ווי עס זיינען דאָ ניט קיין ערפאַהרענע אינדיווידועןן, די אירלאַנדער זיינען פון איין זייט עהנליך צו די פראַנצויזען, פון אַ צווייטער דערמאָנען זיי אָן די פּאָלאַקען, און פון דער דריטער — צו די מזרחישע נאַציאָנען. צווישען די לעצטע מאר'ס „אירלאַנדישע מעלאָדיען" געפינט זיך אַ ליד „דער פּאַראַלעל", אין וועלכען מאר ענטפערט אויף דער בראַשורע, וואָס איז געווענדעט געגען די אירלאַנדער און וואו עס ווערט באַהויפּט, אַז זיי שטאַמען פון אידען. ער פאַרגלייכט דעם מזל פון די אירלענדער מיט דעם אידישען:

„אונזער נאַציע ליגט פּונקט אַזוי ווי דו באַזיעגט, צוקלאַפּט, אראָפּגעפאַלען איז די קעניגליכע קרוין פון איהר קאָפּ, איהר גלאַנץ איז אראָפּ, איהרע גאַסען זיינען צו פאַרוויסטונג פאַר'משפט, אין איהרע הייזער הערשט אַ טרויער, און אינמיטען העלען טאָג איז איהר זון פאַרגאַנגען". (פּראָזא — דער איבערז.).

דאָס פאָלק אַליין טראָגט אַ מזרח'ישען שטעמפּעל: „די אירלענדער, זאָגט באַיראָן אין איין אָרט וועגען מארען, באַריהמען זיך מיט זייער מזרח'ישער אָפּשטאַמונג, און ווירקליך, די צעלאָזענקייט, מילדקייט און די לעבהאַפטע פאַרבען פון זייער פאָרשטעלונג־קראַפט, דאָס פייעריגע און עקסאַלטירטע טעמפעראַמענט

פון זייערע מענער, די שעהנקייט און די אזיאַטישע גראַציע פון זייערע מיידלאך רעדען פאר דער ריכטיגקייט פון אָט דער מיינונג". עס איז לייכט באַגרייפליך, אז די ענגלישע גרויזאַמע טיראַניי האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאר אָט דעם תאַלקס־שטאַם מיט אַזעלכע גרונד־שטריכען.

א קורצע באַשרייבונג פון אירלאַנ'ס געשיכטע אין דער צייט פון טהאָמאַס מאר'ס יוגענד, איז נוצליך צוליעב דעם, אום צו ערקלערען ווי אזוי דער צאַרטער פּאָעטישער גייסט האָט דער ער־שטער געצוואונגען די ענגלישע פּאָעזיע, וואָס האָט זיך באַנוגענט מיט דער בעאָבאַכטונג פון דער נאַטור, איבערצוגעהן אין לאַנגער פון די פּריוהייטס־אידעען און דער ערשטער געגעבען דעם סיגנאַל פאר דער פּאָליטישער פּאָעזיע ער איז געבוירען אין מאַי 1779. אין די ערשטע יוגענד־יאָהרען האָט ער איבערגעלעבט אַ'לע קור־מענדיגע שרעקען. פון דער צייט אָן, וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט אוועקגעשטעלט לאָרד קעמדען אלס אירלאַנד'ס וויצע־קעניג (1795), האָט זי אָנגעדייטעט דערמיט איהר פאַרלאַנג זיך אָפּצו־זאָגען פון דער הומאַנער פּאָליטיק פון 1782, האָט די פאַרשפּרייטע איבער'ן גאַנצען לאַנד פּאַטריאָטישע געזעלשאַפט פון די „פאַראיי־ניגטע אירלענדער", וואָס האָט ביז איצט געשטרעבט צו באַפרייען אירלאַנד מיט דער הילף פון געזעצליכע מיטלען, איצט באַקומען א נייעם כאַראַקטער: זי האָט זיך איצט געשטעלט פאר א ציעל אָפּצוטיילען אירלאַנד פון ענגלאַנד און געטרוימט וועגען גרינדען א אירלענדער רעפּובליק. די אירלענדישע באַפעלקערונג אַליין האָט זיך דערהוייל צעשפּאָלטען אויף פיינדליכע פּאַרטייען, און א ברענענדע שנאה האָט גערייצט די נידעריגע קלאַסען פון די פּראָ־טעסטאַנטען געגען די קאַטאָליקען. אום צו מאַכען א סוף צו די אָפטע אונאָרדנונגען און אויסברוכען דורך די אינערליכע קריגע־רייען, האָט די רעגירונג געגרינדעט א פּראָטעסטאַנטישען קאָרפּוס פון 37,000 זשאַנדאַרמען, וועלכע מען האָט געגעבען א רעכט אונ־טער'ן אויסרייד פון זוכען באַהאַלטענע געוועהר, זעצען אין די טורמעס, פּייניגען און הרג'ענען יעדען איינעם, וועמען א נידער־טרעכטיגער מענש אָדער א פיינד וועט פאר'מסר'ען. הונדערטער אומגליקליכע, וועמעס שולד עס איז נאָר געוועזן דאָס, וואָס זיי

האָבען אָנגענומען זייערע אבות גלויבען, זיינען באַשטראָפט גע־וואָרען מיט שמיץ, ביז צו באַוואוסטלאָזיגקייט; האָבען געמוזט שטעהן אויף איין פוס אויף א שאַרפען פּלאָקען־שפּיץ, אָדער מען האָט זיי האַלב־געהאַנגען (ד. ה. זיי אויפגעהאַנגען און גלייך באַלד אראָפּגענומען פון דער תליה), און אָפּט האָט מען זיי דורך דער „פּעך־קאַפּע" סקאַלפּירט. דערצו נאָך זיינען צוגעקומען די זו־כונגען איבער'ן לאַנד מיט דער פולער רעכט פון רויבעריי, גוואַלד־טאַט און אין פאַל פון א ווידערשטאַנד אויך הרג'ענען. זייערע אָפּיצירען האָבען זיך באַרי'המט, אַז אויף גרויסע שטרעקעס אין אירלאַנד איז ניט פאַרבליבען קיין איין הויז, וואו די פרויען זאָלען ניט געשענדעט ווערען, און אויף דער באַהויפּטונג, אַז די איר־לאַנדישע פרויען זיינען הפנים ניט גאָר אונשולדיג האָבען זיי געענטפערט, אַז „דער באַיאָנעט פאַרטרייבט יעדע עקשנות".*)

עס איז דערפאַר גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס די פאַרצווייפ־לונג האָט געצוואונגען די רוהיגסטע און באַרעכענטסטע אירלענדער אריינצוטרעטען אין די רייהען פון דער געהיימער געזעלשאַפט, וועמעס פאָרשטעהער, דער לאָרד עדוואַרד פיצגעראַלד (וועמען מאַר האָט מיט אַזאַ באַגייסטערונג באַשריבען) איז אוועקגעפאָהרען קיין פראַנקרייך, אום איבערצורעדען מיט דעם גענעראַל האָך, אַז די לאַנדונג פון די פראַנצויזען זאָל פאָרקומען איינצייטיג מיט דעם אַלגעמיינעם אירלענדישען אויפשטאַנד. דער אַלטער, קאַלטבלו־טיגער פאָלקס־פיהרער גראַטאַן, וואָס האָט ניט געוואָלט האָבען קיינע געשעפטען מיט אויסלענדער, האָט זיך אין פולער פאַרצווייפ־לונג אָפּגעזאָגט פון די פלענער פון די הערשער, ווי אויך פון די אונטערדריקטע. דעמאָלס האָט זיך אין אירלאַנד געגרינדעט א געהיימע דירעקטאָריע נאָכ'ן פראַנצויזישען פלאַן, וואָס איז אריינ־געטראָטען אין באַציהונגען מיט פראַנקרייך וועגען געלד־לייה און קריעגס־הילף. פּלוצלונג אָבער זיינען אַלע פּלענער צעשטערט גע־וואָרען, א דאַנק דער מסירה פון א קאַטוילישען אירלענדער. גע־הייסען האָט ער ריינהאַלדס; ער איז ווערט מען זאָל איהם גע־

*) מאַסעי „די געשיכטע פון ענגלאַנד", 4, 302, די באַהויפּטונג איז באַגרינדעט אויף דער באַשרייבונג פון איין ענגלישען פאַטריאָט.

דענקען; טהאָמאַס מאָר האָט, אָהן צווייפעל, איהם געהאַט אין זינען, באַשרייבענדיג דעם נידעריגען פּאָרטראַט, וואָס האָט אין „פייעראַנבעמער" איבערגעגעבען דעם פיהרער פון דעם אויפשטאַנד אין די הענט פון די מחמד'אַנער.

עדוואַרד פיצגעראַלד איז געלעגען אין בעט, ווען די טרופּען האָבען זיך אַריינגעריסען אין דעם הויז, וואו ער האָט זיך באַהאַלטען, איהם צו אַרעסטירען. פאַר זיין קאָפּ איז געוועזען באַשטימט אַ פּרייז פון 1000 פונט. כאָטש ער איז געלעגען און געהאַט ביי זיך נאָך אַ דאָלך, דאָך האָט ער זיך מוטיג פאַרטיידיגט קעגען די דריי גוט-באַוואָפענטע ענגלישע אָפיצירען, ער האָט איינעם געמאַכט דריי וואונדען, אַ צווייטען, גאַנצע פערצעהן, ביז וואַנען דער דריטער האָט דורך אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער איהם פאַרוואונדעט און ערשט דעמאָלס האָט מען איהם אוועקגעפיהרט אין געפענגניס. פיצגעראַלד איז געוועזען באַקאַנט מיט די וויכטיגסטע רעוואָלוציאָנערע טוערס, באַפריינדעט מיט טהאָמאַס פּיין, און פאַרהיירט מיט פיליפּ עגאַליטע'ס שעהנער טאָכטער. ער האָט געהאַט אַ שטענדיגען בריעף-פאַרקעהר מיט פראַנקרייך, און נאָך דער טויט אין געפענגניס האָט איהם אויסגעלייזט פון דער היני־ריכטונג. כאָטש מאָר האָט געלעבט אין קרייזען, וואָס האָבען געקוקט אויף פיצגעראַלד'ען ווי אויף אַ משוגענעם פאַררעטער קעגען זיין לאַנד, האָט דער אירלענדישער דיכטער פאַרמאָגט, פונדעסטוועגען גענוג מוט און זעלבסטשטענדיגקייט צו באַקרוינען מיט געהעריגען כבוד די העלדישקייט פון דעם אירלענדישען פּאַטריאָט.

דער קלאָפּ, וואָס מען האָט געגעבען דעם עלטסטען פון דעם אויפשטאַנד, האָט אויך די רעגירונג באַפרייט פון דער געפאַהר פון אַ פּלוצלונגען אויפשטאַנד. דאָך האָט זי די איבעריגע רעוואָלוציאָנערען, וואָס זיינען געוועזען פאַרשפּרייט איבער'ן לאַנד, אַרויסגעצייגט אַזאַ מערדעריי, וואָס דערגרייכט צו משוגעת. מען האָט איינגעפיהרט אַ באַלאַגערונגס-צושטאַנד מיט קריעגס-שיפען, און די מיטגליעדער פון די שיפען ווערען כאַראַקטעריזירט פון די ענגלישע היסטאָריקער אַלס „אַ המון פון אומוויסענדע און בלוטדורשטיגע ברואים, וואָס האָבען מיט פייניגונגען און פאַרשפּרע־

כונגען אויף באַפרייאונג, אַרויסגענאַרט ביי די קאַטוילישע עדות פֿאַלשע באַווייזע קעגען די באַשולדיגטע, אום זיך צו ערלויבען מיט זיי דערנאָך די שרעקליכסטע זאַכען". דער ערשטער באַוואוסטער מאַן, וואָס איז געפאַלען אַלס קרבן פון אָט דער גערינטס־פיהרונג, איז געווען אַ פרידליכער אָנהענגער פון דער פאַרטיי פון דער לענאַלער רעפאָרם, סער עדוואַרד קראָסבי. מען האָט איהם אויפגעהאַנגען און דערנאָך געשענדעט. ניט דער גלויבענס־אונטערשייד האָט אויפגערייצט די מערדישע אינסטינקטען פון אָט די הענקער, וואָרום די גרעסטע פיהרער פון די „פאַראייניגטע אירלענדער" זיינען געווען פּראָטעסטאַנטען (פיצגעראַלד, אָ'קאָנאָר, גאַרוויי, טהאָמאַס עמעט), וואָס זיינען אונאייגענניציליך אַרויסגעטראָטען צו באַשיצען די רעכט פון זייערע קאַטוילישע לאַנדסלייט; ניין, דאָ האָט געווירקט דער אַלטער ראַסען־האַס פון די אַנגלאָ־זאַקסען קעגען דעם קעלטישען שטאַם.

פאַר איהר הויפּט געוועזן־צייג האָט די רעגירונג אויסגעקליבען אַ מענשען, וואָס איז באַוואוסט אַלס אַ העסליכער עם הארץ און היציגער פאַרטיימאַן, פון וועמען מען האָט געקאָנט ערוואַרטען די גרעסטע געוואַלט־טאַטען, און האָט איהם אין 1799 געמאַכט פאַר אַ „פיי־שעריף." דאָס איז געווען אַ קליינער גוטסבאַזיצער, מיט נאָמען יודקין פיצגעראַלד. כדי זיך צו מאַכען באַליעבט אין די אויגען פון זיין נאַטשאַלסטווא, פלעגט ער פאַנגען יעדען איינעם, אויף וועמען עס איז געפאַלען אַ חשד, אַלס אַ מיטהעלפער אין דעם אויפשטאַנד, און מיט שמיץ און דראָהונגען פלעגט ער אַרויספּרעסען ביים אומגליקליכען אַ וידוי, אָדער אַ מסירה אויף אַנדערע. אַזאַ שרעק האָט יעדען איינעם אַרומגעכאַפּט אין אירלאַנד ווען ער איז געקומען אין לאַנד, אַז די אָרימע פויערים, ווייסענדיג אַז זיי געפינען זיך אַלע אין זיין מאַכט, האָבען געקניהט פאַר איהם, ווען ער איז פאַרבייגעפאָהרען.

אָט זיינען איינינע ביישפּיעלען פון זיינע טאַטען, אויסגעקליבען פון פיעלע, וואָס זיינען אַרויסגעשווימען אין דער עפענטליכקייט אין צייט פון דעם פּראָצעס איבער איהם פאַר זיין מיסברויכען זיין אַמט־מאַכט, — אַ פּראָצעס, פון וועלכען ער איז, פאַרשטעהט זיך, גלענצענד באַפרייט געוואָרען. אַן אָרימען שפּראַכען־

לערער, ראַיט, וואָס איז געקומען צום געריכט, ווייל מען „פאַר־דעכטיגט" איהם, האָט ער באַגעגענט מיט די ווערטער „שטעל זיך אויף די קניעס, און הער אויס דיין אורטייל." „דו ביסט א רעוואָלוציאָנער" — האָט ער איהם געזאָגט — „מען וועט דיר געבען 500 שמייץ און דערנאָך וועט מען דיך אויפהענגען." דער אָרימער מענש איז געווען אויף אזוי פיעל אונפאַרזיכטיג און האָט ארויסגעשטאַמעלט דאָס וואָרט „אונטערזוכונג". האָט ער איהם דערפאַר איבערגעגעבען צו די הענקערס. נאָר איידער די לעצטע האָבען צייט געהאַט מיט איהם עפּעס צו טאָן האָט דער ריכטער אליין זיך ארויפגעוואָרפען אויף איהם, איהם געריסען פאַר די האָר, געשלאָגען און געשטאָכען מיט דער שווערד. ווען ראַיט האָט שוין געהאַט באַקומען 50 שמייץ איז אריינגעקומען אן ענגלישער מאַיאָר און געפרעגט אין וואָס באַשטעהט זיין שולד. אלס ענטפער האָט מען איהם דערלאַנגט א צעטעל געשריבען אין פראַנצויזיש, וואָס מען האָט געפונען ביים אונגליקליכען אין קעשענע און וואָס זיי האָבען ניט געקאָנט איבערלייענען. עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אז דאָס איז געווען אן ענטשולדיגונג פאַר דעם, וואָס ער האָט אין צייט ניט געקענט קומען צו א לעקציע. דער מאַיאָר האָט פאַרזי־כערט דעם ריכטער, אז דאָס צעטעל איז אן אונשולדיגס, דאָך האָט מען ניט אויפגעהערט איהם צו קאַטעווען ביז די געדערים פון'ם קרבן האָבען זיך שוין ארויסגעזעהן פון אונטער די אָפּגעפּאַלענע שטיקלעך פלייש. דעמאָלס האָט מען באַפוילען דעם הענקער צו שלאָגען איבער די טיילען פון'ם לייב, וואוהין די רוט האָט נאָך פריהער ניט דערגרייכט.

אָט דער פאַל האָט דערוועקט דעם גרעסטען אויפזעהען ביים פּראָצעס קעגען דעם הויפּט ריכטער פון אירלאַנד — אָט דער פּראָ־צעס, זאָגט מאַסעי, וואָלט ניט געווען פאַרפאַל, ווען איין פּראָטעס־טאַנטישער גלח, וואָס איז געווען אן עדות אויף דער זייט פון'ם באַשולדיגטען, וואָלט ניט געשוואָוירען, אז דער אזוי באַריהמט־גע־וואָרענער, בלוט־זיגענדער הענקער, וואָס איז באַוואוסט איבער גאַנץ אירלאַנד אונטערן נאָמען פיצגעראַלד־פינטש, איז געווען א גוטהאַרציגער, הומאַנער מענש. פון אָנפאַנג אָן האָט מען צוליעב איהם און קעגען דער קאָנסטיטוציע, איינגעפיהרט שמייץ. עס איז

איהם דערפאַר ניט שווער געווען זיך אויסצולאַכען פון אַלע באַשולדיגונגען. מיט אַן אונערהערטער גראָבקייט האָט ער זיך באַריהמט, אַז אין פיעלע פאַלען האָט ער נאָך ערגער באַשטראָפט מיט ריטער, ווי אין די, צוליעב וועלכע מען האָט אויפגעהויבען איצט אַזאַ רעש; ער האָט אַליין דערצעהלט, אַז איין מענש האָט זיך געקוילעט אום צו באַפרייען זיך פון די שמיץ און פון דעם בזיון וואָס איז דערמיט פאַרבונדען. עס איז ווערט צו פאַרצייכענען, אַז אַלס באַלוינונג פאַר זיינע דיענסטען האָט ער געקראָגען אַן אונגעהויערע פענסיע און דערנאָך, ווען קעסטלער'ן האָט זיך איינגעגעבען צו פאַרווירקליכען די פאַראייניגונג פון אירלאַנד מיט ענגלאַנד, האָט מען איהם געשענקט דעם טיטול: „דער באַראָן פון דעם פאַראייניגטען קעניגרייך."

איך וועל ברייננען נאָך איין ביישפיעל פון דעם ווי אַזוי די ענגלענדער האָבען אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד: דאָס וועט אונז ווייזען אונטער וועלכע איינדרוקען עס איז אויסגעקומען צו לעבען; ער איז דאַמאַלס אַלט געווען 18 יאָהר. אין הערבסט, 1798, זיינען זשאַנדאַרמען, אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ געוויסען וואָלאַגאַן, אַריינגעגאַנגען אין דאָרף דעלבאַרי, אין הויז פון'ם אַרבייטער דאָגערטי, וועמען די רעגיערונג האָט פאַרדעכטיגט, און געפרעגט, צי עס באַהאַלט זיך ניט ביי איהם איינער פון די בלוט־דורשטיגע רעוואָלוציאָנערען. אין הויז זיינען דאַמאַלס נאָר געווען דאָגערטי'ס פרוי און זיין קראַנק קינד. וואָלאַגאַן האָט געפרעגט דאָס קינד, צי ער איז דאָגערטי'ס זון און ווען ער האָט געקראָגען אַן ענטפער „יאָ"! האָט וואָלאַגאַן אויסגעשריען: „שטאַרבזשע, דו, הונט!" דאָס קינד האָט זיך אָנגעהויבען אָפּבעטען. שטאַרק זידלענדיג האָט דער אונטער־אָפיציר געפּרובט צוויי מאָל אויסשיסען, נאָר ביידע מאָל ניט געטראָפען. דאַמאַלס האָט אַ פריינד איהם דערלאַנגט אַן אַנדער ביקס. די מוטער האָט זיך געוואָרפען פאַראויס, פאַרשטעלענדיג מיט זיך דאָס קינד, נאָר די קויל האָט דורכגעשאָסען דעם קינד'ס הענטעל. ער איז געפאַלען, און די מערדער זיינען אַרויסגעגאַנגען פון הויז. נאָר וואָלאַגאַן האָט זיך צוריקגעקעהרט, און דערזעהענדיג, די מוטער, ליגענדיג איבערגעבויגען איבערן קינד, האָט ער אויסגעשריען:

„וואס, איז דען דער הונד נאָך ניט גע׳פּגר׳ט?"

„אָך, נאָט, האר — האָט די אָרימע פרוי געענטפערט — ער איז שוין גענוג טויט."

„איך האָב מורא, אז נאָך ניט גענוג" — האָט וואָלאַגאַן גע־ענטפערט — „אָט איז נאָך פאר איהם!"

ער האָט אויסגעשאסען דאָס פערטע מאָל, און דאָס קינד איז געפאלען טויט אין דער מוטער׳ס אָרעמס. ווען וואָלאַגאַן איז פארקלאָגט געווארען פאר מיסברויכען די מאכט, האָט זיך די פאר־טיידיגונג געשטעלט דארויף, אז דער באשולדיגטער און זיינע גע־נאָסען „זיינען געשיקט געווארען מיט אַן אלגעמיינעם באפעהל צו שיסען, וועמען זיי ווילען." דאָס געריכט האָט ניט געפונען קיין שום אונמאָראלישקייט אדער זינלאָזעס אין אָט דעם באפעהל. עס האָט אנערקענט, אז דער „באשולדיגטער האָט, אמת, געשאסען אין טהאָמאס דאָגערטי׳ן, א רעוואָלוציאָנער", נאָר עס האָט בא־פרייט דעם באשולדיגטען אויף דעם סמך „אז ער איז ניט באגאנ־גען קיין מיאוס׳ע אדער פון פריהער געפּלאנטע רציחה."

מיט אזעלכע מיטלען האָט מען אין אירלאנד געמאכט ארד־נונג, און צוגעגרייט דאָס פאָלק צו דעם געוואלט־אקט, אין וועל־כען קעסטלער האָט מיט׳ן קאלטען בליק פון א דיפּלאָמאט געזעהן אן אויסגאנג צו דערשטיקען די אויפשטאנדען: די פולע פאר־ניכטונג פון׳ם דובלינער פּארלאמענט און זיין פאראייניגונג מיט דעם לאָנדאָנער. מען האָט נאָך געדארפט באזיעגען א ווידער־שטאנד: דעם אירלאנדער פּארלאמענט; און כאָטש דער לעצטער איז געווען פארדאָרבען ביז׳ן מארך פון די ביינער, דאָך האָט ער נאָך ניט ארויסגעצייגט גענוג אונטערוואַרפענקייט. קעסטלער, וואס איז דאמאלס געווען אירלאנד׳ס שטאאטס־סעקרעטאר און געהאט גאָר ניט קיין הויכע מיינונג וועגען זיינע פּראָטעסטאנטי־שע לאנדסלייט, איז געקומען צו א פּשוט׳ען געדאנק: אונטערצו־קויפען איינציגווייז די נויטיגע צאָהל מיטגליעדער פון דער אָפּאָ־זיציע. אין יעדער טעלעגראמע וואס ער האָט געשיקט פונ׳ם אָנ־הויב יאהר 1799, ביז ס׳איז געשאפען געווארען די אוניע אין 1800, האָט ער אָהן אויפהער געהאלטען אין איין ווידערהאָלען זיין פארשלאָג, און ענדליך, האָט ער געקראָגען פון דער רעגיערונג

אלס ענטפער אנדערהאלבען מיליאָן פונט סטערלינג, וואָס זיינען צעטיילט געוואָרען מיט די גלענצענדסטע רעזולטאַטען. דאמאלס האָבען די ווינציג איבערגעבליבענע אירלענדישע דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט באַשלאָסען אויסצופּריבירען דאָס איינציגע מיטעל וואָס, ווי ס'האָט אויסגעזעהן, האָט געקאָנט האָבען עפּעס אַ באַדייטונג, — נעמליך, אַז גראַטאַן, וואָס איז פאַרגעטערט געוואָרען פון'ם פאָלק, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז שוין לאַנג אָפּגעריסען פון דעם לאַנד'ס אינטערעסען און איז איצט געלעגען געפעהרליך קראַנק, זאָל פּלוצלונג ערשיינען אין פּאַרלאַמענט ביי דער פאַרהאַנדלונג פון'ם פּראָיעקט פון דער אוניע. מיט דער ריין־אירלאַנדישער נייגונג צו דראַמאַטישע עפעקטען, איז דער פּלאַן אויסגעפיהרט געוואָרען. אזוי ווי ס'האָט זיך גראָדע מיט עטליכע טעג צוריק באַפרייט אַ פּלאַץ אין פּאַרלאַמענט, האָט מען גראַטאַנען אין דער שטיל אויסגעקליבען, און דער בעל־הבית פון דעם שטעדטעל, וואו די וואַהלען זיינען פאָרגעקומען, איינער טיג, איז זיך אוועק קיין דובלין מיטצוטיילען די רעזולטאַטען. גראַטאַנען, אַן אָפּגעצערטער פון אַ שטאַרקער קראַנקהייט, האָט מען אויפגעהויבען פון בעט, איהם איינגעוויקעלט אין אַ קאָלדרע און אריינגעטראָגען אויף אַ בענקעל אין פּאַרלאַמענט אריין. די רעדעס האָבען זיך שוין געצויגען 15 שטונדען, און די פּאַלאַטע האָט זיך 7 אַ זייגער אויפגעכאַפּט פון איהר דרעמעל, ווען אויף דער שוועל איז ערשינען אַ ווי אַ געשפּענסט גראַטאַנ'ס פיגור. דאָס איז געווען דער טעטיגער מאַן פון 1782, דאָס איז געווען דער מענש, וואָס האָט פון די אירלאַנדער באַשאַפען אַ פאָלק, און איז איצט, ווי דער אָפּשטאַרבענדער געוויסען פון זיין פאָלק אויפגעשטאַנען פון זיין קבר אום צו געבען דעם לעצטען ענטפער פאַר דער פאַרטיידיגונג פון זיין אומאָפּהענגיגקייט. ער האָט פאַרענדיגט זיין רעדע מיט די ווערטער, אַז ווען ער זאָל אפילו ליגען אַ גוסס'ער, וואָלט ער באַנוצט זיין לעצטען קרעפט, צו פּראָטעסטירען קעגען אַזאַ פּראָיעקט, ווי דער, וואָס איז איצט אריינגעטראָגען געוואָרען אין פּאַרלאַמענט. ווען דער קאַנצלער האָט געוואָגט צו ענטפערען אויף אָט די ווערטער מיט דער באַשולדיגונג אין הויך פאַרראַט, האָט גראַטאַן איהם ארויסגערופען אויף אַ דועל. ער איז פאַרגע־

קומען מיט רעוואָלווערס עטליכע טעג שפּעטער, ביי וואָס קאַרי איז גליקליכערווייזע פאַרוואונדעט געוואָרען אין האַנד, וואָרום ווען ער זאָל געווען זיעגען, וואָלט דאָס פאָלק איהם געווען צוריסען אויף שטיקלעך, נאָר אפילו גראַטאַן איז ניט געווען בכח צו שטע־לען זיך געגען די וואַפען, וואָס די רעגיערונג האָט אָנגעווענדט. די באַרעדזאַמקייט, דער גלאַנץ און פעסטקייט וואָס מאָר האָט פאַרגליכען צו בריליאַנטען*), און אין וועלכע באיראָן האָט געפונען אַלע מעלות, פון דעמאָסטען, און אפילו אזעלכע, וואָס דער לעצטער האָט ניט געהאַט, האָבען ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג אין די הערצער פון די צוהערער. אין דעם טאָג, וואָס דער פּראָיעקט פון דער אוניע איז אָנגענומען געוואָרען, זיינען די גאַלעריען און די טריבונעס געווען איבערפולט מיט צושויער וואָס האָבען מיט אַן אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו די רע־דעס. נאָר קעסטלער, וואָס איז געווען זיכער מיט אַ זיעג, איז אונבאַוועגליך געזעסען אויף זיין שטול און האָט מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען געוואַרט אויף דער אָפּשטימונג. ווען דער פאָרזי־צענדער האָט מיט אַ ציטעריגען קול אויסגערופען: „זאָל דער וואָס איז פאַר דער אוניע אויפהויבען די האַנט!״ האָט איין האַנט נאָך דער אַנדערער פּאַמעליך און פאַרשעמט זיך אָנגעהויבען אויפ־הויבען, איז ער אַ מינוט געשטאַנען ווי אַ פאַרשטיינטער, גלייך ווי אַ סטאַטוע, און דערנאָך האָט ער אויסגעשריען: „די אוניע איז אָנגענומען״ — און מיט אַן אויסדרוק פון האַס און פאַרדראָס האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין שטול. נאָר אין דער צייט פון די שטורעמדיגע דעבאַטען, ווען די בעסטע מענשען האָבען ערקלערט, אַז דער ווידערשטאַנד און אויפשטאַנד ווערען איצט פאַר־וואַנדעלט אין אַ נויטווענדיגקייט, כאָטש קיינער האָט ניט געטראַכט וועגען פאַרווירקליכען זיינע ווערטער, איז אויף דער טריבונע צווישען די צושויער געזעסען אַ אינגער מאַן מיט אַ בלייך גע־

*) קען דען די האַרפע שווייגען, ווען דער, וואָס האָט דער ערשטער געגעבען אַ נאָמען אונזער לאַנד איז פון אונז אוועק?
קען דען מוניסטרעל יערינע שווייגעדיג שטעהן ביים קבר, ווען עס ליעגט אין איהם דער ערשטער און לעצטער פון איהרע פּאַטריאָטען?

זיכט און שטראהלענדע אויגען, ביי וועמען די הוילע ווערטער זיינען לעבעדיג געווארען, און וואס האָט אין הארצען געשוואוירען צו ווערען דער באפרייער פון זיין לאנד. אָט דער יונגערמאן איז געווען דער איידעלסטער און גרעסטער פון אירלאנד, ראָבערט עמעט, וועלכען מיר זיינען ווירקליך פארפליכטעט מיט דער גרעסטער טייל פון דעם, וואס איז ברוויזענד און מעכטיג אין טהאָמאס מאָר'ס אירלאנדישע מעלאָדיען.״

דער גרויסער אירלאנדישער פאָעט, וואס איז ארוים אויף דער וועלט אין דעם זעלבען יאָהר, וואס עלענשלעגער, איז געווען א זוהן פון א קליינעם ויין־הענדלער אין דובלין; ער האָט געהאט א מוטיגען פאָטער, א ליעבענדע און טעטיגע מוטער (א הייסע קאטאָליקין) און ער האָט פארבראכט א גליקליכע קינדהייט אין זיינע עלטערנ'ס הויז. פון זיין פריהסטער קינדהייט איז ער געווען אן אויסערגעוועהנליך פעהיגער און טאלאנטפולער אינגעל. ער האָט געשפיעלט אויף דער ביהנע, האָט געשריבען און דעקלאמירט ליעדער און האָט געזונגען מיט א וואונדערבאר שעהנער שטימע, וואס איז ביי איהם פארבליבען אויף זיין גאנצען לעבען. פון זיין אייגענער באשרייבונג פון זיין קינדהייט קען מען זעהן, ווי פריה עס האָט זיך ענטדעקט זיין אייגענארטיגער פאָעטישער טאלאנט, אין וואס דער אימפראוויזאטאָר און דער לירישער־זינגער האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איינס. ער האָט פארמאָגט די זעלבע פעהיגקייט אויף וואָס עס האָט זיך געשטיצט בעלמאנ'ס גרויסקייט — די פעהיגקייט צונויפצוגיסען אין איין גאנצעם ליעדער און מוזיק; דערצו נאָך האָט ער געהאט א פעהיגקייט מייסטערהאפט דורכצופיהרען די ראָלען פון א שוישפיעלער און א זינגער. ער איז געווען א מאן פון א ניט הויכער וואוקס, מיט בלאָנדע לאָקען, וואס האָבען באקרוינט זיין קאָפּ; אלס קינד איז ער עהנליך געווען צו א קליינעם קופידאָן. זיין שטערען איז געווען א גרויסער, א גלאנציגער און אזא אינטערעסאנטער, וואס האָט געקאָנט פאראינטערעסירען א פרענעלאָג. זיינע אויגען זיינען געווען שעהנע, טונקעלע — וואס וואלטען, ווי לעיג גונט האָט זיך אויסגעדריקט, זעהר שעהן ארויסגעקוקט פון אונטער א קראנץ פון טרויבען־בלעטער; דאָס מויל איז געווען שעהן, א פרעהלי־

כער, מיט גריבעלאך אויף די באקען, די נאָז — א ביסעל פאררוסען, מיט אזא אָריגינעלער אָפּשטעמפּלונג, גלייך ווי ער וואָלט אין זיך איינגעאטעמט דעם גערוך פון א יום טוב'דיגער סעודה אדער פון א פרוכט־גארטען. נאָר אין אלגעמיין האָט אָט דער קליינער מענש געמאכט אן איינדרוק פון לעבעדיגקייט און אַקטיוויטעט; עס האָט זיך געדוכט, אז ער וואלט אויפ'ן בעסטען אופן זיך אויסגעטויגט פאר די אמאָליגע אירלאנדישע רייט־קאָנקורסען; ער איז געווען שטארק עהרגייציג און אין דער יוגענד אויך מיט א גרויסער היי־ציגקייט, אזוי אז ער האָט ארויסגערופען דזשעפרען אויף א דועל פאר זיין ערשטער קריטיק אויף איהם. און דערנאָך האָט ער אויך ארויסגערופען באיראָנ'ען פאר זיינע אָפּלאכונגען פון דער בלוטלאָזער ענדע פון דעם דועל.

נאָר ניט קוקענדיג אויף דיזען קריגערישען עלעמענט אין מאָר'ס בלוט, איז גאַנץ גלויבליך, אז אויב די אומשטענדען, ביי וועלכע ער האָט זיך ענטוויקעלט, וואָלטען געווען וועניגער ערנסט און ערשיטערענד, ווען ער זאָל ניט געווען בעאָבאכטען מיט זיינע איינענע אויגען דעם גאַנצען דרוק פון דעם יאָך און טיראַנאַי, וואָלט ער זיך קיינמאָל ניט דערהויבען אין דער פּאָעזיע העכער פון דער ראָלע פון א סימפּאַטישען אַנאַרכעאָטיקער. אַלע זיינע גיי־נונגען האָבען איהם געצויגען אין דיזער ריכטונג. נאָר איהם איז באַשערט געווען צו טאָן עפּעס מעהר פאַר זיין לאַנד, ווי וועלכער אַנדער מענש האָט געטאָן ביז איהם, אַפילו מעהר ווי בוירנס האָט געטאָן פאר שאָטלאַנד, נעמליך, ער האָט געקענט באַזינגען אין אומשטערבליכער מוזיק און פּאָעזיע איהר נאָמען, איהרע פאָלקס־טימליכע געשיכטען, איהרע ליידען, די בלוטיגע רציחות, וואָס מען איז איבער איהר באַגאַנגען, און די בעסטע מעלות פון איהרע טעכטער און זיהן.

מאָר איז אינגאַנצען 15 יאָהר אַלט געווען, ווען ער איז אריינגעטראָטען אין דובלינער אוניווערסיטעט. אין יענער צייט האָט זיך אָנגעפאַנגען אין אוניווערסיטעט א פּאָליטישער גערודער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען איבער גאַנץ אירלאַנד. אין יענער צייט האָט א איגנעל, ווען עס איז פּאָרגעשטאַנען א

גרויסע און טרויעריגע צוקונפט, ניך צונעצווינגען צו זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון זײַנע חברים, ווי אויך פֿון זײַנע פּראָפעסאָרען. דאָס איז געווען דער אויבען־דערמאָנטער ראָבערט עמעט; זײַנע גלענצענדע ארביימען אויף די געביעטען פֿון מאַטעמאַטיקע און פיזיקע, אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ וואונדערבארער פּאָליטישער בארײדזאַמקייט און זעלטזאַמער נשמה־ריינקייט, האָבען איהם בארימט געמאַכט נאָך אין זײַן זעכצעהניעהריגען עלטער. מיר האָבען שוין גערעדט וועגען זײַנע רעדעס אין דעם רעדנער־קלוב פֿון דער „היסטאָרישער געזעלשאַפֿט”, און וועגען דעם טיפֿען אײַנדרוק, וואָס זיי האָבען געמאַכט אויף דעם, פֿון דעם זעלבען עלטער, נאָר פֿון איהם ווייכערען און ווענינער־ענטוויקעלטען, מאָר׳ען. כאָטש דעם לעצטען האָט מען געוואָרענט, אַז ער זאָל זײַן פאָרזיכטיג, און ער זאָל זיך ניט באַווייזען אין גאַס און אין די עפֿענטליכע פּלעצער צוזאַמען מיט עמעט׳ען, נאָר מאָר האָט גיך דערפֿיהלט אַ שטאַרקע נייגונג צו איהם, אַ הערצליכע באַגייסטערונג, און אַ זעהר נאָהענטע פֿריינדליכקייט. וואָס איז דאָ דער חדוש! דאָס איז געווען אַ יונגער אירלענדישער נאַציאָנאַלער העלד וואָס דער יונגער אירלענדישער דיכטער האָט באַגעגענט אויף זײַן וועג אין דער פֿריהער יוגענד. אין יענער צייט האָבען זיי ביידע קיין אהנונג ניט געהאַט וועגען זייער שפּעטערדיגער גרויסקייט, נאָר דער אינסטינקט, וואָס פֿיהרט צונויף די קרוב׳שע גייסטער, האָט זיי צונויפֿגעפֿיהרט פֿריהער, איידער נאָך דער דיכטער איז געהייליגט געוואָרען דורכ׳ן העלד.

„ווען מען זאָל מיך פֿרעגען — פֿרעגט מאָר — ווער פֿון די מעהר באַוואוסטע מענשען פֿאַרמאָגט, נאָך מײַן מיינונג, די גרעסטע פֿעהיגקייטען צוזאַמען מיט דער גרעסטער מאָראַלישער הויכקייט, וואָלט איך, ניט פֿאַרטראַכטענדיג זיך, אָנגערופֿען: ראָבערט עמעט׳ן”.

ראָבערט עמעט איז געבוירען געוואָרען אין 1780; זײַן עלטערער ברודער, טהאָמאַס, איז געווען איינער פֿון די גרעסטע רעוואָלוציאָנערע פֿיהרער אין 1798, און נאָך דעם דורכפֿאַל פֿון דער רעוואָלוציע, איז ער פֿריהער באַשטראָפֿט געוואָרען מיט גע־

פענגנים און דערנאָך האָט מען איהם אַרויסגעשיקט פון לאַנד. די פריהסטע געפיהלען וואָס מען האָט ביי ראָבערט'ען אַנטוויקעלט, איז געווען דער האַס צו דער ענגלישער מאַכט און די ליעבע צו אירלאַנד'ס מאַרטירער. נאָך אַלס אינגעל האָט ער אַרויסגעצייגט כאַראַקטער, שטאַרקייט, וואָס האָט פאַראויסגעזאָגט די נשמה־גרויסקייט, מיט וואָס ער האָט זיך אויסגעצייכענט אין זיין יוגענד. נאָך אין זיין 12־יעהריגען עלטער האָט ער ליידענשאַפטליך זיך אָפגעגעבען מיט מאַטעמאַטיקע און כעמיע. איינמאָל, גלייך נאָכדעם ווי ער האָט געמאַכט אַ כעמישען עקספּערימענט, האָט ער זיך געזעצט לייזען אַ שווערע מאַטעמאַטישע פאָרמולע, און צוטראָגענדיג אין צערשטרייטעניש די האַנט צום מויל, האָט ער זיך פאַר'סם'ט מיט'ן סובלימאַט פון קוועק־זילבער, וואָס ער האָט געהאַלטען מיט עטליכע מינוטען פריהער אין דער האַנט. די שרעקליכע שמערצען, וואָס ער האָט דערפיהלט, האָבען איהם דערמאָנט אָן דער גרויסער געפאַהר, וואָס דראָהט איהם. נאָר מורא האָבענדיג טאָמער וועט מען איהם שפּעטער פאַרווערען אַזעלכע כעמישע עקספּערימענטען, האָט ער קיין איין געשריי ניט געטאָן, נאָר ער איז שטיל אַריין אין פאָטער'ס ביבליאָטעק, גענומען די ענציקלאָפּעדיע, זי געעפענט אויף דער זייט „גיפט" און געפונען, אַז אין וואַסער צולאָזטער קרייד ווערט רעקאָמענדירט אַלס געגענגיפט. ער האָט זיך גלייך טאַקי דערמאָנט, אַז ער האָט אין שטאַל געזעהן אַ שטיקעל קרייד, איז ער אַוועק אַהינצו, נאָר דער שטאַל איז געווען צוגעשלאָסען. האָט ער אויפגעריסען די טהיר, גענומען דעם קרייד, איהם אויסגעטרונקען אין צופיהרטער וואַסער און האָט זיך רוהיג צוריק גענומען לייזען די מאַטעמאַטישע פאָרמולע. ווען זיין לעהרער האָט אויפ'ן צווייטען טאָג איהם דערזעהן ביים פריהשטיק מיט אַזאַ פאַרענדערטען געזיכט, אַז ס'איז שווער געווען איהם צו דערקענען, האָט עמעט זיך פאַר איהם מודה געווען, אַז ער האָט פאַרבראַכט די נאַכט אין שרעקליכע שמערצען, נאָר ער האָט צוגעגעבען, אַז זיין שלאָפלאָזיגקייט האָט אין אַ געוויסען זינען איהם דאָך געבראַכט אַ נוץ: ער האָט גליקליך געלייזט די אַיהם אינטערעסירענדע פאָרמולע.

ווער עס פאַרמאָגט אַלס קינד אַזאַ מוטיגקייט און זעלבסט־

באַהערשונג, דעם איז באַשערט אַלס דערוואַקסענער מאַן צו זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע.

דאָס איז אַזוי געוואָרען ראשית כל און הויפּטזעכליך פאַר טהאָמאַס מאָר. די איינפאַכקייט און רוהיגקייט אין זיין גאַנצען וועזען, מיט דעם צאַרטגעפיהל אין באַצוג צו אַנדערע, האָבען אין דערזעלבער מינוט, וואָס מען האָט אַנגערירט די סטרונע און גע־מאַכט באַוועגען זיינע געפיהלען, אָפּגעטרעטען דעם פלאַנק צו די פּאָרטרעפליכע געדאַנקען, וואָס האָבען געהאַט אַזאַ באַצויבער־רענדע ווירקונג אויפ׳ן צוקונפטיגען דיכטער.

„צוויי מענשען — זאָגט מאָר — קענען ניט זיין מעהר פאַר־שיידען, ווי עס איז געווען דער יונגערמאַן פון פאַר׳ן און נאָכ׳ן אַנהויבען רעדען. דער בליק, וואָס איז פריהער געווען מיעד און במעט לעבענסלאָז, האָט אָנגעהויבען פלוצלונג שיינען מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין טאַלאַנט. זיין געזיכט, זיינע באַווע־גונגען און זיין גאַנצער געשטאַלט האָט אויסגעזעהען געטליך. וועגען זיין באַרעדזאַמקייט קען איך אפילו אורטיילען נאָר נאָך מיינע יוגענדליכע עראינערונגען, אָבער איך האָב זינט דעמאָלס דאָך ניט געהערט גאָרניט, עפּעס דערהויבענערעס אָדער דורכ־געדרינגען מיט אַ גרעסערער ריינקייט".

מאָר באַמערקט ווייטער, אַז עמעט האָט געהערשט איבער די אַרומיגע מיט דערזעלבער מאָס פון ריינקייט אין זיין לעבען, פון גוטסקייט און באַצויבערונג אין זיין פּערזענליכקייט, ווי מיט זיינע קענטניסען און באַרעדזאַמקייט.

ווען אין 1797 איז געגרינדעט געוואָרען דער זשורנאַל „די פּרעס", פון די אירלענדישע פיהרער אָ׳קאָנאָר, די ברידער עמעט און פילע אַנדערע, האָט מאָר ליידענשאַפטליך געוואָלט אָפּדרוקען אין אָט דער פּאַטריאָטישער און זעהר פאַרשפּרייטער צייטונג עפּעס פון די פּרוכט פון זיין פאַנטאַזיע. נאָר זיין מוטער׳ס שטענדיגעס ציטערען איבער איהם, וואָס איז דעמאָלט געווען ניט אָהן גרונד, האָט איהם, פון דער צווייטער זייט, געשראָקען, אַז דאָס וועט איהר אָנטאָן צרות. דערפאַר האָט ער באַשלאָסען צו־

ערשט ארויסטרעטען אַנאָנים. ער האָט געשיקט אין זשורנאַל א נאָכאָמונג נאָך אַסיאַנען, וואָס איז דורכגעגאַנגען בשלום, נים צי־הענדיג אויף זיך קיינעמס אויפמערקזאַמקייט. דערנאָך האָט ער מיט א ציטערדיגער האַנט אריינגעוואָרפען אין פּאָסט־קעסטעל די בריעף צו די סטודענטען פון׳ם „טריניטי קאָלעדזש״, וואָס איז געווען פול, ווי ער זאָגט אליין, „מיט הויך־פאַרראַט״, — א שאַרפזיניגע סאַטירע אויף קסעלטרין, וואָס האָט ביז זיין טויט געדיענט אַלס א ציעל פאַר מאַר׳ס וויצען.

„איך האָב כמעט ניט ערוואַרטעט, זאָגט מאַר, אז דער בריעף וועט זיין געדרוקט, נאָר אויפ׳ן צווייטען אווענט, ווען איך בין געזעסען ווי געוועהנליך ביים קאַמין און האָב צענומען דעם זשורנאַל, אום צו לייענען אין דער הויך פאַר מיינע עלטערן, האָט זיך אויף דער ערשטער זייט מיר געוואָרפען אין די אויגען מיין אייגענער בריעף, וואָס האָט גלייך ווי אריינגעקוקט מיר אין פּנים אריין; פאַרשטעהט זיך, אז מיינע צוהערער האָבען געוואָלט איהם אויסהערען צום אַלעם ערשטען״.

אונטערדריקענדיג זיין אומרוהיגקייט, האָט ער אויפ׳ן קול איבערגעלייענט דעם בריעף און האָט מיט פאַרגעניגען אויסגעהערט דאָס לויבען פון זיין פאָטער און מוטער, כאָטש ביידע האָבען איהם געפונען פאַר „צו געוואַגט״. נאָר ווען אויפ׳ן צווייטען טאָג אין דער פריה איז עדוואַרד גודסאָן, דער איינציגער מאַר׳ס פריינד, וואָס האָט געוואוסט פון דער געהיימניס, צו איהם געקומען און געפרעגט, א וואָרף טוענדיג אויף איהם א פיעל־באַדייטענדען בליק: „האָסטו עס געזעהן?״ האָט די מוטער אויסגעשריען: „דאָס האָסטו, טאָם, אָנגעשריבען דעם בריעף!״ און זי האָט ווידער איהם אָנגעהויבען בעטען, אז ער זאָל זיין פאָרזיכטיג, נאכדעם ווי ער האָט זיך מודה געווען.

„מיט עטליכע טעג שפּעטער — דערצעהלט מאַר —, אין איינעם פון די לאַנגע שפּאַצירען איבער דער שטאָדט, וואָס מיר מיט עמעט׳ען פלעגען געוועהנליך מאַכען, איז געקומען צו רייד וועגען בריעף און איך האָב איהם מודה געווען, אז איך בין דער מחבר. דעמאָלס האָט ער זיך מודה געווען מיט זיין כמעט פרויען־ווייכקייט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט און וואָס באַגעגענט זיך אזוי

אָפּט ביי אַזעלכע ענטשלאָסענע און ענערגישע מענשען, אַז ווען ער האָט געלייענט דעם בריעף, וועמעס אינהאַלט איז איהם געווען געפעלען, האָט ער ניט געקענט גיט באַדויערען. וואָס די גע־זעלשאַפטליכע אויפמערקזאַמקייט וועט דורך דעם צוגעצויגען ווע־רען צו דער אוניווערסיטעט־פּאָליטיק, און אויב עס וועט זיך אויפהויבען אַ טומעל פון דער רעגירונגס זייט, קען דאָס שאַדען דער פאַרשפּרייטונג פון דעם פון אונז באַטראַכטעטען גייסט", וואָס האָט זיך איצט אין דער שטיל דורכגעלעגט אַ וועג. ווי אינגליש איך בין ניט געווען אין יענער צייט, האָט מיך באַצווי־בערט די רייפקייט פון זיינע געדאַנקען, די קלאָרקייט פון זיין פאַרשטאַנד ווענגען דעם, וואָס מען דאַרף טאָן אין אַזעלכע אומ־שטענדען און אין אַזאַ צייט. נעמליך — ניט רעדען און ניט שרייבען גאָרניט וועגען די טאַטען, וואָס מען וויל טאָן, נאָר טאָקי טאָן. ער האָט קיינמאָל פריהער, אויף וויפיעל איך געדענק, ניט דערמאָנט וועגען דער עקזיסטענץ פון דער געהיימער געזעלשאַפט „די פאַראייניגטע אירלענדער", און אויך האָט ער קיינמאָל פריהער און אפילו איצט מיר ניט פאַרגעשלאָגען אריינצוטרעטען אין דער געזעלשאַפט. אָט די איידעלקייט שרייב איך צו אין אַ גרויסער מאָס צו דעם וואָס ער האָט געוואוסט, מיט וואָס פאַר אַ צערט־ליכקייט מען רינגעלט מיך אַרום אַזוי אין הויז... ער איז געווען אין אַלע הינזיכטען דער הערליכסטער מענש אין דער וועלט, אַזוי רייך מיט פאַרשטעלונגס־קראַפט און מיט האַרציגער מילדקייט, ווי מיט מענשליכער מוטיגקייט".

עס איז קלאָר, אַז ראָבערט עמעט, ניט קוקענדיג אויף זיין ליעבע צו מאַר'ען, האָט געפיהלט, אַז ער איז ניט באַשאַפען פון דעם זעלבען מאַטעריאַל, פון וואָס מענשען וואָס קענען ריזיקירען מיט זייער צוקונפט און מיט זייער לעבען אין אַ רעוואָלוציע, זיינען באַשאַפען. ער האָט דאָך ליעב געהאַט דעם יונגען דיכטער און איהם אָפט באַזוכט; ער האָט, ווי עס זעהט אויס, באַמערקט, וואָסער אַ וואונדערבאַרען אָפּקלאַנג זיינע אידעען און געדאַנקען האָבען געפונען אין דער האַרפע, וואָס טהאָמאַס מאָר האָט געטראָ־גען אין זיין נשמה. ער האָט ליעב געהאַט צו זיצען ביי דער פּיאַנאָ צוזאַמען מיט מאָר'ען, אויסהערענדיג ווי דער לעצטער

האָט געזונגען מעלאָדיעס פון בענטינג'ס אירלענדישער זאַמלונג. מאָר האָט אפילו נאָך געטראָגען אין זיין זכרון דעם מאָמענט, ווי ראָבערט עמעט האָט איינמאָל, ווען ער האָט געשפּיעלט די מעלאָדיע „זאָל ערין געדענקען דעם טאָג", אויסגעשריען מיט אַ ליידענשאַפטליכער באַגייסטערונג:

„אָך, ווען איך זאָל שטעהן אָן דער שפּיץ פון צוואַנציג טויזענד מענשען, וואָס זאָלען מאַרשירען אונטער די קלאַנגען פון דיעזער „מעלאָדיע"!

דאָס איז געווען אין 1797, ניט לאַנג פאַר דער אויפרעקונג פון דער גרויסער פאַרשווערונג. די פאַרשווערונג איז אויסגעפונען געוואָרען, און גלייך נאַכדעם האָט זיך אָנגעהויבען די טעראָר־עפּאָכע. איינער פון די ערשטע רעזולטאַטען פון דער ענטדעקונג איז געווען די איינפיהרונג פון אַן אמת'ער אינקוויזיציע אויף דער אוניווערסיטעט. די סטודענטען האָט מען אויסגערופען נאָך דער רייהע און נאָך די נעמען אויף אַן אויספאָרשונג. אייניגע האָבען געוואוסט זעהר ווייניג, אָדער גאָר אינגאַנצען ניט געוואוסט וועגען די פּלענער פון די פיהרער; נאָר דאָס פּלוצלונגע פאַרשווינדען פון עטליכע פיהרער, צווישען זיי אויך ראָבערט עמעט, האָט קלאָר געמאַכט פאַר די חברים ווי טיעף יענע זיינען געווען באַהאַוועגט אין די פאַררעטערישע פּלענער. די טיעפע שטילקייט, וואָס האָט יעדען טאָג באַגלייט דאָס אויסרופען פון זייערע נעמען, האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק אויף מאָר'ען. אליין האָט ער אין דער צייט פון דער אויספאָרשונג זיך ארויסגעצייגט פאַר אַ גאַנץ מוטיגען סטודענט. ער האָט ערקלערט דעם בייזען לאָרד פיצגעבאָן, אַז ער וועט בשום אופן ניט געבען די שבועה, וואָס זיי האָבען געוואָלט פון איהם, אויב עס וועט איהם ניט ערלויבט ווערען מוסר מודעה צו זיין: אַז ער וועט ניט ענטפערען אויף די פראַגען, וואָס קענען שאַדען עמיצען פון די חברים. ער האָט מוטיג אויסגעהאַלטען דעם אויסברוך פון צאָרען געגען איהם פון דער „נאַטשאַלסטוואָ". אזוי ווי ער איז ניט געווען קיין מיטגליעד פון די „פאַראייניגטע איירישע" און ער האָט ווירקליך ניט געהאַט קיין אהנונג וועגען די פּלענער פון דער געזעלשאַפט, האָט מען איהם גיך באַפרייט.

אין די פאָלגענדע נאָך דעם יאָהרען האָט מאַר געמאַכט דעם ערשטען ארויסטריט אלס דיכטער. די שרעקליכקייטען, וואָס האָבען נאָכגעפאָלגט דער אונטערדריקונג פון'ם אויפשטאַנד, האָבען איהם ניט געגעבען קיין מאַטעריאַל פאַר פאָעזיע; ער איז אַליין געוועזען צו נאָהענט צו זיי. עמעט איז אוועקגעפאָהרען, זיין פאָליטישער איינפלוס האָט זיך אויף א צייט אָפגעשטעלט, און בכלל איז פאָליטישע פאָעזיע געווען אונמעגליך אין אירלאַנד. דער יונגער דיכטער, וואָס איז פון דער נאַטור געניינט געווען צו גרינגער און פרעהליכער פאָעזיע, איז אוועק אויפ'ן וועג, וואָס זיינע פעהיגקייטען און זיין עלטער האָט איהם אָנגעוויזען, און נעמענדיג זיך צום אַלעם ערשטען צו דער באַארבייטונג פון אנאַקרעאָנטישע ליעדער, האָט ער זיי ארויסגעגעבען אין זיין 20־יעהריגען עלטער, מיט א ווידמונג צו דעם פרינץ־רעגענט, אויף וועמען עס האָבען זיך קאָנצענטרירט די האָפנונגען פון די ליבעראַלען. ער איז ארויסגעטרעטען אין יאָהר 1801 מיט א באַנד „פאָעמען פון דעם קליינעם טהאָמאַס“, על־פי עראָטישע ליעדער, אינגליש דורכפיהלענדע און אביסעל לייכטזיניגע. די אירלענדישע לייכטזיניגקייט דערמאָנט שטאַרק וועגען דעם, וואָס באַגעגענט זיך אָפט אין שוועדישע עראָטישע ליעדער און זיי טראָגען דעם זעלבען שטעמפעל פון נאַציאָנאַלער אָריגינאַליטעט.

נאָכדעם ווי מאַר האָט עטליכע יאָהר פאַרבראַכט אין די בעסטע קרייזען פון לאָנדאָנער געזעלשאַפט, ארויסרופענדיג ביי אַלעמען קנאה און באַוואוסט ווערענדיג פאַר זיינע סאַלאָן־פעהיגקייטען, האָט ער זיך אין יאָהר 1803 אוועקגעלאָזט, אוים מאַנגעל אין געלד, אויף די בערמודישע אינזלען אין אמעריקא, און צו קריגען דאָרט א שטעלע אלס א רעגיסטראַטאָר פון דער אַדמיראַלסטוואָ. מען קען זיך פאָרשטעלען ווי ווייניג ער האָט זיך געפּאַסט פאַר אַזא שטעלע! אין א גאַנץ קורצער צייט האָט איהם זיין אויסגעזוכטער שטעל־פאַרטרעטער באַ'גנב'עט די קאַסע אויף א גרויסער סומע און מאַר האָט אָהן א שום שולד געהאַט אויף זיך דעם זעלבען אומגליק ווי סקאָט. איהם האָט מען אויך פאַרגעשלאָגען הילף פון אַלע זייטען, און ער האָט באַצאָהלט זיין חוב אביסעל פון דעם געלד, וואָס זיינע רייכע פריינד האָבען איהם אויסגעליהען,

און דאָס איבעריגע אַ דאַנק זיין שווערער ארבייט אין פאַרלויף פון איינציגע יאָהר. זיין אַמעריקאנער רייזע האָט געדויערט פון אָקטאָבער 1803 ביז נאָוועמבער 1804. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַהיים פון אַמעריקאַ דעם צווייטען באַנד פון זיינע שריפטען, אין וועלכע עס זיינען געווען געזאַמעלט די אַמעריקאנער ליעדער און געדיכטע, וואו די באַשרייבונג פון דער נאַטור באַצויבערען מיט דער קלאָרקייט פון פאַרבען און דער פּאָרטרעט־עהנליכקייט. ווי אַן אמת'ער ענגלישער נאַטוראַליסט האָט מאָר געלעגט פיעל מעהר געוויכט אויף דעם פאַרגלייך ווי אויף דעם קאָלאָריט, און ער האָט ניט ווייניג געשטאָלצירט דערמיט, וואָס די איינוואוינער פון די ערטער, און די רייזענדער האָבען באַשטעטיגט די ריכטיג־קייט פון דער באַשרייבונג פון דער נאַטור אין באַצוג צום לאַנד און צו די איינוואוינער. דער באַוואוסטער ענגלישער רייזענדער, קאַפּיטאַן באַזיל גאָל (דער זעלבער וואָס האָט באַזוכט וואָלטער סקאָט אין אַבאָטספּאָרד און אַרום וועמען באַיראָן איז אַרומגע־גאַנגען אין דער צייט פון זיין קראַנקהייט אין ווענעציע), באַשטע־טיגט, אַז מאָר'ס אָדעס גיבען אַ וואונדערבאַרע און אמת'ע באַ־שרייבונג פון בערמודאַ, און ער צייגט אַז די שענסטע פון אַלע ליעדער, „דער קאַנאַדישער שיף־געזאַנג", איז מיט דער מעלאָדיע און מיט'ן טעקסט באַגרינדעט אויף די ליעדער, וואָס ווערען גע־זונגען אויף די שיפען, מיט'ן איינציגען אונטערשייד, וואָס מאָר האָט אַרויסגעוואָרפען אַלץ וואָס איז געווען ניט שעהן און ניט אָריגענעל אין די ליעדער. מאָר אַליין דערצעהלט ביז וואָסער אַ גראַד ריכטיגקייט און אמת עס זיינען זיינע באַשרייבונגען פון לאַנדשאַפטען און בוימער.

פאַר די שורות: „דאָס איז געווען דאָרטען אין שאָטען פון די קאַלבאַדישע בוימער, מיט אַ פּאָר מענשען, וואָס האָבען געקאָנט פיהלען און געדענקען ווי איך" האָט ער אין 25 יאָהר אַרום געקראָ־גען פון בערמוד אַ בעכער, געמאַכט פון די הייטלעך פון די פרוכט פון אַ קאַלבאַדישען בוים, אויף וועלכען מען האָט געפונען אַרויס־געשניטען זיין נאָמען. די עקזאָטישע נאַטור פון'ם לאַנד האָט באַפרוכפּערט זיין פּאָעטישען געדאַנק, וואָס איז געניגט אַריינ־צונעהמען אין זיך די פּראַכטפולע און די פייערליכע איינדרוקען

פון דער נאַטור. פאַרקעהרט, די דעמאָקראַטישע און רעפּובליקאַנישע רעגירונגס־איינריכטונגען, האָבען פיעל ווינציגער באַפרידיגט דעם דעליקאַטען דיכטער, אויף וועמען די וועלט־רעאַקציע האָט שוין אין אנפאַנג פונ׳ם אכצעהנטען יאָהרהונדערט געהאַט איהר ווירקונג. זיין באַשרייבונג וועגען די אַמעריקאַנישע געזעלשאַפטליכע אָרדנונגען האָבען נאָר דערמאָנט וועגען די שאָטענדיגע זייטען פון דער רעפּובליק. ער האָט געקראָגען אַן אוידיענץ מיט׳ן פּרעזידענט, נאָך דזשעפערסאָנ׳ס נאַכלעסיגער קאָסטיום — די בלויע שיך און זאָקען, האָבען ווי ס׳האָט אויסגעזעהן, פאַררוקט פון זיינע אויגען די געשטאַלט פון דעם מענשען, וואָס האָט אויסגעאַרבייט דעם פּראָיעקט פון אַמעריקאַנער אוּנאָפּהענגיגקייט. מעהר פון אַלץ האָט איהם אָפּגעשטויסען די שטאַרקע פאַרשפּרייטונג אין דער יונגער רעפּובליק פון די אידעען פון דער פראַנצויזישער פילאָסאָפיע, וואָס האָבען זיך איהם, דעם אמת׳ן זוהן פון זיין צייט, אויסגעוויזען ווי אמת׳ער סם און זינד.

„דאָס קינד פון דער גאַלישער שולע איז די פולע פילאָזאָפיע, וואָס זינדיגט שטענדיג, מיט איהרע אַלע גערדאַנקען, מיט איהרע קלוגינקע איינפאַלען, מיט וועלכע די שלעכטע הערצער פאַררדעהען די גלענצענדע קעפּ... זי האָט שוין אריינגעלאָזט איהר סם דאָ, פאַרניכטענדיג די גאַנצע באַצויבערונג, וואָס מאַכט פאַר אונז טייער אונזער עקזיסטענץ"...

„דאָס איז געוועזן — שרייבט מאָר מיט פיעל יאָהרען שפּעטער — די איינציגע פּעריאָדע אין מיין לעבען, ווען איך האָב דערפיהלט אַ צווייפעל אין דער געזונדקייט פונ׳ם ליבעראַלען פּאָליטישען גלויבען, וועמעס פרעדיגער און פאַרטיידיגער איך בין געוועזן אַזוי צו זאָגען פונ׳ם אָנהויב פון מיין לעבען, און ווייל, ווי עס שיינט, אויך פאַרבלייבען ביז׳ן סוף."

אין צייט האָט זיך אויסגעוויזען, אַז די איינדרוקען פון קינדהייט און יוגענד, די ערינערונגען פון דעם אונטערדריקטען אייגענעם אינזעל זיינען פאַרדרענגט געוואָרען דורך די אַנאַקרעאָנטישע שטימונגען, דורך די ערינערונגען וועגען די רייזען און פרעהליכען סאַלאָן־לעבען אין די העכסטע לייכטזיניגע לאָנדאָנער ספערען.

נאָך פלוצלונג, אין יאהר 1807, איז ערשיענען דער ערשטער באנד פון די „אירלאַנדישע מעלאָדיען" — מאָר'ס דאָקומענט אויף אונשטערבליכקייט. אלץ וואס זיין ארים לאנד האָט דורכגעפיהלט און דורכגעליטען אין די לאנגע יאהרען פון ערנידערונג, איהרע ליידען און קרעכצען, איהרע באגייסטערטע אויסברוכען, איהר קריגערישע געוואגטקייט און איהר שמייכלען דורך טרערען, — אלץ איז דאָ ארויסגעזאָגט אין די ליעדער, וואס זייגען אָנגעשריבען מיט אַ בליצענדיגען האלב-אומעטיגען לייכטזין, מיט אַן עראָטישער באגייסטערונג. דאָס איז געווען אַ קראַנץ, אויסגעפלאָכטען פון טרויער, באגייסטערונג און צערטליכקייט, אַ פיין־שמעקענדער טרויער־קראַנץ, ווי פאר אַ טויטען. מיט איהם האָט ער באקרוינט דעם שטערען פון זיין לאנד. מען קען ניט זאגען, אז אירלענדישע נעמען ווערען אָפט און וויליג דערמאָנט אין די ליעדער; אין אלגעמיין ווערען ווייניג נעמען דערמאָנט — עס וואלט געווען געפעהרליך אָנצורופען אירלאַנד'ס אייגענע נעמען. נאָר אָט האָט דער זינגער באַזונגען זיין געליעבטע אין אזעלכע אויסדרוקען, וואס אונטער איהר געשטאלט איז ארויסגעשוואומען ערינ'ס שטרעבען; אָט האָט די ליעבענדע פרוי גערעדט מיט אזא גרויסקייט, אז דער לעזער האָט גלייך פארשטאַנען, אז דאָ רעדט זיך ניט וועגען אַן ערדישער פרוי: די מיסטישע אויסדרוקען האָבען נאָר פארשטארקט די פּאָעטישע האנדלונג, ווי אין די אַלטע קריסטליכע אלעגאָרישע תפלות. וואס איז פארגעקומען אין דער צווישען־צייט זייט דער ערשיינונג פון מאָר'ס לייכטזיניגע ליעדער און דער געבורט פון אָט די וואונדערבארע פּאָעטישע שאפונגען? דאס איז אַ לאנגע און טרויעריגע געשיכטע. די ווערק אליין ענטפערן אויף דער פראַגע. שוין דאָס ערשטע געדיכט אין דער זאמלונג פאַנגט אָן מיט פאלגענדע ווערטער:

„אָ, רעדט ניט ארוים זיין נאָמען! זאל ער שלאָפען אין שאָטען, וואו עס ליגען זיינע קאלטע און ניט־געעהרטע רעליקוויען. טרויעריגע, שווייגענדע און אומעדיגע דארפען זיין די פארגאַסענע טרערען, גלייך ווי דער נאכט'ס טוי, וואס פאלט אויפ'ן גראז, וואס וואקסט איבער זיין קאָפּ."

ווי עס זעהט אויס, איז געווען אזא מאן, וועמעס נאָמען מען

טאר ניט דערמאָנען, וועמעס רעליקוועו ליגען געשענדעט אין קבר, א מענש, וועמען מען האָט געקאָנט באַווײנען נאָר מיט שווערע, שווייגענדיגע טרערען און נאָר אין דעם נאכט־חשך.

אין דעם נאָכפאָלגענדיגען געדיכט רעדט זיך ווידער, ניט דערמאָנענדיג קיין נאָמען:

„ווען דער, וואס פארגעטערט דיך, האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט נאָר דעם נאָמען פון שולד און פון טרויער, אָ, זאָג, וועסטו וויינען, ווען זיי וועלען אָנהויבען באפלעקען דעם כבוד פון דעם לעבען, וואס איז נאָר דיר געווידמעט? יא, וויין, און ווי מיינע פיינד זאלען מיך ניט פאראורטיילען, זאלען דיינע טרערען אראפוואשען זייער אורטייל, ווארום, דער הימעל איז מיין עדות, כאָטש איך בין שולדיג געגען זיי, צו דיר בין איך שטענדיג געבליבען זעהר געטריי.”

אז דעם העלד'ס געליעבטע איז אירלאנד, דאס קען מען זעהן פונ'ם ערשטען בליק: גלייך ווי א טרויער־דעק איז ארויפגעווארפען אויף דעם, וועמעס רעפוטאציע עס איז פארפלעקט פון זיינע פיינד, וואס באטראכטען איהם אלס שולדיג, וואס איז אבער שטענדיג געוועו זעהר געטריי זיין געליעבטער.

בלעטערענדיג ווייטער די זאמלונג קומען מיר צום געדיכט, וואס איז ענג פארבונדען מיט די צוויי פריהער דערמאָנטע, און וואו עס ווערט מיט קלאָרע פארבען געמאָלען די געשטאַלט פון דער כלה, וואס דער אונבאוואוסטער העלד האָט איבערגעלאָזט.

„זי איז ווייט פון דעם לאנד, וואו עס שלאָפט איהר יונגער העלד, און געליעבטע רינגלען זי ארום, אבער קאלט דרעהט זי אפ פון זיי איהרע אויגען און וויינט, ווארום איהר הארץ ליעגט באהאלטען אין זיין קבר! — זי זינגט די פרייע ליעדער פון די געליעבטע פעלדער וואס זיינען איהר טייער, ווארום יעדער נאָטע פון זיי האָט ער אזוי ליעב געהאט צו הערען. אך, זיי ווייסען ניט, אַט די וואס האָבען הנאה פון אַט די קלאנגען, ווי עס ווערט צוריסען אויף שטיקלעך מינעסטרעלעס הארץ! — ער האָט געלעבט צוליעב זיין ליעבע, ער איז געשטאָרבען פאר זיין לאנד. דאָס איז געוועו אלץ וואס האָט איהם צוגעבונדען מיט'ן לעבען. ניט גיך וועלען אויסטריקענען די טרערען פון זיין לאנד, ניט לאנג וועט

ער דארפען װארטען אויף זיין געליעבטער! — אַך, גראָבט איהר אוים א קבר דאָרט, װאו עס פארנייגען זיך די זון־שטראהלען, צו־זאָגענדיג א פרעהליכען מאָרגען. זיי װעלען באלייכטען איהר שלאָף װי א שמייכעל פון מערב, פון איהר אייגענעם, באליעבטען טרויער־אינזעל.״

דער לעזער האָט זיך שוין אָנגעשטויסען, אז דער יונגער העלד, אויף װעמעס קבר עס הערען זיך אזעלכע טרויעריגע, אומעדיגע אקאָרדען איז ניט קיין אַנדערער, װי דער געװעזענער מאָר'ס אוני־װערזיטעט־חבר — ראָבערט עמעט. אָהן צװייפעל, אז זיין שיק־זאַל האָט מאָר'ען אינספּירירט פאר זיינע בעסטע פרייהייטס־הימ־נען צװישען די אירלענדישע מעלאָדיען. װערענד צוליעב דער רע־װאָלוציע אין 1798־טען יאהר איז דער עלטערער עמעט געװען איינגעשלאָסען אין דער פעסטונג סענט־דזשאָרדזש, האָט זיך ראָ־בערט'ען איינגעגעבען אויסצומיידען די טורמע; ער האָט זיך באנוצט מיט זיין פרייהייט אינגאנצען אפצוגעבען צו דער זאַך, װאס האָט געבראכט אַן אומגליק אויף זיין ברודער און װעלכער ער האָט געװידמעט זיין גאַנץ לעבען. ער האָט זיך אװעקגעלאָזט אין יאהר 1802 קיין פאריז און זיך געזעהן מיט'ן ערשטען קאָנ־סול, װאס האָט אויף איהם אין אלגעמיין געמאכט אזא איינדרוק, „אז ער זארגט זיך גאַנץ װעניג װעגען אירלאנד אלס רעפּובליק און איהר פרייהייט"; א חוץ דעם האָט ער זיך עטליכע מאָל געזעהן מיט טאַלעראַנען, װאס איז איהם אויך ניט שטאַרק געפעלען גע־װארען; ער האָט געהאָפּט, אז מיט דער הילף פון די געשפּרעכען װעט ער צוגרייטען א באָדען פאר גרינדען אן אונאָפּהענגיגע איר־לאַנדישע רעפּובליק, געשטיצט אויף דער פאראייניגונג מיט דער פראנצויזישער. אין יענער צייט האָבען די גוטע באציהונגען צװי־שען ענגלאַנד און פראַנקרייך, װאס דער אמיענישער שלום האָט נאר װאס אויסגעגלייכט געהאלטען ביים איבערגעריסען װערען. באָנאפּארט האָט א שטיק צייט, װי עס שיינט, געדענקט װעגען לאַנדען חיל אין אירלאַנד. — אויפ'ן אינזעל „הייליגע העלענא" האָט איהם באַנג געטאָן, װאס ער איז ניט געגאַנגען קיין איר־לאַנד אויפ'ן ארט פון עגיפּטען — און ראָבערט עמעט איז אָנגעקו־מען אין נאָװעמבער 1802 אויפ'ן געבורטס־אינזעל מיט א באַ־

שטימטער פאַרזיכערונג, אַז די לאַנדונג פון'ם פראַנצויזישען חיל וועט געשעהן אין אויגוסט 1803. מיט אַן אונערמיעדליכער מו־טיגקייט האָט ער נאָך אַמאָל אָנגעהויבען אָרגאַניזירען אַן אויפ־שטאַנד איבער גאַנץ אירלאַנד. נאָך זיין מיינונג האָט זיך די רע־וואָלוציע פון 1798 ניט איינגעגעבען דערפאַר, וואָס זי האָט ניט געהאַט קיין אַפּעריערענדען באַזיס אין אירלאַנד'ס הויפּט־שטאָדט. ער האָט געהאַלטען פאַר נויטיג צום אַלעם ערשטען באַהערשען דובלין, צום מייסטען דעם שלאָס, וועמעס טויערען עס זיינען געשטאַנען אָפען ביז אָוועגד. ביי טאָג און ביי נאַכט האָט ער גע־אַרבייט צו צוגרייטען דעם אויפשטאַנד: אין פאַרשיעדענע קוואַר־טאַלען פון דובלין האָט מען אָפּגעדונגען הייזער, וואו מען האָט אונערמידליך געאַרבייט אויף דער פאַבריקאַציע פון געוועהר און פּולווער; עמעט איז אַליין שטענדיג געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ קליינעם שטאַב פון פופצעהן מענשען, צום מייסטען פון'ם פּשוט'ן פאָלק, וואָס האָבען געאַרבייט אונטער זיין אויפזיכט און ער האָט זיך ערלויבט נאָר אַ קורץ־צייטיגען אָפּרוה אין איינעם פון די פּולווער סקלאַדען, ליגענדיג אויף אַ מאַטראַץ. כאָטש וואָס מעהר ווי טויזענד מענשען האָבען געוואוסט פון דער פאַרשווע־רונג, איז צווישען זיי ניט געווען קיין איינציגער פאַררעטער און די בלוטדורשטיגע רעגיערונג האָט ניט געוואוסט וועגען דעם גרוי־סען שטורעם וואָס גרייט זיך. עמעט'ס גאַנץ פאַרמעגען איז אַוועק־געגאַנגען אויף קליינע איינקויפונגען. נאָר קיין איינער פון די אַר־בייטער האָט קיין געלד ניט גענומען פאַר זיין טרחה. „זיי האָ־בען געאַרבייט — האָט געזאָגט איינער פון זיי, וועמען דער אויטאָר פון „די פאַראייניגטע אירלענדער" האָט באַגעגענט שוין אַן אַל־טען — ניט פאַר געלט, נאָר צוליעב דער זאַך; זיי האָבען זיך פאַרהאַלטען מיט גרויסען צוטרוי צו ראָבערט עמעט'ען און זיינען גרייט געווען אוועקצוגעבען דאָס לעבען פאַר איהם." נאָר אין יוני איז פאַרגעקומען אַ ניט פאַראויסגעזעהענע געשעהעניש: איי־נער פון די פּולווער סקלאַדען איז אויפגעריסען געוואָרען און דער־הרג'ט צוויי מענשען; איינער פון זיי האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אויף די הענט פון ראָבערט עמעט. אויפ'ן צווייטען טאָג האָט אַ פּראָטעסטאַנטישע צייטונג געלאָזט וויסען דער רעגיערונג, אַז זי

שלאָפּט אויף א מינע. מען האָט נעמוזט, ניט צוגעגרייטערהייט און אָהן דער הילף פון די פּראָנצויזען אָנפאַנגען דעם אויפשטאַנד, אויב מען זאָל נאָר ניט פארניכטעט ווערען אָהן א קאמף. דעם 23טען יולי איז א מוטיגע פּראָקלאַמאַציע, וואס רעבארט עמעט אליין האָט פארפאסט, געווען צוקלעפּט אויף אלע גאסען פון דובּ־לין; נאָר ווען ס'איז אָנגעקומען דער אווענד און ער האָט גע־דארפט אָן דער שפּיץ פון א קליינעם המון געהן שטורמעווען דעם פּאַלאַץ, האָט ער געדארפט מיט טרויער איינזעהען, אויף וויפיעל זיינע לאַנדסלייט זיינען אונפארלעסליך אין א געפעהרליכען און ענטשיידענעם מאָמענט. וואס נעהענטער מען איז צוגעקומען צום פּאַלאַץ, אלץ שיטערער איז געוואָרען דער המון ארום איהם און ווען זיי זיינען שוין געווען נאָהענט ביים טויער איז נאָר איבער־געבליבען א קליינע צאָהל פון געטריייע, און יעדע האָפנונג אויף א גליקליכען אויסגאַנג איז צושטערט געוואָרען געגען דעם גוט־באַ־וואפנעטען שונא. אין דער ערשטער מינוט פון פארווירונג האָבען די פיהרער זיך באהאלטען אין די וועקלאָווישע בערג־היילען, און דאָ האָבען זיי זיך אויפ'ן צווייטען טאָג געקאָנט פארזאמלען אין א וויטען טהאָל אויף א בעראַטונג. פיעל זיינען געווען זיכער, אז עס איז נאָך גאָרניט פארלוירען: איין סיגנאַל נאָר, און איר־לאַנד וועט אויפשטעהן ווי איין מענש. א. אז. וו. אָיין ראָבערט עמעט האָט פארלוירען די גאַנצע אילוזיע און קלאָר געמאַכט זיינע פריינד, פּאַרטזועצען דעם קאמף אין דער איצטיגער מינוט, מיט די ניט אָרגאַניזירטע רעבעלען וועט נאָר פיהרען צו נייע בלוט פארגי־סונגען און צו נייע צרות פאַר דער באפעלקערונג, וואָס האָט זיך שוין אזוי אויך גענוג אָנגעליטען. איידער מען האָט זיך צוגאַנגען האָבען אלע אָנגעהויבען בעטען עמעטען אנטלויפען, און דאָס האָט מען געקאָנט טאָן מיט דער הילף פון א שיפעל, וואָס האָט באַלאַנגט צו די רעוואָלוציאָנערען. נאָר ראָבערט עמעט האָט ערקלערט מיט א קליינער פארלעגענהייט, אז ער מוז נאָך זיין אין דובלין, אום זיך געזעגענען מיט א פרוי, וואָס איז איהם אזוי טייער, אז ער קען ניט פארלאָזען אירלאַנד אויף א לאַנגער צייט און זיך מיט איהר ניט זעהן. „ער מוז זי זעהן, אויב ער זאָל אפילו טויזענד מאָל באַצאָה־לען מיט זיין לעבען.״

סאָלראַטען האָבען איהם אומעטום געזוכט, זיין געטרייע באַ־לעבאָסטע, אַ אינגע מוטיגע מיידעל האָט זיך געלאָזט צו האַקען איהר גאַנצען לייב מיט שפּיזען און אויך מיטגעמאַכט דאָס „האַלב־העני־גען" נאָר זי האָט ניט אויסגעזאָגט וואו ער געפינט זיך. ענדליך האָט מען איהם געפונען, ביי איהם צוגענומען יעדע מעגליכקייט צו אַנטלויפען, איהם דורכגעשאָסען די פּלייצע און אַרעסטירט. דער מאַיאָר וואָס האָט ביי איהם צוגענומען דאָס געוועהר האָט ביי איהם געבעטען ענטשולדיגונג פאַר'ן שאָס, נאָר עמעט האָט טרוקען גע־ענטפערט, אַז אַליץ איז ערלויבט אין אַ מלחמה.

אין עטליכע טעג אַרום נאָך זיין אַרעסט האָט ראָבערט עמעט אָוועקגעשיקט אַ בריעף צו דער אינגער מיידעל, צוליעב וועלכער ער האָט געשטעלט זיין לעבען אין געפאַהר. דאָס איז געווען מיסס סאַראַה קוראַן, די טאָכטער פון אַ באַוואוסטען אַדוואָקאַט, וועמעס נאָמען עס ווערט אָפט דערמאָנט אין באַיראָנ'ס ליעדער; ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער און הייסער, אַ באַרעדזאַמער פּאַרטיי־דיגער פון די אירלאַנדעשע רעוואָלוציאָנערען פון 1718, איינער פון די בכבוד'סטע און אָנגעזעהענסטע מענער פון זיין לאַנד. אין זיין הויז פלעגט ראָבערט עמעט אָפט זיין נאָך אין זיין פריהער יוגענד; נאָר דערוויסענדיג זיך פון דער הייסער סימפּאַטיע, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט צווישען עמעט און זיין טאָכטער, און מורא האָבענדיג עמעט'ס פּאָליטישע טעטיגקייט וועט מאַכען אַ תל פון זיין צוקונפט האָט ער צושיידעט די יונגע געליעבטע, און זיי האָבען אָנגעהויבען זיך דורכשרייבען אָהן זיין וויסען. דער טורמע־מאַן וואָס איז גוט באַלוינט געוואָרען פאַר איבערגעבען עמעט'ס בריעף אויפ'ן אָנגע־געבענעם אַדרעס האָט איהם זיך איבערגעגעבען אין פּראָקוראָר'ס הענט. דערשרעקענדיג זיך, טאָמער האָט ער קאָמפּראָמענטירט זיין געליעבטע, האָט עמעט באַלד אָנגעשריבען צו זיינע ריכטער: ווי־סענדיג אַז זיי האָבען שטאַרק מורא פאַר זיין באַרעדזאַמקייט, האָט ער פאָרגעשלאָגען זיך צו ערקלערען שולדיג פאַר'ן געריכט און זיך ניט פאַרטיידיגען מיט קיין איין וואָרט, אויב נאָר זיינע בריעף צו מיסס קוראַן וועלען אויסגעשלאָסען ווערען פון'ם פּראָצעס. אומ־זיסט. אויפ'ן צווייטען טאָג האָבען די הויז־זוכונגען ביי'ם אויפ־נערעגטען קוראַן איהם ענטדעקט וועגען די אינטימע באַציהונגען,

וואָס האָבען אָנגעהאלטען צווישען זיין טאָכטער און עמעטען. דער אויסגאַנג פון דער זאַך דערלאָזט ניט קיין שום צווייפעל; דער באַשולדיגטער האָט געוואוסט וואָס איהם ערוואַרט. איינמאָל איז דער טורמע־אויפזעהער צו איהם אריינגעקומען, און ער האָט גע־פלאָכטען אַ לאָקען פון זיין געליעבטער; ער האָט זיך אָנגערופען: „איך פלעכט איהם, כדי איהם מיטצונעהמען מיט זיך אויפ'ן עשאַ־פאָט“. אויף זיין טיש האָט מען געפונען אַ זעהר געלונגענע צייכ־נונג, וואָס ער האָט אַליין אויפגעמאָלען מיט אַ פען: דאָס איז געווען זיין אייגענער פּאָרטרעט, וואָס האָט ארויסגעוויזען אַ סך עהנליכקייט צו איהם. דער קאָפּ איז געווען אָפּגעטיילט פון'ם קער־פּער, און דער קערפּער איז געלעגען אויסגעשטרעקט נעבען איהם.

דער פּראָצעס האָט אָנגעפאנגען 10 אַ זייגער אין דער פריה. נאָכדעם ווי דער פּראָקוראָר האָט פייערליך געמאָלדען, אַז די איינ־ציגע ווירקונג וואָס אָט דער אויפשטאַנד האָט געהאַט, איז געווען דאָס אויפוועקען פון די געטרייע געפיהלען צום קעניג איבער גאַנץ אירלאַנד, האָט ראָבערט עמעט געבעטען איבערצולייענען אין דער הויך נאָר איין פּאַראַגראַף אין פון איהם פארפאסטען מאַניפעסט פון דער צייטווייליגער רעגירונג: „פון איצט אָן ווערט פארוועהרט אין אירלאַנד דאָס געברויכען פון שמיץ און אנדערע פּייניגונגען און אין קיין פאַל זאָל עס צוריק ניט איינגעפיהרט ווערען“. דערנאָך האָט גערעדט אַן אונפארשעמטער אירלאַנדישער רענעגאַט, וואָס איז אונטער לאָרד פלינקעט געווען אַ מיטגליעד פון דער רעוואָלוציאָנע־רער פּארטיי און האָט אַלס אָפּיציעלער באַשולדיגער אָפּגעלאכט און געזידעלט עמעטען. דערנאָך האָט זיך עמעט אויפגעשטעלט און זייענדיג זיכער, אַז זיין טויט איז נאָהענט, געהאַלטען אַ פּאַרטיי־דיגונגס־רעדע, וואָס איצט ווייסט זי יעדער אירלאַנדער. ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער זאָל וויסען, אַז נאָכדעם ווי מען וועט אַרויס־כּוּ אָגען זיין באַשולדיגונגס־אורטייל, ערוואַרטעט איהם נאָר דער טויט, וואָלט ער איצט ניט געוואָלט אַפילו באַמיהען די אויפמערק־זאַמקייט פון די אַנוועזענדע; נאָר דער אורטייל, וואָס גיט איבער זיין קערפּער צום הונגער, גיט אין דער זעלבער צייט איבער זיין נאָ־מען צום געריכט פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג, דערפאַר האָט ער באַשלאָסען צו רעדען. אויף דעם ריכטער'ס בייזע באַמערקונג,

האָט ער געענטפערט אין א זעהר רוהיגען טאָן: „און מיר האָט מען געזאָגט, מילאָרד, אז די ריכטער האָבען אמאָל אויף זיך א חוב געדולדיג אויסהערען און הומאניש רעדען“; ער האָט אזוי הויך גערעדט, אז מען האָט איהם געקענט הערען פון דער אנדערער זייט טיר; דאָך איז אין זיין רעדען ניט געווען קיין שאָטען פון איבער־טרייבונג אָדער דעקלאַמאַציע; פארקעהרט נאָך, האָט מאַצען, וואָס האָט איהם געהערט, דערצעהלט — ער האָט מיט דער גרעס־טער פיינקייט באהערשט זיין שטימע, און אָפּטרעטענדיג פון די גראַטעס, און צוגעהענדיג נאָהענט, געמאכט זיינע געוועהנליכע זשעסטען, וואָס האָבען געהאט א באזונדערען צויבער. דרייסיג יאָהר נאָכדעם האָבען די עדות פון דער זעלטענער רעדע ניט גע־קאָנט אָהן אינערליכער אויפרעגונג דערמאָנען זיך אָן דער גראַציע און הויכמוטיגקייט, מיט וועלכער ער האָט געענטפערט זיינע ריכ־טער. א קאָרעספּאָנדענט פון דער „טיימס“, וועמען דער אויפ־שטאנד איז זיכער ניט געווען צום הארצען, האָט אָנגעשריבען א בריעף וועגען עמעטען:

„אָבער איך מוז צוגעבען איין זאך: ער איז געווען גרויס, ניט קוקענדיג אויף אַלע זיינע טעות׳ן. אין טאָג פון דעם פּראָ־צעס, אין דער מינוט ווען דער קבר האָט זיך געעפענט, אום איהם אריינצונעמען אין זיך, האָט ער געמאכט ציטערען די ווענט פון׳ם געריכט מיט דער ענערגיע און גלאנץ פון זיין שעהנער שפּראך; איך האָב געזעהן, ווי דער שלאנג, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף דער ברוסט פון זיין פאטער (לאָרד פּלונקעט) האָט אָנגעהויבען ציטערען פאר זיין בליק, און ווי אָט דער אויסוואורף פון דעם מענ־שען־מין, וואָס האָט איהם פאראורטיילט (לאָרד נאָרבערי) איז בלאַס געוואָרען און אָנגעהויבען ציטערען אויף זיין שטול.“

עמעט האָט פאַרענדיגט מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„מילאָרדס! איהר וואַרט מיט אונגעדולד אויף אייער קרבן. אַלע שרעקען, מיט וואָס איהר האָט מיך ארומגערינגעלט, האָבען ניט געקאָנט, ווי אייער פארלאנג איז געווען, פארגליווערען דאָס בלוט אין מיינע אָדערען; אין עטליכע שטונדען ארום וועט עס שרייען צום הימעל וועגען נקמה, נאָר איך בעט נאָך אביסעל געדולד. איך דאַרף נאָך זאָגען עטליכע ווערטער: איך געה אין מיין קאַלטען

און שטומען קבר; דער לאַמפּ פון מיין לעבען איז כמעט פאַר־לאָשען. איך האָב צוליעב מיין געבורטס־לאַנד זיך צעשיידט מיט אַלץ, וואָס איז מיר געווען טייער אין מיין לעבען, מיט'ן אָפּגאָט פון מיין נשמה, מיט דעם עיקר פון מיינע געפיהלען. מיין וועג איז צו ענדע: דער קבר עפענט זיך אויף מיך אריינצונעהמען, און איך זינק אין זיינע אָרעמס. געזעגענענדיג זיך מיט דער וועלט, דריק איך אויס נאָר איין וואונש מיינעם: מיר אונטערטראָגען אַ צאַרטע מתנה פון שווייגען. זאָל קיינער גאָר ניט אויפשרייבען אויף מיין מצבה. היות ווי ס'איז ניטאָ קיין איין מענש וואָס, ווי־סענדיג די אורזאַכען, וואָס האָבען מיך דערצו געטריבען, זאָל וואַ־גען איצט זיי צו פאַרטיידיגען. זאָלען אַבערגלויבען און עם־הארצות זיי ניט פאַרשווארצען! זאָלען זיי רוהען אין פינסטערניש און פרידען! זאָל די געדעכניש וועגען מיר פאַרגעסען ווערען און זאָל מיין מצבה איבערבלייבען אָהן אן אויפשריפט, ביז אַנדערע מענשען און אַנדערע צייטען וועלען צו מיר ארויסצייגען אויפריכ־טיגקייט! ווען מיין געבורט'ס לאַנד וועט פאַרנעהמען דאָס פּאַ־סענדע פּאַר איהר אָרט צווישען די איבעריגע פעלקער, ערשט דאַ־מאלס, ניט פריהער זאָל מען אָנשרייבען מיין עפּיטאַפּיע. איך האָב אַלץ געזאָגט".

דאָס אורטייל איז פאַרגעלייענט געוואָרען: ראָבערט עמעטען דאַרף מען נאָך אין דער נאַכט, איינס דעם זייגער, פריהער אויפהענגען, און דערנאָך דאַרף מען אראָפּהאַקען זיין קאָפּ. ס'איז געווען עלף אַ זייגער ווען מען האָט איהם געבראַכט צוריק אין תפיסה. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין וועג נעבען די טורמע־גראַטעס, וואו עס איז געזעסען איינער פון זיינע פריינד און איהם געזאָגט: „מאָרגען וועט מען מיך אויפהענגען". — מען האָט איהם קיין רוהע ניט געגעבען אַפילו אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען, און איהם פאַרשיקט אויף אַ מרחק פון צעהן מייל אין לאַנד, מורא האָבענדיג אז דער המון וועט זיך אריינרייסען אין זיין טורמע און איהם מיט געוואלט באַפרייען. ערשט דאַמאלס האָט איין הומאַנער טורמע־מאַן אראָפּגענומען פון איהם זיינע קייטען, וואָס זיינען אַזוי ענג געווען אויף איהם אָנגעטאָן, אז דאָס בלוט האָט גערונען פון זיינע פאַרוואונדעטע אברים; דער זעלבער מענש האָט איהם אויך

עפּעס געגעבען צו עסען, ווארום פון צעהן אַ זייגער אין דער פריה — זינט דער פּראָצעס האָט אָנגעפאנגען — האָט ער אין זיין מויל ניט געהאַט. נאָכדעם איז ער אַביסעל געשלאָפען, און אויפכאַפּענדיג זיך האָט ער זיך באַנוצט מיט די עטליכע מינוטען, וואָס זיינען איהם פארבליבען צו שרייבען איניגע בריעף: איינעם צו זיין ברודער קיין אַמעריקאַ, אַ צווייטען צו מיסס קוראַנ׳ס ברודער, און אַ דריטען צו איהר אַליין. נאָר דאָ האָט איהם איבערגעשלאָגען זיין פריינד׳ס אריינקומען, וואָס האָט נאָך אַמאָל איהם געוואָלט זעהן. די ערשטע ווערטער זיינע, איז געווען אַ פראגע וועגען זיין מוטער׳ס געזונד; דער פריינד האָט מיט גרויסען טרויער איהם דערצעהלט, אַז זי איז געשטאָרבען פאר צער צוויי טעג צוריק. רוהיג האָט זי איבערגעטראָגען דאָס ארויסטרייבען פון איינעם פון איהרע זיהן פון אירלאַנד, זי פלעגט שטיצען ראָבערטען אויף זיין וועג, וואָס ער האָט אויסגעקליבען: נאָר ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז דער זון, דער שטאָלץ פון איהר לעבען, ווערט איבערגעגעבען צו אַזאַ שרעקליכען טויט אין׳ם 23־טען יאָהר פון זיין לעבען, איז איהר הארץ צעריסען געוואָרען. ראָבערט האָט, באַהערשענדיג זיך, אויסגעהערט די נייעס און געזאָגט: „בעסער אַזוי“.
אין זיין בריעף צו מיס קוראַן שרייבט ער:

„איך האָב פאר זיך קיינמאָל ניט געוואָלט קיין הויכע אמטען, ניט קיין כבודים, איך האָב זיך קיינמאָל ניט אינטערעסירט מיט ליעב־געזאנגען; נאָר איך האָב געוואָלט לייענען אויף סאַראַ׳ס פריידיגען געזיכט, אַז איהר מאַן ווערט געמאַטערט“.

די האַנד־שריפט אין אַט די בריעף איז געווען אַזוי פעסט און ריכטיג, ווי שטענדיג. איינס אַ זייגער האָט מען איהם צוגעפיהרט צום עשאַפאָט. אַזוי גרויס איז געווען די באַצויבערונג, וואָס ער האָט מיט זיין אײדעלקייט און פיינקייט אָנגעוועהעט אויף די גראָבע נאַטורען, אַז איינער פון די טורמע־לייט, געזעגענענדיג זיך מיט איהם, ווען ער איז פארביי איהם דורכגעגאנגען אין באַגלייטונג פון שעריף און פון דעם טורמע־הענקער, האָט זיך באַגאָסען מיט טרערען; דער פאראורטיילטער וועמענס הענד עס זיינען געווען געשלאָסען, האָט זיך אָנגעבויגען און אַ קוש געטאָן דעם וועכטער אין געזיכט, און דער מאַן, וואָס האָט שוין אויף זיך

ועטראַגען א 20־יעהריגען אמט אין טורמעס, און איז שוין צוגע־וואָהנט געווען צו טורמע־סצענעס, איז געפאַלען באַוואוסטלאָז צו זיינע פיס. צופוסענס פון'ם עשאַפאָט האָט ראָבערט עמעט איבער־געגעבען איינעם פון זיינע פריינד א בריעף, וואָס ער האָט אָנגע־שריבען צו מיס קוראַן, נאָר דעם פריינד האָט מען ארעסטירט און דער בריעף איז צו איהר ניט דערגאַנגען. עמעט האָט אַליין אראָפּ־גענומען זיין קאָלנער און געהאָלפען דעם הענקער ארויפטאָן דעם שטריק אויף זיין האלז. דער הענקער האָט געוויזען זיין אָפּגעהאַק־טען קאָפּ פאַר דעם המון און אויסגעשריען: „דאָס איז דער קאָפּ פון ראָבערט עמעט, דער הויכפאַררעטער!" קיין איין קלאַנג האָט ניט אָפּגעענטפערט.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז אין דער רעגירונגס צייטונג „לאָנדאָן כראָניקעל" געווען געמעלדעט: „ער איז געבליבען ביז אין דער לעצטער מינוט אזא, ווי ער האָט זיך געוויזען אין דער צייט פון דעם פראָצעס, ארויסצייגענדיג א געמיש פון אריסטאָקראַטישער זאָרג־לאָזיגקייט און פרעכהייט, גלייך ווי ער זאָל אויסלאַכען די שרעק־ליכע אומשטענדען, צווישען וועלכע ער האָט זיך געפונען. קיין זאַך אין זיין אויפפיהרונג האָט ניט דערמאָנט די רוהיגקייט פון אַן אמת'ען קריסט. היט אונז גאָט, פון מענשען מיט אזעלכע פרינ־ציפּען! דאָך האָבען מיר קיינמאָל ניט געזעהן קיין מענשען, וואָס זאָל שטאַרבען אזוי ווי ער: ער איז געווען די פאַרקערפּערטע ניט־גלויביגקייט און געזאָגט צום גלח, וואָס איז מיט איהם מיטגעגאַנ־גען: „איך דאַנק פאַר אייער מיה, וואָס איהר האָט אויף זיך גענומען, נאָר עס איז נוצלאָז; מיינע אידעען וועגען דער זאַך האָבען שוין לאַנג ביי מיר צונויפגעלעבט, און איצט איז ניט דער מאָמענט, אז איך זאָל זיי קענען בייטען".

אזוי האָט דערצעהלט די אָפּיציעלע פרעסע; די אונ־טערדריקטע אירלאַנד האָט פאַרשווייגען דעם עשאַפאָט פון איהר 23־יעהריגען העלד, און, געטריי צו זיין וואונש, נאָרניט אויפגע־שריבען אויף זיין מצבה.

נאָר ווען עס זיינען ערשיענען מאָר'ס „אירלאַנדישע מעלאָ־דיען", האָבען פּלוצלונג אלע דערהערט, ווי אין די לידער האָבען די ליידען און האס פון א גאַנץ פאָלק זיך דערהויבען און אָפּגע־

שטאַרבען אונמעכטיג, געפליסטערט און הויך געשריען צו די הימלען, זיך באַקלאָגט און זיך געבייזערט גלייך ווי די ים־כוואַליעס, מיט דער גאַנצער ניט־פאַרהאַלטענער קראַפט פון דעם סטיכישען עלעמענט. עס איז דאַמאַלס ניט געווען און עס איצט ניטאָ איין פויער אין אירלאַנד, וואָס זאָל ניט וויסען דאָס ליעד: „ווען ער, וואָס פאַרגעטערט דיך". אין אַמעריקאַ לייענט מען נאָך ביז צו היינטיגען טאָג עמעט׳ס לעצטע רעדע אין די שולען. דאָס איז דאָס עוואַנגעליום פון דער שטרעבונג צו אירלאַנד׳ס פרייהייט. נאָר, ס׳איז מערקווירדיג: ניט אַזוי ראָבערט עמעט׳ס העלדישער טויט האָט איהם אַזוי באַריהמט געמאַכט צווישען זיינע לאַנדס־לייט, וויפיעל זיין טרויעריגע ליעבע־געשיכטע. זיין כלה האָט פאַר די אויגען פון דעם אירלאַנדישען פאָלק זיך פאַרגעשטעלט ווי אַן אלמנה פון העלד און אַלע האָבען זי פאַרגעטערט. איהר אומגליק איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרען דערמיט, וואָס זי האָט געלעבט אין אַן ענגליש־דענקענדען געזעלשאַפט־קרייז, וואו מען האָט, אמת, באַדויערט עמעט׳ס טויט, נאָר מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ פאַרדיענטען. מיט עטליכע יאָהר נאָך זיין טויט האָט זי זיך באַקאַנט מיט אַן ענגלישען אָפיצער, וואָס ווערענדיג גערירט פון איהר איינזאַמקייט צווישען פרעמדע און באַצויבערט פון איהר פראַכטפולען אויסזעהן האָט ער איהר פאָרגעשלאָגען מיט איהר חתונה צו האָבען. נאָך אַ לאַנגען ווידערשטאַנד האָט זי אָנגענומען זיין פאָרשלאַג. ער האָט זי אַוועקגעפיהרט קיין איטאַליע, וואָרום איהר געזונד איז אינגאַנצען געווען צעשטערט. מיט איהר אויס־זעהן, דערצעהלט דער אדמיראַל נעפּיס, וואָס האָט זי געזעהן אין נעאַפּעל, האָט זי דערמאָהנט אַ „זיך באַוועגענדע סטאַטוע". זי איז געשטאָרבען אין עטליכע יאָהר אַרום אין סיציליע, ווייט פון דעם לאַנד, וואו עס שלאָפט מיט׳ן אייביגען שלאָף איהר יונגער העלד. וואַשינגטאָן אירווינג האָט זי באַשריבען אין אַ שעהנער סקיצע: „דאָס צויבערישע האַרץ", נאָר דאָס בעסטע דענקמאַל וואָס איהר איז געשטעלט געוואָרען איז דאָס ליעד: „זי איז ווייט פון דער לאַנד, וואו איהר יונגער העלד שלאָפט"*).

*) מאָצען, דאָס פּאַראַוויניגטע אירלאַנד — ראָבערט עמעט (אַן אָנאָנים ווערק פון מאַדאַם דאַסאַנוויל.)

דאָס אומגליק פון דעם איינציגען מענשען אין די „אירלאַנדי־שע מעלאָדיען" איז דער סימבאָל פון'ם אומגליק פון א גאַנץ פאָלק און די פאַרקערפּערונג פון אַלגעמיינע צרות. מיר טרעפען ליעדער, אין וועלכע אַלע זיהן און טעכטער פון אירלאַנד טרויערען אויף דעם שלעכטען אויסגאַנג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע און פון די האָפנונגען וואָס אַלע פעלקער, און צום מיינסטען דאָס אירלאַנדישע, האָבען געלעגט אויף דעם זיעג און דויערהאַפ־טיגקייט פון דער רעפּובליק. אַזאַ ליעד איז דאָס טרויעריגע: „פאַרשוואונדען איז אויף אייביג די זון, וואָס מיר האָבען געזעהן אויפגעהן". מיט איהר ביטערען באַקלאָגען זיך דערויף, וואָס אַט דער ערשטער פרייהייטס־שטראַהל, וועמען די מענשהייט האָט גע־בענשט, איז ווידער פאַרשוואונדען און מיט זיין פאַרשווינדען גע־מאַכט די נאַכט פון קנעכטשאַפט און טרויער נאָך טיעפער און אומעטיגער, און נאָך מעהר טיעף און אומעטיג פאַר עבענען". מאַר דערגרייכט דעם העכסטען שוואונג אין פאָלגענדע שורות:

„הויך האָט זיך דיין האָפנונג דערהויבען, ווען דורך אַלע לענ־דער האָט פון די שווערע וואָלקענס בליצענדיג זיך אַרויסגעריסען דער שטראַהל, ווען דער אמת האָט צאָרניג צעריסען זיינע קייטען און געלאָזט שיינען זיין פאָהן ווי די זון. א הויכער מאָמענט, וואָס קומט שוין קיינמאָל ניט צוריק. ווען א פרייהייטס־הימן זאָל געוועזען דאַמאַלס געזונגען ווערען פונ'ם פעלקער־כאָר, ווי זיס וואָלט זיך דאָרט געהערט דיין יובעלענדער אויסגעשריי, מיין ערין!"

דער דיכטער פאַרענדיגט מיט א קללה צו דעם לייכטזיניגען דור, וואָס איז ניט ווערטה געווען צו קריגען די בענשונג פון'ם אמת, און „עהנליך צו די פוריעס האָט ער מיט ליעבשאַפט געגלעט די יונגע האָפנונג פון דער פרייהייט און זי געקרייציגט אין בלוט". די אַנדערע ליעדער זיינען בייזער, כאָטש די בייזקייט טראָגט אומעטום א פאָעטישען כאַראַקטער, וואָס פאַרדעכט זי. לייענט צום ביישפּיעל דאָס ליעד „לעגט אַנידער זיין שווערד ביי זיין זייט".

„לעגט אַנידער נעבען איהם זיין העלדישע שווערד! עס ליעגט איצט ביי זיין קאָפּ; עס האָט איהם אזוי געטריי געדיענט, קיינמאָל איהם ניט פאַרראַטען. איצט דאַרף עס בלייבען נעבען איהם... נאָר מיר דוכט, גלייך ווי איך הער א שטימע פון זיין קבר,

אַן אָפּקלאַנג פון דעם, וואָס האָט איינמאָל קריגעריש אויסגערופען: „צערייסט אייערע קייטען!“ הערט זיך איין, ווי ער שעפּטשעט פון דעם ענגען קבר ארויס: „כאָטש די זון פון אייער פיהרער איז אויף אייביג אויסגעלאָשען, לאָזט דאָך ניט, אז זיין שווערד זאָל אנשלאָפען ווערען מיט'ן שלאָף פון פאַרגעסענקייט! זיין שאַרף איז נאָך גלאַנצענדיג, אין איהר לעבט נאָך די האָפנונג פון זיעג!— אויב די פרמעדע האַנד, וואָס איז ניט ווערט צו פּאַכען מיט אזאַ אוצר, וועט האָבען די העזה זיך צוריהרען צו דיין שטאָלצען אייזען, דעמאָלט פאַרבלייב געשמיעדט, גלייך ווי פון א כשוף, אין דער פינ־סטערניש פון דיין שייד, אָדער געה צוריק צו דיין טויטען האַר אום איהם אָפּצוהיטען. נאָר אויב דיך וועט אָנכאַפּען א האַנד, וואָס האָט זיך אויסגעלערענט פריי און מוטיג דיך צו באַהערשען, זאָלסטו, גלייך ווי א בליץ, ארויסשפּרינגען פון דיין שייד, ווען עס וועט דיך רופען צו הילף אַלץ, וואָס איז אונז טייער“.

דאָס ליעד, וואָס איז גערילכטעט קעגען דעם פּרינץ-רעגענט, איז דאָס שטרענגסטע און ערהאַבענסטע פון אַלע. ער ווערט ניט דערמאָהנט אין דעם, נאָר דאָס ליעד ווערט ערשט דעמאָלט פאַר־שטענדליך, ווען דו דערוויסט זיך, אז עס איז איהם געווידמעט. דאָס איז דאָס ליעד: „ווען איך האָב דיך צוערשט דערזעהן א היי־סען און יונגען“. ערין רעדט דאָ ווי א פרוי; זי דערצעהלט וויפיעל זי האָט ערוואַרט פון'ם אינגען קעניג'ס זוהן, ווי אזוי זי האָט גע־גלויבט אין די פאַרשפּרעכונגען, וואָס ער האָט געגעבען, ווען ער איז געווען יונג און הייס, ווי זי איז נאָך אַלץ געווען איינגעשפּאַרט אין איהר גלויבען, ווען ער האָט זיך געביטען; אפילו דעמאָלס, ווען זי האָט דערהערט וועגען זיינע פעהלערען, האָט זיך איהר אויס־געדוכט, אז זי זעהט אין זיי פונקען פון צוקונפטיגען רוהם. נאָר איצט, ווען זיין יוגענד־צויבער איז פאַרשוואונדען און קיין בעסערע עלטער האָט ניט פאַרנומען זיין אָרט, אַנטלויפען פון איהם די, וואָס האָבען איהם אמאָל געליעבט. איצט, ווען אפילו די וואָס האָ־בען איהם גע'חנפ'עט האסען איהם, וועט ערין ניט געבען קיין איינע פון איהרע ריינע טרערען פאַר זיין שעהנקייט וואָס איז מאוס געוואָרען דורך שלעכטע זיטען. נאָר עס וועט קומען א צייט ווען זיינע לעצטע פריינד אפילו וועלען איהם פאַרלאָזען און

ער וועט אומזיסט אויסציהען זיינע הענט צו דער, וואָס ער האָט אויף אייביג פאַרלוירען; דעמאָלס וועט זי זאָגען:

„געה אוועק, געה אוועק! אומזיסט וואָלט געווען דאָס שילטען דיך, קליינליך וואָלט געווען דער מאַכען פאָרוואורפען; דער האַס וואָלט דיר ניט געקאָנט ווינשען קיין ערגערס, ווי דאָס, וואָס די שאַנדע און שלעכטע זיטען האָבען פון דיר געמאַכט.“

וואָרדסוואָרט האָט געשריבען ליעבעס-ערקלערונגען צו ענגלאַנד, ווען זי איז געווען אין דער אַפּאָגעיע פון איהרע זיעגען און איהר גרויסקייט, סקאָט האָט באַזונגען שאָטלאַנד דעמאָלט ווען דאָס לאַנד האָט אָנגעהויבען אויפבליהען און פּרעטענדירט אויף אַן אָרט צוזאַמען מיט איהר עלטערער שוועסטער; נאָר מאָר האָט געזונגען זיינע ליידענשאַפטליכע ליעדער לכבוד דעם לאַנד, וואָס איז געלעגען ערנידעריגט, און אָפּגעגאַנגען מיט בלוט ביי די פיס פון איהרע הענקער. ער זאָגט אין'ם ליעד: „געדענקען דיך!“:

„געדענקען דיך! אַזוי לאַנג ווי אין דעם הארצען איז דאָ לעבען, וועל איך דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסען, כאָטש דו ביסט אַ פאַרלוירענע; דו ביסט מיר טייערער אין דיין טרויער, אין דיין קומער און אין דיינע ליידען, ווי די איבעריגע וועלט אין איהרע פרעהליכסטע שטונדען. — ווען דו זאָלסט זיין אַזוי, ווי איך וואָלט דיך געוואָלט זעהן, אַ גרויסע, אַ פּראַכטפולע און אַ פרייע, די בעסטע בלום פון דער ערד, די בעסטע פּעריל פון ים, — וואָלט איך דיך באַגריסט מיט גרעסערען שטאָלץ, מיט אַ קלאָרערען שטערען, נאָר, אַך! וואָלט איך דיך דען בעסער ליעב געהאַט, ווי איך האָב דיך איצט ליעב?“

אין אַלץ, וואָס ער האָט פאַרפאַסט, האָט מאָר דערמאָנט אירלאַנד. זיין גרויסע מזרח-פּאָעמע „לאַלא-רוק“, וואָס איז ערשיענען אין 1817, איז באַגרינדעט אויף די לאַנג-צייטיגע און געוויסענהאַפטע ארבייטען; ס'איז דאָ ניטאָ קיין איין פאַרגלייך, באַשרייבונג, נאָמען, היסטאָרישער שטריך אָדער אָנווייז, וואָס זאָלען האָבען אַ שייכות צו עפּעס, וואָס געפינט זיך אין די גרעניצען פון אייראָפּעאישע שטאַנד-פּונקטען. אַלץ, אָהן אויסנאַהם, צייגט, אַז דער דיכטער איז גוט באַקאַנט מיט'ן לעבען און מיט דער נאַטור פון'ם מזרח. נאָר פונדעסטוועגען האָט דער סוזשעט ערשט דע-

מאָלס באַקומען אַן אינטערעס פאַר מאָר'ען, ווען ער האָט דערזעהן אַ מעגליכקייט צו באַנוצען זיך מיט די שטרייטיגקייטען וואָס זיי־נען פאָרגעקומען צווישען די פייער־גלויביגע און די מאַנאַמעטאַ־נער, ווי אַן אורזאַכע צו פּראָפּאַגאַנדירען גלויבען־געדולדיגקייט אין איינקלאַנג מיט דער לעהרע, וואָס ער האָט איבערגעגעבען אין זיין ליעד: "Come, Send Round the Wine." איז די אירלאַנדישע מעלאָדיען. דעם לעזער'ס אינטערעס דערוועקט זיך אויך דעמאָלט, ווען ער הויבט אָן געבען רמזים וועגען אירלאַנד און די אירלאַנדער. דעריבער איז „פייער־גלויביגע" דער געלונ־גענסטער טייל פון דער גאַנצער פּאָעמע. אפילו די נעמען ערין און איראַן באַקומען אַיין קלאַנג אין די אויערען פון'ם לעזער. מאָר זאָגט אליין, אַז דער גייסט, וואָס געהט דורך די אירלאַנדישע מעלאָדיען, האָט זיך דערפיהלט אזוי ווי אין דער היים אויפ'ן מזרח נאָך דעמאָלס, ווען ער איז צוגעטראָטען צו די „פייער־גלויביגע". און ווירקליך, איז דאָס אַ פּראַכטפול ליעד, וועמעס העלד עס איז אַ הערליכער און אומגליקליכער רעוואָלוציאָנער, און די העלדין לעבט אין יענעם קרייז, וואו מען דריקט זיך שטענדיג אוים מיט פּראַכטונג וועגען איהר געליעבטען, זיי זיינען ווי איבערגעפּולט מיט עראינערונגען וועגען ראָבערט עמעט און סאַרע קוראַן. אין עהנליכקייט קען מען זעהן אין פיעלע איינצעלהייטען: האפעד, איידער ער האָט אָנגעהויבען צוגרייטען דעם אויפשטאַנד צווישען די געבערען, האָט געוואוינט אַ פּאַרטריבענער אין אויסלאַנד; הינדע, וואָס האָט זיך געשראָקען פאַר האפעד'ס שיקזאַל, מוז יע־דען טאָג אויסהערען געשיכטען, וואָס פאַר אַ בלוט־באָד מען גרייט צו פאַר די רעוואָלוציאָנערען. ווען הינדע דער'הרג'ט זיך פאַר צרות, וואָס האפעד איז אומגעקומען אויף אַ שייטער, זינגט דער דיכטער אַ ליעד איבער איהר טויטען־קערפּער, וואו מען קען גאַנצע סטראָפען (פאַרבייגעהענדיג נאָך דאָס וואָרט איראַן פאַר'ן וואָרט ערין) צושטעלען צום ליעד: „זי איז ווייט פון'ם לאַנד", און ניט פיהלען קיין צוטשעפעניש פון אַ פרעמדען עלעמענט. לייענט, אַ שטייגער, איבער, די ווערטער:

„און אויך איראַן, אָ געליעבטע פון זיין העלד, וועט דיך ניט פאַרגעסען, — כאָטש די טיראַנען היטען די טרערען ווען זיי פּאַ־

לען, נאָהענט, נאָהענט נעבען איהר העלד וועט ער זיך באַהאַלטען אין די טיעפסטע טיעפענישען פון זיין האַרצען."

די עהנליכקייט אין דער שטימונג פון די אירלאַנדישע מעלאַדיען און די, וואָס הערשט אין אַט דער אַזיאַטישער עפּאָכע איז אַזוי גרויס, אַז עטליכע סטראָפען פון דעם ליעד האָבען געקאָנט, אָהן שום ענדערונגען, באַנוצט ווערען אַלסעפּיגראַף צו דער זאַמלונג פון אַלע דאָקומענטען, וואָס האָבען אַ שייכות צו דעם אירלאַנדישען אויפשטאַנד, וואָס זיינען ערשינען אין די דרייסיגער יאָהרען אונטער'ן קעפּיל: Rebellion Book and Black History

אַט זיינען זיי:

„אַ בונט! אַ העסליך, באַליידיגענדער נאָמען, וועמעס פאַלשע אַנווענדונג האָט אַזוי אָפט באַפלעקט די הייליגסטע ארבייט, וואָס דער צונג אָדער די שווערד פון דעם פארשטאָרבענעם האָט באַפוילען צו טריאומפירען אָדער אונטערגעהן. וויפיעל קלוגע קעפּ, וואָס זיינען באַשאַפען געוואָרען גליקליך צו מאַכען די מענשהייט זיינען געפאַלען אונטער דער משא פון אַט דעם באַליידיגענדען נאָמען, ווערענד איין טאָג, איין שטונדע פון ערפאָלג וואָלט זיי געקענט געבען אַן אייביגע באַריהמטקייט!"

מאָר'ס פּאָליטישע לאַגע אַלס אַ אירלאַנדער, האָט איהם ניט ערלויבט צו קוקען אויף דער הויכער פּאָליטיק פון אַזאַ שטאַנדפּונקט, ווי עס האָבען אויף איהר געקוקט די ים־שולע און סקאָט. ער האָט שטאַרק אויסגעלאַכט דעם הייליגען בונד. אין די פאַבלען, וואָס זיינען געווידמעט באַיראָנ'ען און דערצעהלען וועגען דעם גאָט'ס־פאָרכטיגען בונד פון די פירשטען פון דער וועלט, לאַכט ער אָפּ מיט אַ שטאַרקער געוואַגטקייט די אייראָפּעאישע רעאַקציע. איהם חלומ'ט זיך, צום ב. ש., אַז אין איין אייז־פּאַלאַץ ווערט געגעבען אַ פּראַכטפולער באַל, און אַלע „הייליגע פּערזאָנען" וואָס האָבען ארויסגעצייגט אַזוי פיעל זאָרגפעלטיגקייט פאַר אייראָפּאַ'ס וואוילזיין אויף די גרויסע קאָנגרעסען, זיינען איינגעלאַדען אום צו באַקלערען מיט וועלכע מיטלען מען קען אָפּשטעלען אָדער אָפּקיהלען דעם שטראָם פון מענשליכען געדאַנק, אַזוי אַז ער זאָל ווערען עהנליך צו אַ באַרפּרווירענעם טייך. מאַדאַם קריודענער פּאַרזי־

כערט מיט'ן וואָרט פון אַ נביאה, אַז קיין געפאַהר איז ניטאָ, און אַז דאָס אייז וועט אייביג האַלטען. נאָר פלוצלונג הויבען אָן פון דער סטעליע און פון די ווענט אַראָפּקאַפּען טראָפּענס, וואָס פאַר־אויסזאָגען אַן אומגליק. מען טאַנצט נאָך דעם פאַלאַנעז, נאָר די טאַנצענדע האַלטען זיך קוים אויף די פיס: דייטשלאַנד אפילו, וואָס איז געוועהנט צו געהן אויף גליטשיגע וועגען, איז אויך נאָהענט דערצו זיך אויסצוגליטשען; נאָר ווען מען הויבט נאָר אָן שפּילען דעם שפּאַנישען פאַנדאַנגאָ, דרינגען די בליסטשענדע פייערדיגע שטראַהלען פון דער אויפגעהענדער זון אין שלאָס, די געסט לויפען צום אַרויסגאַנג מיט די ווערטער: „ראַטעוועט זיך, ווער עס קען!" נאָר אַלע אייז־פאַרפּוצונגען, די קעניגליכע הערבען, די דייטשע ווילדע פויגלען און די פראַנצויזישע לוליעס, צוגעהן און ווערען פאַרוואַנדעלט אין וואַסער. — פאַרוואָס, פרעגט מאָר, מאַכען די פירשטען אַזעלכע בעלער אין שלעסער אָהן אַ פונדאַ־מענט? — ווי עס שיינט, האָט ער געלעגט זיינע סאַנגווינישע האָפנונגען אויף דער נאָר וואָס אויפפלאַקערענדער שפּאַנישער רע־וואָלוציע.

אין אַ צווייטער פאַבעל דערצעהלט ער וועגען אַ לאַנד, אין וועלכען עס עקזיסטירט אַ קאָמיש געזעץ, וואָס פאַרוועהרט דעם אַריינפיהר פון שפּיגלען. איבער וואָס'ס אורזאַכע? דערפאַר, וואָס די קעניגליכע פאַמיליע געוועלטיגט דאָ מיט דער קראַפט פון איהר אויסערגעוועהנליכער שעהנקייט, און ביים פאָלק האַלט זיך דער גלויבען, אַז דאָס פאָלק אַליין איז ניט שעהן. זאָגען, אַז דעם קעניג'ס נאָז איז ניט שעהן איז אַ רעגירונגס־פאַראַט; זאָגען, אַז ביים שכן איז דאָס געזיכט שעהנער ווי דאָס געזיכט פון אַ מאַן, וואָס טראָגט אַ רעגירונגס־אַמט, איז אַ גרויס פאַרברעכען, און אַזוי ווי קיין שפּיעגלען עקזיסטירען ניט „קען זיך קיינער ניט". נאָר איינינגע פאַרדאָרבענע ראַדיקאַלען ריכטען איין אַזוי, אַז אַ שיף, וואָס איז אָנגעלאַדען מיט שפּיגלען ווערט צושעדיגט ביי די ברעגען פון'ם שפּיגעל־לאָזען לאַנד — דער לעזער שטויסט זיך שוין אָן אויפ'ן סוף. אינ'ם דריטען מעשה'לע קעהרט זיך מאָר אום צו זיין אַלטען סימבאָל: „די פייער־גלויביגע"; נאָר דאָ ווייזט ער אַרויס ווינציגער אונגעדולד ווי אין „לאַלאַ רוק"; קעגען זיי שיקט

מען ארויס א פּאָלק פון פייער־לעשער, אום זיי ניט צו דערלאָזען צו פּראָווען זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס; נאָר די „פייער־גלויביגע" רעכענען זיך אָפּ מיט זייערע שונאים. זיי וואַרפען די פייערלעשער מיט'ן קאָפּ אַראָפּ אין דעם זעלבען פייער, וואָס זיי האָבען געוואָלט אויסלעשען.

מאַר'ס גלענצענדסטע ווערק פון הומאָר און סאַטירע איז: The Judge Famittsy in Paris, ער לאַכט דאָרט שטאַרק אָפּ פון דער נאָר־וואָס אויפגעשטעלטער שוואַכער רעגירונג פון די בורבאָנען און ווענדעט זיך מיט ערענסטע פאָרוואורפען צו ענגלאַנד:

„ווערענד די מוטיגע הערצער און געזונדע גייסטער פאַלען אומעטום אַלס קרבנות פון פאַרהאַסטע מענשען, וואָס זיינען אין דער מינדערהייט, ערשיינט ענגלאַנד אַלס דער אַלגעמיינער שונא פון אמת און פרייהייט אומעטום, וואו זיי הויבען אָן ארויסוואַקסען, און איז די ערשטע העלפערין צו אַלע גוואַלדטאַטען, וואו נאָר זיי זאָלען זיך ניט באַווייזען".

ער דערמאָנט ענגלאַנד, אַז פון אַלע זייטען הערען זיך קללות געגען דער עהרעגייציגקייט און עגאָאיסטישער גרויסהאַלטונג פון דער מלוכה, וואָס זוכט נאָר שטענדיג אייגענע נוצען און טרעט מיט די פיס פרעמדע רעכט. מען דאַרף לעגען באַזונדער אויפמערקזאַמקייט אויף'ן פערטען און זיבעטען בריעף, וואו עס ווערט אָפּגעלאַכט פון דער פוילקייט און פעטקייט פון דעם פּרינץ־רעגענט און וואו עס ווערען געמאַכט שרעקליכע אָנפאַלען אויף קעסטלערין. מאַר רופט איהם אָן:

„די פאַרקערפּערונג פון פאַלשקייט, און די אָנשטעקענדע פּוילעניש, וואָס ענגלאַנד האָט אונטערגעטראָגען צו אירלאַנד אַלס א מתנה, גלייך ווי דער טויטער קערפּער פון א גע'הרג'עטען זאָל שיקען זיין רוצח א פּאַפּעסטעטע וואונד".

דאָס אַליץ קלינגט זעהר געוואַגט און שטרענג פאַר דעם, וואָס זאָגט עס; דער מרחק צווישען דעם עלטערען דור דיכטער און מאַר'ען, איז וואַרשיינליך, זעהר א גרויסער. דער איבערגאַנג צו שעלי'ן און באַיראָנ'ען קוקט אפילו אויס ניט אזוי בולט פון דאַנען. אָבער אין דער ווירקליכקייט איז ער זעהר גרויס און די אַלע

אָנפּאַלען זיינען באמת ניט אזוי ערענסט, ווי עס קען זיך דוכטען פון׳ם ערשטען בליק. דאָ, אום צו פאַרטיידיגען אירלאַנד, טרעט ניט אַרוים דער פאַרטיידיגער פון אן אירלאַנדישער זעלבסטשטענדיגער רעגירונג. מאַר האָט גאָר ניט געוואָלט אָפּטיילען זיין אינזעל פון ענגלאַנד, נאָר געוואָלט איינפיהרען א בעסערע און אויפריכטיגערע רעגירונג. אין זיינע ליעדער האָט זיך אזוי שאַרף אויסגעדריקט קעגען די מלכים ניט קיין רעפּובליקאַנער, נאָר אן אמת׳ער אָנהענגער פון דער קעניגליכער מאַכט, וואָס וויל פאַרבייטען די שלעכטע מלכים אויף גוטע. דאָס איז, סוף כל סוף, געווען ניט קיין פרייער דענקער, וואָס איז שאַרף ארויסגעטרעטען קעגען דער צבוע׳שקייט פון דעם „הייליגען בונד”, נאָר א קאַטאָליק, כאָטש א געבילדעטער, נאָר א אמת־גלויביגער, וואָס האָט אייניציטיג, פון איין זייט, ערצויגען זיינע קינדער אין דער פּראָטעסטאַנטישער רעליגיע, און, פון דער צווייטער, געשריבען א גרויסען בוך: „דאָס ארומרייזען פון א אירלאַנדישען דזשענטעלמאַן אין זוכעניש פון א רעליגיע”. אלס פאַרטיידיגונג פון די הויפּט דאָגמען פון׳ם קאַטאָליציזם. ניט קוקענדיג אויף זיין גאַנץ בולט׳ער ניט־איינגעצוימטקייט, האָט זיך מאָר שטענדיג געהאַלטען אין געוויסע גרעניצען, און שטענדיג געהאַט אין זינען די פאָדערונגען פון יענעם קרייז פון דער געזעלשאַפט, צווישען וועלכען ער האָט זיך געפונען. ווען ער איז נאָר אָנגעקומען קיין לאָנדאָן האָבען די פיהרער פון די וויגען איהם באַגעגענט מיט אָפענע אָרעמס, און מאָר איז געווען און איז פאַרבליבען דער אנערקענטער דיכטער פון די וויגען, וואָס האָט אין א לאַנגער רייה פון שאַרפזיניגע און הומאָריסטישע בריעף אין ריטעמדיגע פעליעטאָנען גערעדט וועגען טאָג־פראַגען און פאַרלאַמענטאַרישע געשעהענישען מיט א גלענצענדען שאַרפזין און מיט א וואונדערבאַרען הומאָר פון די סאַלאָנען אין דעם גייסט פון דער פאַרטיע פון די וויגען.

13.
עראָטישע ליריק.

מאָר איז פון דער נאַטור געניינגט געווען צו פרעהליכקייט און פאַרגעניגען, און ניט צו איינזאַמען קאַמף. ער איז געווען באַשאַפען, ווי די אַלט־אירלענדישע בארדען צו פאַרנעמען אַ בכבוד'ען פּלאַץ ביים טיש פון אַ באַריהמטען הערשער, איהם צו העלפען מיט זיינע ליעדער אַלס צייט־פאַרטרייב. ער טראָגט אויף זיך אַזוי פיעל די אָפּשטעמפּלונג פון דעם גליק'ס ליעבלינג, אַז אפילו דאַמאַלס, ווען ער איז איינגאַנצען ערענסט, דוכט זיך נאָך אַלץ אויס, אַז ער שפּאַסט. דערמיט איז ער דער געגענזאַץ פון בײראָנ'ען, וועלכער בלייבט אפילו אין זיין שפּאַסען אַלץ ערענסט און אומעטיג. מאָר שפּיעלט זיך מיט זיין סוזעשט און צערטעלט איהם. בײראָן אָבער, צעגלידערט איהם אויף אברים און קעהרט זיך אָפּ פון איהם מיט איבערדריסיגקייט. ביידע פריינד לעבען מיט דער באַאָבאַכטונג און דער באַשרייבונג פון דער אַינערליכער נאַטור, נאָר ווען בײראָן קוקט אויף איהר, דוכט זיך אונז, אַז די זון אַליין ווערט טרויעריג פון זיין באַאָבאַכטונג, וועגענד מאָר מיט זיין ליידענשאַפט צו פרייד און ליכט, איז ווי ער זאָל באַשאַפען „אַ מאָרגען־זון, וואָס געהט אויף נאָכמיטאָג".

דעריבער וואָלטען מיר באַקומען אַן איינזייטיגען באַגריף וועגען מאָר'ען, ווען מיר זאָלען, לויט דעם פריהער אָנגעמערקטען פּלאַן, איהם באַשרייבען הויפּטזעכליך אַלס אַ פּאָליטישען שריפטשטעלער. ער איז גלייכצייטיג אויך אַן עראָטישער דיכטער, דערצו איינער פון די גרעסטע און מוזיקאַלישסטע, וואָס האָבען ווען אמאָל געלעבט אויף דער וועלט. די מוזיק אין זיינע לידער פאַרמאָגט מעהר זאַפטקייט ווי פאַרפיינערונג, אָבער אין זיין באַנעמען זיך מיט דער שפּראַך פיהלט זיך אַ באַזונדער אנגענעהמ־

קייט. א צוציהענד, העל געפיהל, און ליידענשאַפטליכע צערטליכ־קייטען מערקען זיך אין זיינע עראָטישע ליעדער, וועמעס שעהנע קלאַנגען באַצויבערען אונז, גלייך ווי די קלאַנגען פון ראָסינים מו־זיק. זאָלען שעלי׳ס ענגלישע אָנהענגער, וואָס זיינען געוועהנט צו מעהר פאַרפיינערטע און פאַר די קליינע מבינים ווינציגער פאַר־שטענדליכע האַרמאָניען, אָנרופען די ליעדער צו זיס; עראָטישע ליריק קען ניט זיין איבעריג עראָטיש. די פראַנצויזען זאָגען: אין ליעבע איז צופיעל ניט גענוג. מאָר איז ניט מאַצאַרט נאָר אין זיינע ליעדער הערסטו אָפט א מאַצאַרטישע מעלאָדיע, גלייך ווי דעם העלד׳ס אָדער צערלינעס אַריען אין „דאָן זשואַן".

„עס שיינט דער יונגער מאָנאַט מאַי, ליעבע. דער לאָמפּ, ליעבע, וואָס בוכילאַט א וואַרעם, איז אָנגעצונדען, ווי אַנגענעהם עס איז צו שיפּען זיך צווישען דער געדיכטעניש פון מאָראַן, ווען די אַרומיגע וועלט איז איינגאַנצען פאַרזונקען אין שלאָף, ליעבע."

ראָסינים און מאָר׳ס ליעדער האָבען נאָך זייער באַדייטונג, ווען אפילו גלייכצייטיג מיט זיי ערשיינען שעלי׳ס און שובערט׳ס. אין ערגיץ דריקט זיך אַזוי שאַרף ניט אויס די אָריגינאַליטעט פון די דיכטער פון יענעם פעריאָד ווי אין זייער עראָטיק. אין דער זעל־בער צייט צייגט דער נאַטוראַליזם פון אָט דער גאַנצער עפּאָכע דעם שאַרפסטען געגענזאַץ צו דער שילדערונג פון ליעבע ביי די פראַנ־צויזישע און דייטשע רעאַקציאָנערע דיכטער — א שילדערונג, וואָס האַלט אויף מיט איהר ניט־אויפריכטיגקייט. דאָס, וואָס באַי־ראָן זאָגט וועגען זיין פראַכטפולסטער פרויען־געשטאַלט: „זי איז געווען דער נאַטור׳ס כלה און דער ליידענשאַפט׳ס טאָכטער.*) ניט וויסענדיג דערפון." און וואָס ער זאָגט וועגען היידעם ליעבע: „פאַר אַנדערע איז דאָס א געקינסטעלטע לאַגע, א פאַר׳שכור׳ן זיך מיט אָפּיום, וואָס איז געקומען פון צופיעל יוגענד אָדער לייענען, און פאַר זיי איז דאָס געווען זייער נאַטור אָדער זייער שיקזאַל."**) קען געזאָגט ווערען וועגען די עראָטישע שילדערונגען פון דעם גאַנצען פעריאָד פון יענער צייט. נאָר אין „דאָן זשואַן" האָט באַי־

*) דאָן זשואַן, 2, 202.

**) דאָן זשואַן, 5, 19.

ראַן אונז געגעבען א בילד פון גליקליכער ליעבע. זיינע עראָטישע ליעדער אָבער דריקען אויס אן אונענדליכען טרויער און וועהטאָג. די בעסטע פון זיי „ווען מיר האָבען זיך צושיידט" דריקט אויס א געוויין שוין אינ'ם ריטם אליין. עס צייגט זיך ארויס דער גאַנצער טרויער פון דער צעשיידונג אפילו אין דעם איבערטוויש פון דעם ריטם אין דער לעצטער סטראָפע. אין די ערשטע שורות פיהלט זיך נאָך אביסעל רוהיגקייט אין דער ליידענשאַפט.

„ווען מיר האָבען זיך צעשיידעט אין שווייגעניש און אין טרעד־רען, מיט צעבראָכענע הערצער אויף לאַנגע יאָהרען, זיינען דיינע באַקען בלאַס און קאַלט געוואָרען; נאָך קאַלטער איז דיין קוש געווען; די שטונדע האָט, בלי ספק, פאָראויסגעזאָגט דעם שפּע־טערדיגען טרויער".

נאָר דער גאַנצער ליעבע־טרויער ווערט געשילדערט אין די קורצמעסיגע און אָפּגעהאַקטע לעצטע שורות:

„שווייגענדיג האָבען מיר זיך באַגעגענט, שווייגענדיג טרויער איך, וואָס דיין הארץ קען פארגעסען, דיין געדאַנק קען אָפּנאַרען. אויב איך וועל דיך באַגעגענען אין עטליכע יאָהר ארום, ווי אזוי זאָל איך דיך באַגריסען? — מיט שטיל שווייגען און מיט טרערען."

טאָמאַס קעמפּבעל האָט אָנגעשריבען נאָר איינציגע ריין עראָ־טישע ליעדער — ער האָט פאָרגעצויגען א קורצערע אָדער לענ־גערע ליעבע דערצעהלונג אין סטראָפען איידער פערזענליכע אויס־גיסונגען — נאָר איינציגע פון זיי זיינען אזוי צארט אין זייער טאָן ווי מאָר'ס און קיט'ס ליעדער. און, ס'איז מערקווירדיג, ער ווערט אַלץ ליידענשאַפטליכער, צארטער, פרייער אין זיינע אויסדרוקען, וואָס עלטער ער ווערט. זיינע ליידענשאַפטליכסטע לירישע ליע־דער האָט ער אָנגעשריבען שוין זייענדיג א זקן. ער לייקענט אָפּ די טענה, אז פאָר איהם זיינען שוין איינגעטראָטען די יאָהרען פון פלאַטאָנישער ליעבע; ער ענטפערט דערויף, ווענדענדיג זיך מיט א אויפרוף צו פלאַטאָנען אליין אין הימעל, איינלאַדענדיג איהם, ער זאָל פארקוקען אין זיין געליעבטער'ס אויגען און זיך פרואווען פארהאַלטען צו איהר פלאַטאָניש.

ער שילדערט דעם אויגענבליקליכען, איבערגעהענען כאַראַק־טער פון דער ליעבע, די ליידען, וואָס דער געליעבטער'ס אבוועזענ־

היט פאַרשאַפען; ער באַשרייבט די צרות פון אַ אינגער מיידעל, וואָס האָפט און וואַרט, אַז דער פון איהר געליעבטער מאַן וועט זיך באַשליסען בעטען איהר האַנד, נאָר מעהר אָריגינאַל פון אַלץ טרעט ער אַרויס אַלס אַן עראָטישער שריפטשטעלער, ווען ער איז זיך מודה מיט אַ האַלב־טרויעריגען שמייכעל, אַז זיין האַרץ איז אינגער פון זיינע יאָהרען ווי צ. ב. ש. אין אַט די פערזען:

„גאָט, וואָס האָט אַמאָל געפונען אַ חסרון אין מיין עלטער, האָט זיך צו מיר צוריקגעקעהרט אונטער'ן איינדרוק פון זיסע ער־אינערונגען, און מיר געהייסען פאַרגעסען דאָס, וואָס איך האָב אַליין ניט געוואָלט געדענקען, נעמליך, אַז די מאַי־בלומען בליהען ניט אין נאָוועמבער. אַך, טאַט, עס זיינען פאַרשוואונדען די פייפ־לען און די פליטען! שרייב פּסאַלמען און ניט קיין ליעדער פאַר אינגע מיידלעך!"

„נאָר די עלטער ווירקט אַזוי ווינציג אויף מיין שכל, אַז די שענקייט באַצויבערט מיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר, און די איינ־ציגע מתנה, וואָס די ערפאַהרונג האָט מיר אונטערגעטראָגען — דאָס איז די מעגליכקייט צו דערפיהלען די הייסעסטע פרייד ווען איך דערזעה יונגע מיידלעך און יונגע אַלמנות. ווי עקעלדיג עס איז דער שכל, ווי נידריג ער איז, ווען דו פיהלסט אַ הייסע, זיסע ליידענשאַפט"!

ביי קיטס'ן איז די עראָטיק, ווי מען האָט געקאָנט ערוואַרטען, שווערגעוויכטיג, ליידענשאַפטליך, געפיהלפול און צעשווימט אין קלאַנגען און רויך. לייענט איבער דעם פאָלגענדען מייסטערהאַפ־טען סטראָף:

„הויב אויף די טיר־קלאַמקע, אַך, פאַמעלאַך! אַך, שטיל, שטיל! מיר וועלען שטאַרבען אויב די קלאַמקע וועט אַרויסלאָזען אַפילו אַ שוואַכען קלאַנג! און איצט אַט די ליפען און דאָס בלי־הענדיגע זיצען — זאָל דער אַלטינקער שלאָפען, און די לבנה זאָל זיך באַהאַלטען; דאָס ראָזע־בלימעל וועט זעהן אין חלום אונזער ליעבע און וועט זיך אויפכאַפען אַן ענטוויקעלטע בלום, און דער מאָרגען־צודעק וועט ברענגען אַזאַ וואַרימקייט, אַז דאָס וואַלד־טייבעלע, וועט, זיצענדיג אויף די אייעלאַך, אָנהויבען וואָרקען,

און אין דער צייט וועל איך קושען אונטער דער מעלאדיע, איננאנ־צען ציטערענדיג פון וועהטאג".

ביי שעלי'ן איז די עראטיק איינציימיג אי זעהר גייסטרייך אי זעהר געפיהלפול. זי דערמאהנט אן קארעדזשין. ביי שעלי'ן, ווי ביי קארעדזשי'ען, גיסט זיך צונויף דער אויסדרוק פון דער העכ־סטער ליעבע מיט'ן אויסדרוק פון דער שטארקסטער געפיהלפולער פאר'שכור'ונג; ווי ער וואלט באשריבען דעם עראטישען קאמפף מיט'ן טוידט. לייענט צום ב. ש. איבער זיין אינדישע סערע־נאדע: *)

„א, הויבט מיך אויף פון'ם גראז! איך שטארב! איך פארליר דאס באוואוסטזיין! איך פאל! זאל דיין ליעבע מיט א רעגען פון קושען באשפריצען מיינע ליפען און די בלאסע שלייפען! מיינע באקען זיינען קאלט און בלאס! אוי, מיין הארץ קלאפט גיך און הויך! אך, דריק עס צו שטארקער צו דיינעם, אזוי אז ס'זאל, ענד־ליך, אויף אייביג שטארבען!"

איצט פארגלייכט דערמיט דעם ליידענשאפטליכען, באגייס־טערטען סוף פון „עפיפסיטשידיאנא". **)

„אונזערע אטעמס וועלען זיך אויסמישען, אונזערע ברוסטען וועלען זיך באהעפטען, אונזערע פולסען וועלען קלאפען אין איין צייט; און אונזערע ליפען, מעהר שעהנ־ריידענדיגע ווי אונזערע ווערטער, וועלען פארטונקעלען די נשמה, וואס פלאמט צווישען זיי; און די פולע קוואלען פון אונזער לעבען, וואס פליסען אין די גע־היימע ערטער פון אונזער וועזען, וועלען זיך צונויפגיסען אין א גאלדענער ריינקייט פון אונזער ליידענשאפט, גלייך ווי עס גיסען זיך צונויף בערג־טייכלעך אונטער די שטראהלען פון דער מאר־גענדיגער זון. מיר וועלען ווערען איין וועזען, איין גייסט אין צוויי היימלעך, א, פארוואס אין צוויי? מיר וועלען ווערען איין ליידענ־שאפט אין צוויי הערצער, וואס וואקסען און צעוואקסען זיך אלץ גרעסער גלייך ווי צוויי מעטעארען פון א זעהר צעשפרייטען פייער, ביז וואנען עס וועט זיך באהעפטען מיט אונז, וועט זיך אן אונז

---

*) שעלי'ס פאעמען, ז. 180.

**) שעלי'ס פאעמען, ז. 1—200.

אַנדערע, זיך אויסמישען, און וועט אַלץ ברענען, נאָר וועט קיינ־מאָל ניט אויסברענען ביז'ן סוף, — עס וועט זיך באַקומען איין האָפנונג אין צוויי ווילענס, איין ווילען, וואָס איז אונטערטעניג צו צוויי מחות, איין טוידט, איין הימעל, איין גיהנום, איין אונ־שטערבליכקייט און איין פאַרניכטונג. ביטער איז מיר! די פּלי־געלדיגע ווערטער, דורך וועלכע מיין נשמה האָט געוואָלט אַרויפ־שטייגען צו די הויכקייטען פון דער וואונדערבאַרער ליעבע־וועלט, זיינען געוואָרען פאַרוואַנדעלט אין קליינע קייטען; וואָס פאַרהאַל־טען איהר פייערדיגען שוואונג!... איך ווער דערשטיקט, איך פליה, איך ציטער און פאַרליר דעם אָטעם!"

אויב באַיראָנ'ס ספערע איז די ליידען פון אן אומגליקליכען אָדער אן איינזאַם געליעבטען, איז שעלי'ס ספערע, ווי מיר האָבען געזעהן, די ליעבע־ליידען פון א גליקליכער, די זעלבסטפאַרגעסענ־הייט און דאָס פאַר'שכור'ן זיך מיט דער גליקליכער ליעבע. נאָר דערפאַר אייגענטליך איז דאָס עראָטישע פון אָט די צוויי גרויסע דיכטער אַזוי ענג באַגרענעצט, קיין איינער פון זיי האָט ניט אָנ־געשריבען פיעל עראָטישע ליעדער, אָדער ער האָט ניט קאָנצענט־רירט זיין שאַפונג אויף דעם פּאָעטישען געביעט.

מאָר, פאַרקעהרט, איז א געבוירענער עראָטיקער, גלייך ווי כריסטיאַן ווינטער. ער פאַרמאָגט אן עראָטישע פאַנטאַזיע, אַזוי ווי אַנדערע דיכטער פאַרמאָגען אן עראָטישע ליידענשאַפט. ער האָט ליעב אַלץ וואָס איז שעהן, גראַציעז, צאַרט און ליכטיג, צו־ליעב דער אייגענטימליכער שעהנקייט אַליין און ער נויטיגט זיך ניט אין קיין פּאָן, וואָס שטעלט אַרויס צום באַווייז די שעהנקייט פון דאָס גאַנצע. זיין דערצעהלען פאַרמאָגט קיינמאָל ניט קיין רייכע געשעהענישען; ווערט קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט אין רייכע קאָנ־טראַסטען; זיי באַרוישען זיך קיינמאָל ניט מיט טיעפע געדאַנקען. ער האָט ליעב די בליטען פון דעם בוים נאָר ניט זיינע וואָרצלען. די זאַכען, וואָס באַצויבערען מאָר'ען באַרוישען איהם פון דעם ער־שטען בליק, זיי מאַכען בלינד די געפיהלען, זיי באַצויבערען דאָס זעהן און דאָס הערען מעהר, ווי דאָס הארץ, און ווערען פאַרביטען אויף אַנדערע, וואָס פאַרמאָגען די זעלבע אייגענשאַפטען; דאָס איז — דאָס אייביגע גלאַנצען און דאָס אויגענבליקליכע ערשיינען

און פאַרשווינדען. נאָר אַלע אויסגעצייכענטע ערקטיק־פּאָעטען האָבען די אייגענטימליכקייטען פון א שמעטערלינג. אין דער הינ־זיכט איז שווער זיך פאָרצושטעלען א מעהר טיעפערען געגענזאַץ ווי צווישען מאָר'ען און וואָרדסוואָרטען. דער ערשטער קלייבט אַמייסטען אויס די ווערטלאָזע און אפשטויסענדע, אָפט אפילו העסליכע סוזשעטען, אום זיי דערנאָך צו באַשיינען מיט א מאָראַ־לישער אָדער גייסטיגער שענקייט; דער צווייטער האַסט די שמו־ציגע קליינליכקייטען פון דעם מענשענ'ס לעבען, ער קעהרט זיך אָפּ פון זיינע אַלע מאוסע זייטען און געהט ארום דער מאָראַל מיט א שמייכעל און נויגען זיך א לאַ ווילאַנד. ווען ער מוז שוין זיך אומ־קוקען אויף א ניט־שעהנער ערשיינונג, ווארפט ער גיך אויף דעם ארויף א ווייכען און גלאַנצענדיגען צודעק. מען האָט איהם פאָר־געווארפען, אז ער האָט צופיעל אָנגעבלאָזענע, אונגוויטיגע עפּיטע־טען, אין זיין נייגונג צו פארוואַנדלען יעדער ליידענשאַפט אין א משל, אין א אונרוהיגען שווינדלען און גלאַנצען — האָט מען אָנ־גערופען געקינצעלט אין פאַרגלייך מיט וואָרדסוואָרט'ס שפּראַך. „א געקינצעלטער" — רופט אויס איינער פון זיינע אירלאַנדישע פאַרעהרער, „ווען יעדער מענש קען אזא הנאה האָבען פון מאָר'ס ליעדער, ווערענד מען דאַרף באַשאַפען א נייעם געשמאַק אום צו האָבען הנאה פון וואָרדסוואָרט'ס ווערק!" פרעגט זיך: מוז מען דען האָבען א צוגרייטונג און א ענטוויקעלטען געשמאַק, אום צו באַגייסטערט ווערען פון נאַטירליכעס, און נאָר א געוועהנליך גע־פיהל, אום צופריעדען צו זיין פון א געקינצעלטער שעהנקייט? וואָרדסוואָרט און קאָלרידזש זיינען געוועזן דיכטער פאַר די לעזער פון דער ביכער־וועלט, מאָר אָבער, איז געווען א פאָלקסטימליכער פּאָעט. דאָס וואָס מען קען אויסזעצען געגען מאָר'ען, איז דאָס רעזולטאַט פון יענע גרענעצען, וואָס די נאַטור אליין האָט פאַר איהם געמאַכט, נעמליך: ער איז א מוזיקאַנט און א קאָלאָריסט, נאָר ניט קיין מאַהלער; ער קען ניט מאַהלען אָדער באַשרייבען א גאַנצע זאַך; ער שילדערט נאָר איינציגע קלייניגקייטען פון שעהנע זאַכען. ער באַזינגט די רויטקייט, וואָס באַדעקט פּלוצלונג דאָס געזיכט, דעם שמייכעל, די שעהן־קלינגענדע שטימע — אין לאַנגע סטראָפען. ער גיט אייך איבער א צעטעל פון שעהנקייטען

ווי א שעהנע באשרייבונג, און ווען מיר נעהמען אין באטראכט וואָלטער'ס שאַרפזיניגע באמערקונג וועגען מאָר'ען און וועגען ליעבע „אַ נאַטירליכער געוועב, וואָס איז אויסגענעהט פון דער פאַנטאַזיע", קען מען זאָגען, אז אין מאָר'ס עראָטישע ליעדער געפינען זיך אָפט אַזעלכע פראַכטפולע און געדיכטע „אויסנעהונגען", אז מען קען קוים זעהן אונטער זיי די מאַטעריע. נאָר דאָך איז זי נאַטירליך.

נאָר אום צו זיין גערעכט צו איהם מוזען מיר צוגעבען, אז אין מאָר'ס בעסטע און אויסגעצייכענסטע ליעדער איז ניטאָ דער איבערפלוס פון געשטאַלטען. ווען דער אירלאַנדישער טרויער כאַפּט איהם אין דער אמת'ן ארום, פאַרטרייבט ער יעדע מישונג און דערגרייכט אונשטערבליכע שעהנקייט אין דעם אויסדרוק: “Take back the virgin page” און נאָך מעהר “The Last Rose of Summer” זיינען אזוי איינפאַך אין סטיל, ווי זיי זיינען פאַרענדיגט אין מעטער. אין אָט די ליעדער באַגעגנען זיך ניט קיין משלים. און עס איז אויך ניטאָ קיין איין משל אין דעם קליינינקען פראַכטפולען ליעד, וואָס ניט קוקענדיג אויף איהר קורצקייט האָט עס אין אירלאַנד דאָך באַקומען די באַדייטונג פון אַ נאַציאָנאַלער עפּאָכע: דאָס איז אַן איינפאַך ליעד, וועגען אַ וואונדערבאַרער יונגער מיידעל, באַפּוצט מיט זעלטענע קאָסטבאַרע שטיינער און איז נאָך באַצויבערענדער מיט איהר אויסערגעוועהנליכער שעהנקייט, און געהט אליין דורך אירלאַנד פון איין עק ביז'ן צווייטען. זי איז שטאַרק זיכער אין דעם, אז אירלאַנד'ס זיהן האָבען מעהר ליעב כבוד ווי פרויען און גאָלדענע אוצרות. וועגען דעם, ווער ס'האָט אָנגעשריבען אַזאַ געדיכט, איז באַיראָן געווען גאַנץ גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט די פאָלגענדע ווערטער, אין וועלכע ער דריקט זיך אוים די פולע אכטונג צו דעם דיכטער: „מאָר'ס אירלענדישע מעלאָדיען" וועלען איבערגעהן צו די שפּעטערדיגע דורות צוזאַמען מיט דער מוזיק, און זיי וועלען עקזיסטירען די גאַנצע צייט, ווי לאַנג אירלאַנד וועט לעבען, און ווי לאַנג עס וועט לעבען די מוזיק און די פּאָעזיע.

מאָר'ס לעבען איז געווען גליקליך. ער האָט חתונה צום 31טען יאָהר פאַר אַ שעהן, צאַרט מיידעל (מיס דעיק) און לעבט

אין גליקליכער הייראַט מיט זיין „בעסין". אמת, זיין מאַטעריאַלער צושטאַנד איז ניט שטענדיג גוט, נאָר פון דער מינוט, וואָס זיין באַריהמטקייט האָט באַקומען אַן אַלגעמיינע אַנערקענונג, האָט ער אָנגעהויבען קריגען אַ גרויסען איינקונפט פון זיינע ווערק. כאָטש אין זיין קליינעם הומאָריסטישען ווערק "Grand dinner of Type & Co." לאָזט ער די רייכע ביכער פאַרלעגער עהנליך צו די לעגענדען פון די קריעגס העלדען, וואָס פלעגען טרינקען וויין פון די מוחות פון זייערע קרבנות — טרינקען וויין פון די מוחות פון אַרימע שריפטשטעלער, האָט ער אָבער דאָך אַליין ניט געהאַט קיין אורזאַכע זיך צו באַקלאַגען אויף זיין ביכער־פאַרלעגער. דער לעצטער האָט איהם, למשל, פאַרגעשלאַגען 3000 פ. סט. פאַר "Lola Rookh" נאָך איידער ער האָט געזעהן אפילו איין שורה פון אַט דעם ווערק. ער האָט איהם געגעבען 4,200 פ. סט. פאַר זיין אויסגעצייכענטער באַיראָנ'ס ביאָגראַפיע. מאָר האָט געהאַט דעם זעלבען כבוד ביי די אירלאַנדער ווי ביי די ענגלענדער. 1818 האָט מען פאַר מאָר'ען פאַראַנשטאַלטעט א באַנקעט אין דובלין, וואוהין עס זיינען געקומען איהם אָפּגעבען כבוד די העכסטע פאַרשטעהער פון דער ליטעראַטור און פּאָליטיק. ווען ער איז 1822 אָנגעקומען קיין פּאַריז, האָט די בריטישע הויכע געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען, אויך געמאַכט פאַר איהם א באַנקעט. נאָר די עלטער האָט איהם געבראַכט אונאַנגענעהמליכקייטען. ער האָט פאַרלוירען זיין געזונד און געהאַט צרות פון קינדער. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1852.